UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 73-74 - October 1973 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/03g0z707

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 73-74(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1973

**Copyright Information**
Copyright 1973 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 74-73

תשרי תשל״ד
OCTOBER 1973


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט

חיים גראַדע: לעגענדע (פּאָעמע) — — — — — — — — — — 3
אברהם גאָלאָמב: פּעסימיזם און פאַרזיכיקע יידישע קולטור — — 5
משה שקליאַר: ווי אַ קין־צייכן (ליד) — — — — — — — — 12
מלך ראַוויטש: וואָס איז אַ ייד? ווער איז אַ ייד? — — — — 13
מ. חסיד: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — 16
זאב וואָלף סאָלעס: ספר הכוזרי לרבי יהודה הלוי — — — — 17
א. גאָלאָמב: עטלעכע באַמערקונגען וועגן „כוזרי“ — — — — — 21
פּינטשע בערמאַן: צוויי לידער — — — — — — — — — — 23
רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: די ברית חדשה און דער קלויסטער — — 25
יצחק קאָלער: רעליגיעז־נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין יהואָשעס דיכטונג — 31
פּ. ל. גאָלדמאַן: מאָביליזאַציע פאַרן יידישן בוך — — — — — 37
אריה פאָזי: עם הספר און די חשיבות פון ספר — — — — — 39
רחל ה. קאָרן: כמאַרעס רוקן זיך (ליד) — — — — — — — — 46
שמואל בריינין: כדי צו פאַרשטיין דאַרף מען לערנען — — — — 47

## אונדזערע אבידות

פיר יידישע דיכטערס ז"ל: — — — — — — — — — — — — 54
יעקב פרידמאַן — — — — — — — — — — — — — — 55
דוד איינהאָרן — — — — — — — — — — — — — — 56
אפרים אויערבאַך — — — — — — — — — — — — — 57
אברהם שלאָנסקי — — — — — — — — — — — — — 59

## שרייבערס און ביכער

משה שקליאַר: דוד ספאַרדס „ברענענדיקע בלעטער“ — — — — 62
זלמן שלאָסער: אַ פאָלקסטימלעכער ראָמאַן פאַר יונג און אַלט — — 65
הענעך בערמאַן: אַ וועגווייזער אין ים התלמוד — — — — — — 67
ז. בונין: קורצע ליטעראַרישע נאָטיצן — — — — — — — — 70
אלימלך דייטש: אונדזערע ברכות צו יעקב כהנא (קאַהאַן) — — — 73
שמואל וויס: פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס — 75
ניי־יאָר באַגריסונגען — — — — — — — — — — — — 79
לייב מלאך: אַ תחינה — — — — — — — — — — — — 80

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראָטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מ׳ר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטער

LABOR ZIONIST ALLIANCE
8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048
Telephone: 938-3823



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

7617 De Longpre Ave. — Los Angeles, Calif. 90046

I. Koller, S. Weiss, *Associate Editors*

S. Bunyan, *Editorial Secretary*

*Administration*: H. Berman, *Treasurer*

Elimelech Deitch • David Goldman • Sam Zuckerman

M. Goldfarb, *Financial Secretary*

3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. 90008 — Tel. 293-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.
100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס,
יצחק קאָלער,
מיטרעדאַקטאָרן
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

29טער יאָרגאַנג, נומ. 73-74 • תשרי תשל״ד—אָקט. 1973 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**חיים גראַדע** / ניו־יאָרק

## לעגענדע

(מיינע טייערע פריינד
יעקב און רעי קאַהאַן
מיט ליבשאַפט געווידמעט)

ווי אַ לעגענדע־אינדזל אַ פאַרזונקענער אין ים,
אַ שטאָט מיט גלעקער פון קרישטאָל און זילבערנע לבנהדיקע טורעמס,
וווּ מיט זכרונות לעבט און וואַרעמט זיך ווי ביי אַ פלאַם
אַ טויזנטיאָריק ווייס געשטאַלט און האָרכט דעם שטורעם;
אַן אוראַלט שטאָט וואָס שווימט אַרויס אין גינגאָלד פון פאַרנאַכט —
אַזוי האָב איך דיך פון דער ווייט, מיין גטעאָ, אויסגעדאַכט.

מיין אויסגעטרוימטע וועלט, פאַרגלעזערט אויפן גרונט פון ים,
מיין געטאָ־היים אין שטיינערדיקן קלעם פון געסלעך שמאָלע!
דער זונפאַרגאַנג האָט אויסגעגליט פון גאָלד און בראָנדז אַ ראַם
אַרום דיין קלסתר־פּנים, איינגעקאַרבט מיט סודות פון קבלה.
ווייל זינט איך בין אַוועק אין וואָגל, האָט ניט לאַנג געוועדט
און איך האָב אָפּגעטרייסלט פון די וואַנדער־קליידער
דעם וועג־שטויב פון דער פרעמד, און האָב זיך אין געדאַנק צוריקגעקערט
צום עבר דיינעם, ווי אין זיידנס חדר.

די זון האָט דיך מיט פורפורנע פרוכתן פאַרצויגן,
אַרומגעטוליעט האָבן דיך די אַלטע טרויעריקע ווענט,
און איך האָב אויף מיין נע־ונד די אויסגעוויינטע אויגן
צו דיינע נידעריקע טויערן געווענדט.
איצט שפינסטו דיין לעגענדע ווידער אין דער טיף,
און אויך אין מ י י ן האַרץ איז צוריק אַמאָליקער געבעט דאָ,
מיין תהום־פאַרזונקענע, מיין וונדער־שיף,
מיין אָפּגעצוימטע געטאָ.

אין מידבר וויט, צופוסנס פון צעבליטע ווייסע בערג,
איך וואָגל אום און חלום אויס אַ היכל פון דיין תפיסה,
און זינג נאָך דאָס געזאַנג פון דיינע שבת־נעכט די זיסע,
אין עלנטע פאַרנאַכטן אויף די פוסטע מזרח־מערק.
איך זוך אין הייסן זאַמד דעם דימענט פון מיין נעכטן,
אַז ער זאָל מיר פאַרויסשטראַלן מיין מאָרגן.
מיט דיינע לאַבירינטן וויל איך זיך צוזאַמענפלעכטן,
דיין ליכט זאָל מיך באַלויכטן פון פאַרבאָרגן.

כאָטש מיר, דיין זון דעם לייבלעכן, איז ניט באַשערט
מיט דיינע מאַטערנישן זיך צו טיילן,
דערגייט צו מיר דיין שעפּטשען דורך דער אונטערערד,
די נאַכט־שאָטנס דערפירן מיך צו דיינע היילן.
ווי דו בין איך אין ענגע דורכגאַנגן פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט,
און אין אַ קעלער העלף איך דיר די רינגען אין דער גלות־קייט
צו ציילן.
געעלטערט און פאַרפרומט, באַגלייט איך דיר אין קלויזן,
איך זוך מיט דיר אויף בוידעמער אין שטויסן שיימעס.
מיט דיר אין שטילקייט פון אַ פאָליש וויל איך הויזן,
ביי דיר אין טונקל און אין גליווערניש מיין היים איז.

דער פינצטערער געדריי פון דיינע קאָרידאָרן די געהיימע,
איז הינטער מיינע האָר, אין לייב אַריינגעבערענט מיר ווי אַ שטעמפּל.
פון מיינע אויגן קוקט דיין חושכניש, דיין שוואַרצע אימה,
נאָר אינעם חושך פון דיין מקום־קדוש פלעמלט נאָך אַן עמוד־לעמפּל.
ווי פאַרמעטענע שריפטן זיינען מיר די ברעטער פון דיין יעדער שטוב,
איך לייען דיינע אָפּגעשיילטע ווענט און ווייס, דו ווילסט ניט בלייבן,
וואָס ס'האָט פאַרטראַכט דער פייניקער: זאָלסט זיין אַ גרוב
דאָרט ווילדע וואַלד־חיות אַריינצוטרייבן.

אין אָסיענרעגן דורכגעווייקט, איך זינק אין ליים פאַמעלעך,
איך זינק אין זאַמד וואָס איז געוואָרן בלאָטע ביז צו מיינע לענדן,
נאָר אויך אין שמאַטעס און האַלב באָרוועס בין איך אַ בן־מלך,
ווי לאַנג איך לעב נאָך אין דיין מלכות פון לעגענדן.

און ווי איך זאָל ניט זיין אויף אַ מהלך רב,
אין לאַנד פון דעם אוזבעק, פון דעם טאַדזשיק און סלאַוו,
ווו די פאַמירער שנייבערג שטייגן ביז די הימאַלייַען —
איז זע אויפן הימל דיין קבלה־כתב
און וואַרט, דער גואל זאָל דיך פון דער גלות־קייט באַפרייען.



האַלט אונטער מיינע אָנגעשפּאַנטע לעצטע קרעפטן,
מיין היימשטאָט און מיראַזש אין היץ פון מדבר קאַראַקום!
איך גיי פון בענקשאַפט אויס מיט דיר זיך צו באַהעפטן,
פון בענקשאַפט בין איך הינטער אַלע מיינע ווערטער — שטום.

פון אָפּגרונט וואַקסט אַרויס, מיין טרוימשיף מיט דעם וואַלד פון מאַסטן,
באַשיין מיך, טאָג אין געטאָ, מיטן בלוט־שיין פון דיין וואָר,
ווי צפון־ליכט אויף קאַלטע וויסטע וואַסערן קאַיאָר.
נאָר ווי אַן אוצר איידלשטיינער אין אַ צירונג־קאַסטן,
וואָס טויכער האָבן אויפן גרונט פון ים געפונען,
וועט אויך דיין אור הגנוז איבערגיין פון דור צו דור,
און לויכטן מיט דער ליכטיקייט פון זיבן זונען.

## אברהם גאָלאָמב

# פעסימיזם און פאַרזיכיקע יידישע קולטור

פעסימיזם איז לעצטנס שטאַרק פאַרשפרייטט צווישן אונדזערע יידן אין אַמעריקע. איבערהויפּט טרעף איך אַזוינע וועלטלעכע יידישע קולטור־טוער. און איך מיין אַז אָט דער פעסימיזם איז אויך באַרעכטיקט. מענטשן האָבן אַ גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן צייט און ענערגיע, מענטשן וואָס האָבן אַ סך געטאָן און צום סוף — זיינען זיי געבליבן איינזאַם אין זייער אייגענער משפחה.

וועלטלעכע יידישקייט בכלל ווי אַן אידעאַל — ניטאָ כמעט אַזוינע יידן וואָס זאָלן גלייבן אין אַזאַ אידעאַל. וועלטלעכע יידן זעען ניט זייערע אייגענע קינדער זאָלן גיין אין זייערע וועגן. היינט ווי קענען זיי ניט ווערן קיין פעסימיסטן? עס איז ניטאָ קיין מוט עפּעס צו טאָן, עפּעס צו נעמען, אָנהייבן צו טאָן. מען טוט נאָך אָפט זאַכן פון געוווינהייט, עס איז זיך שווער אָפּצורייסן פון דעם וואָס מען האָט געטאָן אַ גאַנץ לעבן, אָבער עפּעס נייעס — דאָס גייט ניט. איר רעדט מיט אַזוינע יידן וועגן עפּעס. מען הערט אייך אויס און ווי מען וואָלט אייך געענטפערט — צו וואָס? וואָס וועט ווערן פון דעם? מיט וועמען וועט איר עס טאָן? סיי ווי גאָר ניט... ניטאָ קיין מוט, קיין גלויבן.

איך אַליין בין פאַרשריען און פאַרשריבן פאַר אַ געפערלעכן פעסימיסט. נאָך פון ניגערן אָן. פריינד פלעגן שרייבן בריוו: „פאַרוואָס זייט איר אַזאַ פעסימיסט?" מען טאָר ניט זיין אַזוי! און איך מיין — ס'איז דאָ גענוג פון וואָס צו זיין פעסימיסטיש: געווען אַ גרויסער עולם, געבליבן הייפעלעך, גייען אַרום איינציקע עלטערע יידן — וועלטלעכע, ווי אויף אַ פרעמדער וועלט. געקעמפט אַ גאַנץ לעבן קעגן רעליגיע. יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע, נאָר אַ פאַרזיכיקע גאַנצע קולטור. יידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק; האָט גאָרניט און דאַרף גאָר ניט נעמען פון אַנדערע... און ניטאָ צו וועמען צו ריידן, קיינער הערט ניט. און אויב מען הערט, קוקט מען אויף דיר ווי אויף אַן אָפּגעלעבטן, פון אַ צווייטער וועלט עפּעס.

יידיש. די שפּראַך פון יידישן פאָלק? ווו איז דאָס פאָלק און ווו איז דאָס לשון יידיש? וויפל קינדער ריידן יידיש? וויפל לייענען יידיש? די יידישע פרעסע ווערט אַלץ אָרעמער; יידישע פאַרלאַגן — זיינען אַמאָל געווען, היינט ניטאָ. יידישע שרייבער? ניטאָ קיין יונגע, די אַלטע שטאַרבן אויס, קיין יונגע קומען ניט צו. יידישע ליטעראַטור — געווען, יידישע לייענער — געווען; יידישע שרייבער — געווען אַמאָל, היינט ניטאָ ווער און ניטאָ פאַר וועמען.

געווען שרייבערס — פאַרגעסט מען זייערע נעמען, מאַלע וואָס געווען. ביכער פון יידישע שרייבערס — ווער קויפט זיי? ווער דאַרף זיי? אַ יידישער בוך־געשעפט פאַרקויפט צירונג, לייכטער, אפילו זייגערס מיט יידישע ציפערבלעטער, אָבער ניט קיין ביכער. האָט זיך אַזאַ געשעפט ליקווידירט, האָט ער ניט געהאַט וועמען אַוועקצוגעבן די יידישע ביכער, אפילו אָן געלט, אומזיסט. ווער דאַרף זיי? יידיש ווערט פאַר יידן אַ פרעמדע שפּראַך. אַמאָל איז אַ פאָלק געווען, אַמאָל האָבן יידן אַ שפּראַך געהאַט... אַלץ אַמאָל, ניט איצט. גייען נאָך אַרום אויף דער וועלט יידן מיט יידיש אַזוי ווי די „זוברעס", וואָס זיינען נאָך געבליבן פון אַן אויסגעשטאָרבענעם שבט . . .

אָבער מיט דער פרעמדער שפּראַך אין מויל, איז אויך דער געדאַנק ביי יידן — אַ פרעמדער, איבערגענומען פון דער פרעמד די ווערטער, נעמט מען אויך איבער די אינהאַלטן פון די ווערטער. ניטאָ מער קיין יידישער געדאַנק. זיינען די געדאַנקען פון יידישע שרייבערס אפילו פרעמדע, איבערגענומען, צוגעפּאַסט, ווי אַ פרעמדער בגד, איבערגעניצעוועט, פון פרעמדע פלייצעס. מען איז די געדאַנקען ווי „מגייר", פאַריידישט. און „קשים גרים"— גרים זיינען פאָרט ניט קיין דורותדיקע יידן, און די יידישע געדאַנקען, וואָס מען רעדט, וואָס מען לייענט, זיינען טאַקע ניט קיין אייגענע, יידיש־דורותדיקע; זיי זיינען פרעמדע, איבערגעזעצטע. ניטאָ אין זיי דער יידישער גייסט, דער יידישער טעם.

ווי קען מען זיין ניט קיין פעסימיסט? צוזאַמען מיט דער יידישער שפּראַך שטאַרבן אָפּ יידישע געדאַנקען, יידישע אידעען. צוזאַמען מיט דעם שטאַרבט אָפּ יידישער גייסט, דאָס יידישע פאָלק שטאַרבט אָפּ. עס פאַרמערט זיך ניט דאָס יידישע פאָלק. די צאָל יידן בלייבט ניט סטאַביל, נייערט זי ווערט קלענער. פאַראַנען יידישע שולן, צווישן זיי אויך גוטע שולן, אָבער זיי העלפן ניט, כמעט ניט. זייער תורה ווערט פאַרגעסן. נאָך פאַראַנען רעליגיעזע יידן, כלומרשט רעליגיעזע, אָבער קיין וועלטלעכע יידן זיינען ניטאָ. רוסן, טערקן, בלייבן רוסן, טערקן אפילו אָן רעליגיע; יידן אָבער אָן רעליגיע — וואָס איז זייער יידישקייט?

איז דער פעסימיזם באַרעכטיקט אָדער ניט? ער איז באַרעכטיקט און ניט באַרעכטיקט. פעסימיזם, ווי אַ באַלאַנס פון דעם וואָס עס איז אויפגעטאָן — זיכער באַרעכטיקט; פעסימיזם אָבער ווי אַן אידעע—ניט באַרעכטיקט! אַן אידעע דאַרף האָבן אַ געדאַנק פאַר דער צוקונפט; עס דאַרף זיין אַ פּראָגראַם, ניט קיין שטימונג בלויז. מיט קיין שטימונגען לעבט מען ניט. די פּראָגראַמען וואָס מען האָט געבראַכט, זיינען אַלע אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַנדערע באַדינגונגען. ווו איז אָבער די פּראָגראַם פאַרן היינט? פאַר הי? מען האָט גאָר אַזאַ ניט אויסגעאַרבעט. טאָ וואָס וויל מען? וואָס קען מען אויפטאָן, אַז מען האָט אפילו ניט קיין פּראָגראַם, קיין פּלאַן עפּעס אויפצוטאָן!

## ירמיהו הנביא און רבן יוחנן בן זכאי

ירמיהו האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן חורבן און רבן יוחנן בן זכאי — דעם צווייטן. ירמיהו איז שטיל געוואָרן גלייך מיטן חורבן. ער האָט געקאָנט נאָר וויינען, באַוויינען דעם חורבן. יוחנן בן זכאי האָט ניט געוויינט, ניט באַקלאָגט דעם חורבן, נאָר געטאָן: ניטאָ די מדינה, מוז מען שאַפן אַ יידישקייט אָן אַ מדינה. ניטאָ דער בית המקדש, איז רעכט עפּעס אַ בוידעם, אַ שאלקע. ניטאָ קיין קרבנות, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין בית המקדש, זיינען תפילות במקום קרבנות.

אַזוי האָט רבי יוחנן בן זכאי און אַלע זיינע נאָכפאָלגערס געפלאַנצט יידישקייט אויף אייביקע צייטן. ניטאָ ארץ ישראל, איז איינפלאַנצן אַן ארץ ישראל של מעלה אין האַרצן פון יידן דורך תפילות און ברכות. האָבן יידן איינגעשטעלט תפילות טל און גשם אין אַלע גלותן לויטן לוח פון ארץ ישראל. האָבן יידן געלעבט אין אַלע פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט, און אפילו קליינע קינדער האָבן מער געוווּסט פון ארץ ישראל ווי וועגן זייער היימלאַנד גופא. קען זיין, אַז די צו שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו ארץ ישראל האָט געשטערט די יידן אין משך פון לאַנגן גלות אויפצו־



בויען ערגעץ אַנדערשוואו אַן אַנדער ארץ ישראל, אפשר אפילו אַ בעסערע, אָבער דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק אונטערצושטרייכן די שעפערישע ראָל פון רבן יוחנן בן זכאי לגבי ירמיהו אין ענלעכע סיטואַציעס. עס קען הייסט עס, זיין אַ שעפערישער פעסימיזם: דאָס וואָס עס איז דאָ, טויג ניט. דערפאַר מוז מען בויען, שאַפן עפּעס נייעס, עפּעס אַנדערש. און עס קען זיין אַן אַטראָפּירנדיקער פעסימיזם: עס איז שלעכט, עס טויג ניט און מיר וועלן סיי ווי גאָרניט קענען ענדערן, פאַרריכטן, בעסער מאַכן. סיי ווי... וואָלט ביי יוחנן בן זכאי געווען דער אַטראָפּירנדיקער פעסימיזם פון ירמיהו, וואָלט היינט ניט געווען קיין יידיש פאָלק; עס וואָלט אפשר געווען אַ פיינע „איכה", א ספר אין תנ"ך, אפשר, גאָר דער גאַנצער תנ"ך וואָלט ניט געהאַט קיין היטער, קיין אָנהענגערס.

עס איז שלעכט, ערגער ווי שלעכט: דאָס יידישע פאָלק פאַרמערט זיך ניט, אָדער עס פאַרקלענערט זיך גאָר. אַקטיווע יידן פאַרמינערן זיך זיכער. ניטאָ קיין שעפערישער אינטערעס צו יידישקייט, צו יידישע פּראָבלעמען. ריכטיק!

וואָס איז דערפון געדרונגען? אַראָפּלאָזן די הענט און מיט אַ קרעכץ יוצא זיין, אָדער פאַרקערט?

קודם מוז מען קלאָר מאַכן וואָס עס איז געשען מיט דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט. — עס איז געשען איין גרויסע ענדערונג: דאָס יידישע פאָלק האָט די גאַנצע צייט, דעם גאַנצן גלות און נאָך פריער געלעבט אין גאַנצן פאַר זיך, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון ניט־יידן. און מיט איין מאָל זיינען מיר געוואָרן צוזאַמען. יעדער ייד באַזונדער איז אַריינגעפאַלן אין אַ סביבה פון ניט־יידן. יידן מיט ניט־יידן — איין קלאַס. יידן האָבן געלעבט אין שטעטל. דאָס שטעטל איז געווען אַ ריין יידישעס. טאַקע אין גלות, אָבער דאָך פאַר זיך, אָפּגעזונדערט, פאַר זיך סאָציאַל און קולטורעל באַזונדער. יעדער ייד איז געוואַקסן נאָר אין אַ יידישער סביבה. די מענטשהייט בכלל איז באַשטאַנען פון פּריצים אין די הייפן, פּויערים אין דערפער און יידן אין שטעטלעך. דריי באַזונדערע וועלטן. דורות באַזונדער. יעדער טייל האָט געהאַט אַן אַנדער קולטור, אַן אַנדער געשיכטע, גאָר אַן אַנדער היסטאָריע און אַן אַנדער שטייגער, אַן אַנדער טראַדיציע. קלאַסן האָבן זיך ניט געקענט מישן. פּויערים־קנעכט זיינען גייסטיק געבליבן קנעכט אפילו נאָך דעם ווי מען האָט זיי כלומרשט באַפרייט, און יידן זיינען געבליבן אָפּגעטיילט אפילו ווען זיי זיינען געווען רייכער פון פּריצים. עס איז געווען „שווער צו זיין אַ ייד", אָבער נאָך שווערער, אפילו אוממעגלעך צו ווערן אויס־ייד. אַ ייד האָט ניט געקענט ווערן קיין פּויער און ניט קיין פּריץ. געבאָרן אַ ייד, איז שוין אַ גאַנץ לעבן אַ ייד. דער מצב איז געענדיקט, ניטאָ מער.

האָט דובנאָוו געוווּסט, פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע יידישקייט האַלט זיך און לעבט אַ דאַנק דעם שטעטל. האָט ער געחלומט וועגן אויטאָנאָמיע. טאַקע אין שטעט, אָבער אויטאָנאָם, פאַר זיך. געגלויבט אַז די פאַרזיכיקע יידישקייט קען זיך האַלטן אויף דעם גוטן ווילן פון די יידן גופא, פון די יידן אַליין. טאַקע גלייכבאַרעכטיקט, אָבער דאָך פאַר זיך, ווייל גלייכבאַרעכטיקטע פעלקער בלייבן דאָך פאַר זיך אין די ראַמען פון איין מלוכה, פון איין לאַנד.

פאַראַנען טעריטאָריעלע קולטור־אויטאָנאָמיעס פאַר פעלקער וואָס זיינען קאָנצענטרירט אויף אַ שטיק לאַנד און עס קען זיין אויך אַ „פּערסאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע". אַזאַ וויליקע אָפּגעזונדערטע פאַרזיכיקייט קען זיין נאָר ביי געציילטע קליינע גרופּעס יידן, ווי למשל, ביי די חסידים אין ניי־סקווער (זע אין „הדואַר" פון ט"ו סיוון, תשל"ג: 'כפר של חסידים במחוז של נכרים" פון מרדכי זלדנר). אָבער עס קען ניט זיין קיין רייד, אפילו ניט קיין חלום וועגן אַזאַ פּרייוויליקער אָפּגרענעצונג פון אַ גרויסער צאָל יידן. די פאַרזיכיקייט פון יידן איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט אויטאָנאָמגעזעצן אין לענדער. מען דאַרף דאָך אויך האָבן אין זינען אַז אין שטעטל האָבן יידן אויך סאָציאַל געהאַט אַ פאַרזיכיקן שטייגער: יידן האָבן באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דאָרף אין מלאכה און אין „ווייטע" פּראָדוקטן, ווי זאַלץ, נאַפט, צוקער, הערינג וכדומה. אין היינטיקן אורבאַ־

ניזם איז די גאַנצע באַפעלקערונג איין קלאַס און אויך יידן זיינען אין דעם קלאַס. ניטאָ מער קיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן פאַר יידישער אָפּגעזונדערטער פאַרזיכיקייט.

דערצו קומען נאָך צו ריין סוביעקטיווע פאַקטאָרן, וואָס לאָזן גאָר ניט טראַכטן וועגן אָפּגעזונדערטקייט, וועגן ווייליקער פאַרזיכיקייט: יידן ליידן פסיכיש פון אַן אומאַכטונג צו זיך, האָבן זיי בדרך כלל גאָר אַ קנאַפּע אַכטונג צו יידישקייט בכלל. אָט די אומאַכטונג (מיר האָבן זי אָנגערופן עגאָפּאָביע־שינאה, ביטול צו זיך, צום נאַציאָנאַלן מהות). וואָס יידיש איז מיאוס, ניט שיין, ניט אנגענעם; עס ווילט זיך זיין „ווי אַלע". יידן קענען זיין צופרידן, אפילו שטאָלץ מיט יידישער רעליגיע, אָבער ניט מיט יידישקייט בכלל. יידן קענען זיין שטאָלץ מיט זייער גאָט, אָבער ניט מיט זייער פאָלק. אַ יידיש ווערטל: „יידן האָבן אַ גאָט — אַזאַ יאָר אויף מיר; דער יידישער גאָט האָט אַ פאָלק — אַזאַ יאָר אויף די גויים." ניט קיין ווונדער פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ עגאָפּאָביע צו יידן: אייביק געשלאָגן, פון אַלעמען געשלאָגן, באַליידיקט, במילא אַנטמוטיקט. איז שווער צו זיין אַ ייד אפילו ווען מען שלאָגט ניט.

אָט דאָס געפיל פון קליינקייט און שוואַכקייט, „כי היינו לעג וקלס בגויים" — האָט געמוזט ווירקן אויף דער פסיכיק בכלל. וויפיל וויצן יידן האָבן עס געשאַפן אויפן חשבון פון יידן! אין די ערשטע יאָרן פון ציוניזם זיינען גאַנגבאַר געווען גאַנצע לידלעך וועגן יידישער העלדישקייט: „קומו גיבורי ישראל — עוזר בעץ און יאַנקל קוועץ", אָדער: „מכבר ר' שמואל בר' יוסף מיטן ערשטן שאָס" און דער מכובד ר' שמואל ענטפערט: „אַי שש אָנכי על אמרותיך כמוצא שלל רב"...

און דאַכט זיך, אַז בנוגע צו יידישער אונטערנעמערישקייט און שעפערישקייט האָט מען שוין זיכער יאָ געקענט גלייבן, דאָך דערמאָנט זיך מיר עפּעס רעשטלעך פון לידלעך וועגן אַ פאַבריק פון טליתים אויפן הר הזיתים און אַ כשרע מקווה אין פתח תקווה, אָדער אַ פאַבריק פון חרוסת ערגעץ־ווו. אַן אָפּלאַכערישע באַציונג צו יידן און צום יידישן פאָלק בכלל. אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן פון אייגענעם יידישן פאָלק.

יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך ניט געשטערט צו פאַרשפּרייטן פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס אין די אַכציקער יאָרן. אַז אַ,אַ געטרייער ייד ווי אַנ־סקי האָט געוואָלט גיין „אין פאָלק" אַריין, איז ער געפאָרן אין קאַלוגע, אָדער ערגעץ אַנדערשוו אויסערן תחום. דאָס יידישע פאָלק האָט ער דעמאָלט ניט געזען אָדער פשוט פיינט געהאַט. עס דערציילן עטלעכע גרינדער פון דער יידישער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט, אַז רוסישע פּראָפעסאָרן האָבן זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף יידישע געזאַנגען. אַליין איז מען געווען גאָר ווייט פון דעם. אפילו די יידישע ליטעראַטור האָט דאָך אָנגעהויבן מיט קריטיק און נעגאַציע. אַזוי איז געווען דער אָנהייב פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור און אַזוי אויך די יידישע

די רוסישע רעגירונג האָט געטענהט, אַז יידן מוזן זיך קודם כל „אויסמענטשלען", אַזוי האָבן אויך געהאַלטן יידישע משכילים. דאָס אַקטועלע יידישע פאָלק איז ניט גוט; אין אייראָפּע האָבן יידן זיך שוין יאָ אויסגעמענטשלט און אויך... אויסגעיידישט — געוואָרן אויס יידן. די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ האָט געגלייבט אַז ייד און מענטש זיינען גאָר ניט קיין פּאָר: „יהודי בביתך ואדם בצאתך" האָט עס געהייסן די פּראָגראַם פון השכלה.

## ביקולטורישקייט אין אורבאַנישן גלות

די הויפּט־שוועריקייט פון דעם גלות איצט איז אָבער גאָר אַן אַנדערע, און אַן אָביעקטיווע, אַזאַ וואָס הענגט ניט אָפּ פון גוטן ווילן, נאָר פון דעם עצם אורבאַניזם איצט. עס איז אַ פאַקטאָר וואָס איז אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון שולן און פון לערנען בכלל. עס ליגט אין דעם אונטערשייד צווישן שטעטל און שטאָט. אין שטעטל האָט יעדער ייד פאַרבראַכט זיין קינדהייט און אפילו זיין יוגנט אין שטעטל. דאָרטן איז געווען נאָר איין יידישע קולטור, אָן אַ צומישונג פון אַ צווייטער קולטור. אפילו די גויים וואָס האָבן געלעבט אין שטעטל האָבן געהאַט אַרום זיך דעם יידישן שטייגער, און נאָר אים. אין שטאָט אָבער וואַקסט דאָס יידישע קינד פון אָנ־



הייב אָן אין צוויי קולטורן איינצייטיק. קען די היים זיין אַ דורכויס יידישע, אַ רעליגיעזע אָדער אַ וועלטלעכע, אָבער אויסגעהאַלטן קולטורעל נאָר יידיש, איז אָבער די גאַס, דער דרויסן אין גאַנצן ניט יידיש. לעבט יעדער יידיש קינד פון אָנהייב אָן אין צוויי קולטורן, און אָט די צוויי קולטורן זיינען איינצייטיק, ביידע אין בעסטן פאַל צוזאַמען. און ביידע קולטורן דערציען, ביידע ווירקן אויף דעם וואַקסנדיקן יידן. און דאָס צעשטערט די גאַנצקייט פון דעם מענטשן. האָט אַ יידישער מענטש פון שטעטל אַרויס יאָ געקענט איינזאַפּן אין זיך נאָך אַ צווייטע קולטור און אפילו אַ דריטע, אָבער אָרגאַניש איז ער געבליבן דורך און דורך אַ ייד. דאָס קען אָבער ניט זיין אין שטאָט. דאָ זיינען די צוויי קולטורן לעבעדיקע, דערציערישע פאַקטאָרן איינצייטיק און על פּי רוב איז אפילו די היים אויך ניט אויסגעהאַלטן יידיש. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין צוויי קולטורן קען ניט אויסוואַקסן קיין מאָנאָקולטורעלער מענטש.

איך ווייס ניט ווי עס האָט זיך פאָרגעשטעלט די גלייכבאַרעכטיקונג דובנאָוו און אַנדערע, אָבער אַזוי איז דער פאַקט: אין דער טאָפּעלער קולטור־סביבה פון שטאָט איז אוממעגלעך אויסצוהאָדעווען גאַנצע יידן אפילו אין די בעסטע שולן.

ווען איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל אין קאַנאַדע, האָב איך געהאַט אַ גוטן מזל אַריינצוקומען אין אַ שול, וואָס האָט געהאַט ניט נאָר אַ יידישע טאָגשול און מיטלשול נאָר אויך ‚העכערע קורסן" יידישע. עס פלעגן קומען יידישע יוגנטלעכע, אוניווערסיטעט־סטודענטן 4 אָדער 5 מאָל אַ וואָך צו לערנען יידישע לימודים. מיט דעם עולם איז געווען גאָר ניט שווער צו באַרירן אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. דאָ האָט זיך באַלד פאַר מיר געשטעלט אַ שווערע פראַגע: זיי און זייערע עלטערן. דאָס רוב פון די עלטערן האָבן אין זייער יוגנט גאָר ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו ל ע ר נ ע ן. מען האָט געדאַרפט נאָך אין דער קינדהייט צו העלפן זוכן פרנסה. זיינען די תלמידים פון די העכערע קורסן געווען געלערנטער פון זייערע עלטערן. אָבער די עלטערן זיינען געווען אַקטיווע יידן, והא ראיה — דאָס האָבן זיי דאָך אויסגעבויט און געטראָגן די גוטע יידישע שול.

די יוגנט אָבער, מיינע תלמידים, מיט מער יידיש וויסן, איז אין אַקטיוון יידישן לעבן געווען כמעט ווי גאָרניט. זיי און זייערע עלטערן, וואָס האָבן אויפגעבויט די שול, די ערשטע טאָגשול אויף דעם גאַנצן קאָנטינענט, האָבן אויפגעבויט אַ יישוב, וואָס האָט געקראָגן אַ נאָמען „י ר ו ש ל י ם ש ב ק אַ נ אַ ד ע", און זייערע קינדער, מיט מער יידישן וויסן, זיינען דאָך געווען פּאַסיווער, פּאַסיווערע יידן. פאַרוואָס? איך האָב די פראַגע געשטעלט ווי פאַר די יונגע תלמידים, ווי אויך פאַר דעם פאָרזיצער פון שול — אַן אַדוואָקאַט, אַ גאַנץ לעבן געטריי־אויסגעהאַלטענער יידישער קולטורמענטש, מיט אַ רייכער יידישער ביבליאָטעק, אַקטיוו אין יידישער קולטור־אַרבעט.

וואָס די יוגנט האָט מיר געענטפערט געדענק איך ניט. קענטיק — איך האָב לכתחילה זייער ענטפער ניט אָנגענומען. דער שול־פאַרוואַלטער האָט מיר געענטפערט אַז די יוגנט האָט ניט קיין צייט: מען דאַרף זיך גרייטן צו דער קאַריערע.

אים האָט זיין ענטפער באַפרידיקט, מיך ניט. ערשטנס, איז די צאָל תלמידים אין די העכערע קורסן געווען נישטיק קליין לגבי דער צאָל תלמידים אין אָנהייב־שול; צווייטנס, זיינען זיי גאָר ניט געווען אַזוי פאַרנומען מיט זייער צוגרייטונג צו דער קאַריערע; דריטנס, זיינען דאָך זייערע עלטערן אויך ניט אַרומגעגאַנגען ליידיק; זיינען דאָך אויך די עלטערן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט פרנסה־אַרבעט. פערטנס, איז דער יישוב בכלל געווען אַ יונגער. די ענגלישע קולטור האָט ניט פאַרנומען קיין גרויסן אָרט אין לעבן בכלל. די אַלגעמיינע, ניט־יידישע באַפעלקערונג איז גאָר געווען מער אַן אוקראַאינישע. האָט יידישקייט, יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און יידישע קולטור פאַרנומען מער אָרט אין לעבן, ווען אַלע עלטערן זיינען געווען אימיגראַנטן. במילא האָט די שול אויך פאַר דער יוגנט געדינט ווי אַ סביבה. ניט ווייל די יידישקייט האָט שטאַרק אינטערעסירט, נאָר עס איז קיין אַנדערע נאָך ניט געווען.

עס דאַכט זיך מיר, אַז טאַקע זיינען די העכערע קורסן שפּעטער בטל געוואָרן. אויך די מיטלשול איז מער ניטאָ. קענטיק אַז די יוגנט, וואָס שוין ניט שייך די עלטערן זאָלן שיקן, האָט אַנדערע אינטערעסן, וואָס ציען מער ווי די יידישע שול. די יידישע שול מיט אירע אינטערעסן ציען שוין מער ניט, קאָנקורירן מיט די אַלגעמיינע, וואָס ציען מער און שטאַרקער. האָבן מיר בכלל די גראַדאַציעס: הונדערט פּראָצענטיקע יידישע סביבה — אין שטעטל; די וואָס זיינען געוואַקסן אין שטעטל האָבן שוין זייער יידישקייט איינגעהיט אַ גאַנץ לעבן. זיי האָבן געקענט שפּעטער אַריינגעמען זייער פיל פרעמדע קולטור און וויסנס, אָבער דער באַזיס איז געבליבן אַ שטעטלדיקער. אַלע פרעמדע קולטורן האָבן זיך אַסימילירט אין דעם שטעטלשן פונדאַמענט. דאָס שטעטל איז געווען יידיש, איז די יידישקייט געבליבן, איינגעוואָרצלט, ניט אַרויסצורייסן אפילו מיט שמד.

שוואַכער איז געווען די יידישקייט אין שטאָט. דאָ איז די סביבה שוין געווען ניט הונדערט פּראָצענטיק, איז אויך די איינגעוואָרצלטע יידישקייט געווען שוואַכער און קיינע גוטע שולן האָבן ניט געקענט ממלא זיין דאָס וואָס עס האָט אויסגעפעלט. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע יידישע שרייבערס שטאַמען פון שטעטלעך דווקא. ווייניקער, אַ סך ווייניקער קומען פון גרעסערע שטעט, הגם שולן יידישע זיינען אין די שטעט געווען בעסערע און גרעסערע. און דאָס איז גערעדט וועגן די שטעט אין מזרח־אייראָפּע, ווו יידן האָבן מער געלעבט אין באַזונדערע יידישע ראַיאָנען, וואָס האָבן נאָך אפילו געטראָגן אַ כאַראַקטער פון שטעטל.

נאָך קנאַפּער איז די יידישקייט אין די נייע יישובים, ווו יידן פאַלן אַריין דירעקט אין גרויסע שטעט, אויסגעמישט מיט ניט־יידן. ניטאָ מער קיין יידישע סביבה ניט אין גאַס, ניט אין דער אַלגעמיינער שול, און אָפט און אָפטער אויך אין דער היים. דאָ פאָדערט זיך גאָר אַ שטאַרק אָנשטרענגונג פון דער אויסגעהאַלטענער יידישער היים, זי זאָל קענען גובר זיין די השפּעה פון דער גאַס, פון דער סביבה... די אָנשטרענגונג, ווו זי איז דאָ, קומט מצד דער רעליגיע. יידישקייט פאַר זיך, יידישקייט פּשוטע, וועלטלעכע, טאָג־טעגלעכע, רופט ניט אַרויס קיין פאַרעקשנטע אָנשטרענגונג. „איך פיר זיך אַזוי, ווייל אַזוי איז עס אַ מצווה. איך טו עס ניט, ווייל עס איז אַן עברה״ — אַזאַ פּסיכיק איז מעגלעך ביי יידן, אָבער עס איז כמעט ווי ניט מעגלעך ביי יידן אַזאַ מין פּסיכיק: „איך טו עס ווייל אַזוי פירן זיך יידן. איך עס פּסח מצה ווייל עס איז אַן עברה צו עסן ברויט״ — דאָס איז מעגלעך. אָבער עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו הערן: „איך עס פּסח מצה און איך פאַסט יום־כיפּור ווייל אַזוי פירן זיך יידן און איך וויל זיין אַ ייד מיט יידן צוגלייך — אַזאַ מין אידענטיפיקאַציע מיט יידן איז שוין גאָר זעלטן.

עס איז ניט שווער צו זיין אַ ייד צווישן יידן; עס איז שווערער, אַ סך שווערער צו זיין אַ ייד צווישן ניט־יידן. דערפאַר איז צוגעבונדנקייט צו יידישקייט שטאַרק אין שטעטל, שוואַכער אין שטאָט, נאָך שוואַכער אין די נייע יישובים, גאָר שוואַך אין די היימען פון די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע יידן, בכלל אין היימען אָן אַ שטייגער.

און די שולן? — מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף די שולן. אַ שול, אפילו אַ גוטע, קען אויסלערנען צו וויסן וועגן יידישקייט. אָבער ניט דאָס וויסן שאַפט דעם יידן אין אַ יידן. אַ ייד וואָס ווייסט גאָרניט פון יידישקייט,, אָבער ער איז אויסגעוואַקסן אין פּראַקטישער יידישקייט, איז מער ייד, געטרייער, אויסגעהאַלטענער איידער אַזאַ וואָס ווייסט זייער פיל פון יידישקייט, אָבער ער איז געוואַקסן אָן אַ יידישן שטייגער. מען קען אויסלערנען צו וויסן יידישקייט, אָבער מען קען ניט אויסלערנען צו זיין אַ ייד.

ו י ס ן און ז י י ן זיינען צוויי באַזונדערע און גאַנץ ווייטע זאַכן. אין דער ליטע, אין פּוילן, בכלל אין מזרח־אייראָפּע האָט מען געדאַרפט אין שולן לערנען יידישקייט כדי צו וויסן. יידן זיינען די קינדער געווען סיי ווי. יידישע קינדער דאַרפן וויסן וואָס עס איז יידישקייט. אָבער די קינדער פון יידן וואָס וואַקסן אָן פּראַקטישער יידישקייט, קען דאָס וויסן



יידישקייט געבן נאָר מאַטעריאַל צו פאַרגעסן. מער גאָרניט.

דאָס איז דער גרויסער טעות פון די יידן וואָס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף די שולן: „זיי וועלן שוין די קינדער מאַכן פאַר יידן.״ ניין! די שול קען אויסלערנען מען זאָל וויסן, אָבער די שול קען ניט מאַכן מען זאָל ז י י ן אַ ייד.

אָט פון וואַנען עס נעמט זיך דער פּעסימיזם פון די וועלטלעכע יידן היינטיקן טאָג. מען האָט געפירט וועלטלעכע יידישקייט אַ גאַנץ לעבן און עס איז גאָר ניט געבליבן. איז אָבער דער פּעסימיזם באַרעכטיקט? ניין און ניין! דאָס וואָס עס איז געווען ביז איצט איז געווען ניט קיין וועלטלעכע יידישקייט, נאָר עס איז געווען אַ וועלטלעכע „אויסיידישונג״, אַ וועלטלעכע אָניידישקייט. עס איז געווען ניט קיין פּראָגראַם פון פּראַקטישער יידישקייט, נייערט עס איז געווען אַ פּראַקטישע אַנטי־יידישקייט. ערשט איצט דאַרף מען בויען און שאַפן אַ פּראָגראַם פון פּראַקטישער וועלטלעכער יידישקייט, יאָ, יידישקייט, ניט אויסיידישונג..

וועלטלעכע יידישקייט איז די איינציקע ריכטונג אין יידישן פאָלק, וואָס וויל, וואָס קען און וואָס דאַרף טעאָרעטיש ממשיך זיין יידישקייט פון שטעטל. עס איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן אפילו קיין פּרווו פון אמתער וועלטלעכער יידישקייט. דאָס דאַרף נאָך איצט געטאָן ווערן. שפּעט אפילו, אָבער בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל ניט. ניטאָ וואָס זיך אַרומצוטראָגן מיט דעם פּעקל פּעסימיזם און יוצא זיין מיט דעם. עס מוזן זיך איצט די וועלטלעכע יידן פאַרבינדן, מאַכן אַ קהילה, אַ מנין, אָנמערקן זיך אַ פּראָגראַם פון פּראַקטישער פירונג. עס מוז זיין אַ פּראָגראַם פון וואָך און יום־טוב. און ניט לשם פאַרווילונג, נאָר לשם מקיים צו זיין בפירוש מצוות יידישקייט. ביז איצט האָבן די איינציקע גרופּעס יידן וואָס האָבן ניט געדאַרפט קיין רבנים, קיין לערער, קיין אָנפירערס, געווען די וועלטלעכע יידן. כ׳מיין, אָפּצומעקן יידישקייט דאַרף מען ניט קיין אָנפירערס. וואָס יאָ איינפירן און ווי איינפירן — דערצו דאַרפן זיין אָנווייזער און אָנווייזונגען. דאָס האָבן וועלטלעכע יידן ניט געפירט. און דאָ איז געווען דער דעפעקט, דער חסרון.

געווען ביי מיר אַ רב פון ניו־יאָרק. דערציילט מיר זיין פּרווו, וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן: ער האָט געוואָלט מאַכן אַ מנין פון יידישיסטן, האָט ער זיך געווענדעט צו עטלעכע פאָרשטייער פון יידישיסטישע יידן. און קיינער האָט ניט געוואָלט אים העלפן. און אַ שאָד! בפירוש אַ שאָדן! יידישקייט מוז האָבן אַ „פאַרזאַמלונג־הויז״. מען מוז זיך צונויפקומען כדי צו זינגען און צו זאָגן. דער גאַנצער סידור, אָדער געקליבענע שטיקלעך; צוגעבן, אַריינפירן נייע עלעמענטן — אָן דעם קען ניט זיין יידישקייט, קיין וועלטלעכע אויך ניט.

איך ווייס פון עטלעכע וועלטלעכע משפּחות, וואָס האָבן צוליב די קינדער גענומען גיין פון צייט צו צייט אין שול אַריין, ווייל אַנדערע קאָלעקטיווע יידישקייט האָבן זיי ניט געפונען. האָט מיר דערציילט אַ יונגער מאַן, ווי זיין פאָטער האָט „געפּראַוועט״ בשעתו וועלטלעכע יידישקייט. ער האָט אין שול געלערנט וועגן פּסח, וועגן סדר, האָט ער געוואַרט אויף דעם. ערשט ס׳איז געקומען פּסח, נעמט די מאַמע און שטעלט צום טיש אַ געוויינטלעכע וועטשערע־ברויט. האָט דער זון ניט געוואָלט עסן, האָט אים דער טאַטע נאָך געפּאַטשט. . .

אַ תלמיד פון שול איז געקומען איין מאָל צו מיר: ער רופט זיין טאַטן אויף אַ משפּט צו מיר. וואָס איז? — ער האָט געפאָדערט דער טאַטע זאָל אויף די ימים נוראים קויפן אַ „שטאָט״ אין שול. ער וויל גיין ראש־השנה און יום־כיפּור אין שול אַריין. אַלע זיינע חברים גייען אין שול, וויל ער אויך גיין. האָט דער טאַטע אים אָפּגעזאָגט, געשריען אויף אים. וויל דער תלמיד איך זאָל עס משפּטן: ווער איז גערעכט — ער צי זיין טאַטע?

איך האָב אין טעלעפאָן אָנגעקלונגען, גערופן דעם פאָטער, אים דערקלערט, געפּרווט איבערציייגן אַז אויך אַ וועלטלעכער ייד „מעג״ גיין אין אַ שול. איז דער וועלטלעכער ייד געוואָרן גאָר אַן אויפגעקאָכטער. ער האַלט עס פאַר אַ שקר, ער וויל ניט זיין זון זאָל זיין אַ „היפּאָקריט״; ער וועט עס ניט דערלאָזן, בשום

אופן ניט!... ער פאַרשטייט גאָר ניט ווי איך וויל עס דערלאָזן...

צו אָט דער ליידיקער, אויסגעליידיקטער יידישקייט מוז נעמען אַ סוף! און ניטאָ קיין אָרט פאַר פעסימיזם! פּראַקטישע, פּאָזיטיווע, וועלטלעכע יידישקייט דאַרף מען איצט אָנהייבן. טאַקע שפּעט, אָבער פאַרפאַלן. ביז איצט איז געווען ניט קיין וועלטלעכע יידישקייט, נאָר ליידיקע, אויסגעליידיקטע יידישקייט. דאַרף מען ערשט זי אָנפילן מיט אַן אינהאַלט...

* * *

צום שבח פון לאָס אַנדזשעלעסער יידן דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב אַמאָל מיט היפּשע יאָרן צוריק באַקומען אַ בריוו פון לאָס אַנדזשעלעס קיין מעקסיקע מיט אַן אָנפרעג: ווי דאַרפן זיך וועלטלעכע יידן פירן ראש השנה און יום־כיפּור. מאַקס האָלצמאַן איז געווען אונטערגעשריבן. וואָס איך האָב געענטפערט געדענק איך ניט. קענטיק, אַז פון דעם איז גאָרניט געוואָרן.

פאַרוואָס — ווייס איך ניט. איך אַליין פאַרברענג די טעג אין שול מיט יידן.

## משה שקליאַר

# ווי אַ קין־צייכן

מיר זענען געפאַלן און געמיינט — מיר שטייגן,
פריי געווען אַזוי ווי פייגל אין די שטייגן;

קרישקעס האָבן מיר פון פרעמדע הענט געגעסן,
אַלץ געדענקט, נאָר בלויז אויף זיך אַליין פאַרגעסן.

און ווען אויפגעוואַכט אַמאָל האָט דער זכרון,
זוכנדיק די שיין, וואָס איז געגאַן פאַרלאָרן,

האָבן מיר געפּרוווט מיט ווערטער אים פאַרטויבן
און אַליין זיך פון פאַרגאַנגענהייט באַרויבן.

מיר האָבן געווייטיקט אינעם טיפן שוויגן,
שטאָלץ געווען און יעדן טאָג געמוזט זיך בייגן,

כורעים פאַלן פאַר די פאַלשע פרעמדע געטער,
בעת נישט אויפגעהערט זיי האָבן פון אונדז שפּעטן.

פון דעם אַלץ געבליבן זענען שאַרפע וווּנדן,
איינגעשניטענע אין האַרץ נישט צום פאַרשווינדן.

און פאַרמשפּט זענען מיר די וווּנדן טראָגן,
ווי אַ קין־צייכן ביזן סוף פון טאָגן.

און אויך נאָך דעם ווען דער צייכן שוועבן—
הענגען איבער אייגן אומגעבראַכטן לעבן.



מלך ראַוויטש / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

# וואָס איז אַ ייד? ווער איז אַ ייד?

.1

פון ריין רעליגיעזן קוקווינקל איז עס די לייכטסטע זאַך אין דער וועלט צו ענטפערן אויף דער פּשוטער און דאָך אַזוי קאָמפּליצירטער טאָפּל־פראַגע: וואָס איז אַ ייד? ווער איז אַ ייד? — אַ ייד איז אַ מענטש, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ ייד, אָדער ער אַליין האָט זיך מגייר געווען און ער האַלט די תרי״ג מצוות, אָדער לכל הפּחות האַלט ער פון די תרי״ג מצוות. אפילו די וואָס שפּילן בלויז רעליגיע, פריידיקן תרי״ג מצוות און באַגייען תרי״ג עבירות — זיינען נאָך אַלץ יידן פון רעליגיעזן קוקווינקל.

די פליכטן בין אָדם למקום פון אַ רעליגיעזן ייד זיינען זייער קלאָר דעפינירט און עס זיינען פאַראַנען זייער אַ סך יידן, וואָס מיינען, אַז די פליכט־ליניע פון אַ ייד איז אַ גלייכע ליניע צווישן איין ייד און זיין איינציקן גאָט. האַלט ער, דער ייד־יחיד, רעלאַטיוו אָדער אַבסאָלוט, אין אָרדענונג די דאָזיקע דירעקטע פאַרבינדונג זיינע מיט זיין איינציקן גאָט, איז שוין גוט. דאָס ווייטערדיקע גייט אים נישט אָן. אמת איז, אַז צו די מצוות געהערט אויך ווילטעטיקייט צו מענטשן, דער עיקר צו יידן — נו, גיט ער אַ ביסל צדקה. אָבער אַז ער גיט — קוקט ער ניט דעם נויטבאַדערפטיקן אין פּנים אַריין, נאָר ער קוקט אין הימל אַריין — ער וויל זיין זיכער אַז דער כביכול זעט... דער ענין פון מצוות בין אָדם לחברו אינטערעסירט אים נישט אַליין און פאַר זיך, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם הימל.

אַזאַ מין אויסטייטשן פון דער יידישער ליניע, אַזאַ מין פּראַקטיקירן די יידישע ליניע איז ניט קיין מוז זאַך ביי אַלע פרומע יידן. ווייט פון דעם. נאָר זי איז זייער פּאָפּולער צווישן די יידן, וואָס האָבן אַ ריין־רעליגיעזע באַציונג צום גאַנצן ענין יידישקייט. באַזונדערס פּאָפּולער איז די אינטערפּרעטאַציע צווישן אייניקע יידן, וואָס די ציפער 613 (תרי״ג) אינטערפּרעטירן זיי, אין בעסטן פאַל, אָט אַזוי: זעקס פלוס איינס פלוס דריי איז סך־הכל צען... און די צען, די צען געבאָט, האַלטן זיי אויך זייער שיטער. דאָרט חיבורן זיי ווידער: איינס פלוס נול, איז איינס. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

.2

גייט מען נאָר איין שריטעלע אַוועק פון דעם ריין־רעליגיעזן קוקווינקל ווערט מאָמענטאַן די טאָפּל־פראַגע: „וואָס איז אַ ייד, ווער איז אַ ייד״ — אַ טיפער און אומדרינגלעכער דזשאָנגל... נישט אַריין און נישט אַרויס.

און עס איז נישט אויסצומיידן הייַנטיקע צייטן — און עס איז אפשר קיין מאָל נישט געווען אויסצומיידן — אַוועקצוגיין פון דעם ריין־רעליגיעזן קוקווינקל בנוגע דער יידן־פראַגע. יידן זיינען אַלע מאָל געווען אַ נאַציע, הגם זיי האָבן עס נישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן. נאָר געוויסע טיילן פון יידן האָבן זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו האָבן אַ ריין־רעליגיעזן אויסבליק־פּונקט בנוגע דער פראַגע „וואָס און ווער איז אַ ייד״. די גרויסע מאַסע יידן איז אַלע מאָל געווען אַ נאַציע — באַוווּסט צו איר אַליין, אָדער אויך נישט באַוווּסט.

און אויב נאַציע — שטעלט זיך שוין די פראַגע: וואָס־זשע איז נאַציע? און דאָ גייען מיר שוין פון איין דזשאָנגל אין אַ צווייטן אַריין... נאַציע איז געבונדן מיט איין לאַנד, איין שפּראַך, איין געשיכטע, איין טראַדיציע, איין מלוכה פאַר אַ געוויסער צאָל מענטשן.

וואָס שייך אונדז יידן שטימען נישט ביי אונדז, נישט נאָר נישט איינצלנע פון די אויבן־אויסגערעכנטע אַטריבוטן, נאָר קיין איינער אפילו שטימט נישט פון די דאָזיקע הויפּט־אַטריבוטן, און דאָך זענען מיר איין פאָלק. מיר זענען עס, כאָטש מיר זענען נישט איין ראַסע, רעדן נישט איין שפּראַך, זענען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלערליי מלוכות, וווינען נישט אויף איין שטיק לאַנד, האָבן נישט אַלע איין

רעליגיע — נעמענדיק אין אַכט, אַז אַ גרויסע מאַסע פון אונדז איז נישט רעליגיעז בכלל; האָבן נישט איין טראַדיציע, מחמת גרויסע טיילן פון אונדז זענען הונדערטער יאָרן לאַנג אָפּגעפרעמדט; האָבן אויך אין אַ געוויסן זינען נישט איין געשיכטע, אין בעסטן פאַל בלויז איין אורגעשיכטע (איך גלויב, אַז איך ווער דאָ נישט מיספאַרשטאַנען), און דאָך איז פאַראַנען עפּעס, וואָס מיר האָבן געמיינזאַם אין די צייטן פון אונדזערע ימי־הדין, וואָס זענען נישט צו זעלטן אין אונדזער גאַנג דורך די יאָרטויזנטער. מיר האָבן איין גורל... אונדזער גורל איז געמיינזאַם שוין זיבן טויזנטער יאָרן. כלפּי חוץ, פאַר דער וועלט זיינען מיר — אין צערודערטע צייטן, און נאָר אין צערודערטע צייטן, ווען די קראַנקע וועלט זוכט אַ קרבן און אַ שעיר לעזאזל — איינס. דאָס יידישע פאָלק, אָדער ריכטיקער — דער ייד.

דעמאָלט זיינען מיר עברים און נאָר עברים. דאַכט זיך, אַז דאָס ווייטערדיקע וואָרט שטאַמט פון היינריך היינע, און אויב איך מאַך אַ טעות, זאָל עס מיר פאַרגעבן ווערן: דעמאָלט שטייט די וועלט אויף איין זייט און מיר אַלע — צי מיר זיינען זעקס הונדערט, צי זעקס מיליאָנען, צי זעכצן מיליאָנען — ע ב ר י ם, אויף דער אַנדערער זייט פון אַלע טייכן און גרענעצן, וואָס צעשיידן די מענטשהייט.

### .3

יאָ, איין זאַך איז זיכער: יידן — אַלע, אָן אויסנאַם — האָבן אַ געמיינזאַמען גורל.

וואָס אַ ייד איז — פון נישט־יידישן קוקווינקל — לאָזט זיך דעריבער נישט צו שווער דעפינירן. אַ ייד איז אַ מענטש, וואָס איז נישט קיין גוי.

אַזוי איז עס כלפּי חוץ — אַזוי צו זאָגן.

אָבער אונדז וואָלט זיך וועלן דערגיין דעם סוד און ענטפערן אויף דער פראַגע: ווער איז אַ ייד — פון כלפּי פּנימיקן נאַציאָנאַלן און נישט שטרענג־רעליגיעזן קוקווינקל.

און וועגן דעם ווילט זיך עס אַ ביסל ריידן, אַ מאָל קען מען זיך אויך דערריידן צו עפּעס.

כלפּי פּנים טיילט דער שרייבער פון די שורות איין די יידן, זיין פאָלק, אין צוויי קאַטעגאָריעס: קוואַליטעט־יידן און קוואַנטום־יידן, איכות־יידן און כמות־יידן.

איכות און כמות איז אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך אָנווענדן אויף אַלע זאַכן אין דער וועלט. אויך די ענגלענדער, רוסן, זולוס און ווער דען נישט, האָבן קוואַנטום־ענגלענדער און קוואַליטעט־ענגלענדער אא״וו.

אָבער... יאָ, אָבער בשעת די קוואַנטום־ענגלענדער זיינען פאַר ענגלאַנד אַ גרויסער פּלוס אין נאַציאָנאַלן זינען, איז עס נישט אַזוי דער פאַל ביי אונדז יידן. אַ גרויסע מאַסע ענגלענדער, גרויס קוואַנטום, באַטייט אַ סך שטייערן פאַר דער מלוכה, אַ סך אַרבעטסקראַפט און אַ סך סאָלדאַטן אין צייט פון קריג. פּונקט ווי אַ סך קוואַליטעט איז פאַר יעדן פאָלק נאַטירלעך אַ פּלוס — אַזוי איז אויך אַ סך קוואַנטום פאַר יעדן פאָלק אַ פּלוס. נישט אָבער אַזוי ביי אונדז יידן. מיר האָבן נישט (אין די תפוצות) קיין עקזעקוטיווע קראַפט צו נעמען שטייערן ביי יידן לויט זייערע מעגלעכקייטן צו געבן. אַ סך מאָל מאַכט זיך — און עס איז לרוב אַזוי — אַז יידישע שטייערן ווערן געצאָלט אין דער פאַרקערטער פּראָפּאָרץ ווי מלוכה שטייערן. וואָס אַרעמער אַ ייד איז אַלץ מער יידישע שטייערן צאָלט ער — נישט נאָר רעלאַטיוו, נאָר אַבסאָלוט אין פאַרגלייך מיטן גביר. ווייטער באַטייט אַ גרויסע מאַסע יידן נישט אַלע מאָל יידישע נאַציאָנאַלע אַרבעטס־קראַפט.

איך האָב אַ מאָל אַ זייער הייסן נאַציאָנאַליסט געזאָגט וועגן מיינע ספקות וועגן יידישן כמות. ער איז אַ האַלבע שעה שפּעטער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און געזוכט אַן אַרגומענט קעגן מיר; ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: — אָבער יעדע איינציקע יידישע מוטער איז אַ פּאָטענציעלע מוטער פון אַ פּראָפעסאָר איינשטיין, און דאָס איז גענוג... אַ פערטל שעה שפּעטער האָט מיין פריינד באַקומען פון מיר אַן ענטפער: — איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע האָט קיין שום שייכות נישט צו זיין יידישקייט.

מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען — ביידע אין ספקות...

### .4

יאָ — און ריידנדיק טאַקע וועגן איינשטיין אין שייכות צום יידישן קוואַנטום.



אַ מאָל, בעת ס׳זיינען אין יידישע און אין אַלע גויאישע צייטונגען דערשינען אַרטיקלען וועגן דער שייכות פון איינשטיין מיט דער אַטאָמישער באָמבע, וואָס מיט איר איז אַנטהאַלטן איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע, איז דער קוואַנטום־ייד ראובן געוואָרן זייער שטאָלץ ביי זיך, איז אין יענעם טאָג צוגעגאַנגען צו זיינע גויאישע שכנים און זיי געוויזן די צייטונג און הויך־הויך אויפגעהויבן זיין קאָפּ. איין קלייניקייט — ער און פּראָפ׳ איינשטיין זיינען דאָך לייבלעכע ברידער... איז אין זעלביקן טאָג דער קוואַליטעט־ייד שמעון אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאַמלבויגן פאַר אַ באַשטימטן יידישן נאַציאָנאַלן פּראָיעקט, און אויף יענעם זאַמלבויגן איז אויך געווען דער נאָמען פון פּראָפ׳ איינשטיין אַלס ערן־פּרעזידענט פון פאָנד. און שמעון, דער איכות־ייד איז צוגעקומען צו ראובנען דעם כמות־ייד נאָך אַ נדבה, און ראובן האָט זיך פאַרקרימט און געגעבן עפּעס־וואָס אויף אָפּצוקומען, און דער גאַנצער ענין איינשטיין האָט אים שוין מער נישט געשמעקט. ער איז גרייט זיך מתייחס צו זיין מיט דעם פּראָפ׳ איינשטיין פון דער אַטאָם־באָמבע, אָבער מיט יענעם איינשטיין, וואָס שמעקט מיט רויטער פּאַטשיילע... מע, ער ווייסט גאָרנישט ווי שטייט עס גאָר אָן איינשטיינען צו לאָזן דרוקן זיין נאָמען אויף זאַמלליסטעס.

אָבער אויך דאָס זיינען מיר נישט אויסן. פאַראַנען אַ סך יידן, וואָס טראָגן אויף די קעפּ גאָלדענע קרוינען פון איכות־יידן און זענען אין די הערצער גאַנץ פּשוטע כמות־יידן פון אַ נידעריקן סאָרט.

### .5

איז וואָס און ווער איז אַ כמות־ייד איז שוין מער־ווייניקער קלאָר. אָבער וואָס איז אַן איכות־ייד? און אָט וועל איך מיר דערלויבן צו געבן די דעפיניציע, און שוין נישט צום ערשטן מאָל, נישט אין ערשטן מאמר מיינעם און נישט אין ערשטן לאַנד. די דעפיניציע גייט מיר נאָך כסדר און אָפּט דערפיל איך אַן אינערלעכן צוואַנג זי אַרויסצוזאָגן.

אַ קוואַליטעט־ייד, אָדער איכות־ייד, איז אַ מענטש, וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַ ייד און וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער עטנישער, קולטורעלער, אָדער רעליגיעזער איינהייט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו — און וויל אַז איר עקזיסטענץ זאָל אויפגעהאַלטן ווערן אַזוי לאַנג ווי אַזעלכע איינהייטן וועלן אויף דער וועלט עקזיסטירן.

אַ קוואַליטעט־ייד מוז:

1. באַזיצן אַ סכום עלעמענטאַרן וויסן וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און זיך באַמיען דעם דאָזיקן וויסן שטענדיק אויסברייטערן.

2. האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו וויניקסטנס איינער פון די איצטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן און זיין איר אַקטיווער מיטהעלפער כאָטש אין אַ מינימאַלער פאָרם. די באַוועגונג מוז אים קאָסטן נישט נאָר זיין געפיל און געדאַנק, נאָר אויך זיין צייט און זיין געלט.

3. ער מוז האָבן אַ חלום וועגן וועלכער נישט איז פאָרם פון אַ בעסערער און אייביקער יידישער צוקונפט און ער מוז זיינע אייגענע שריט ווענדן אין דער ריכטונג פון זיין חלום און אַזוי אויך זיין באַמיט צו ווענדן די שריט פון זיינע אייגענע יידישע קינדער, אויב ער האָט זיי, זיין יידיש ווייב, יידישע פריינד.

אויב עס פעלט בלויז איין פוס פון דעם דאָזיקן דריי־פוס, אויף וועלכן עס האַלט זיך די עקזיסטענץ פון אַ קוואַליטעט־ייד, פאַלט יענער ייד אַרויס פון דער קאַטעגאָריע איכות־ייד. מחמת אַ דריי־פוס קען שטיין פעסט אויף זיינע דריי פיס, אָבער ער קען בהלוטין אפילו אַ רגע נישט שטיין אויף צוויי פיס.

אָט די אַרויסגעזאָגטע דעפיניציע פון אַ קוואַליטעט־ייד שטייט פּאַקטיש איבער אַלע ריכטונגען אין יידישן לעבן. זי איז כולל — זעלבסטפאַרשטענדלעך — אויך רעליגיעזע יידן. זי איז כולל אַלע יידן פון די אַלערליי פּאַרטייען צו וועלכע זיי ווילן זיך אָנגעהערן.

די דעפיניציע שליסט אויס פון איין זייט די אַסימילאַטאָרן פון נאַציאָנאַלן קוקווינקל, און יענע, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון שמד פון רעליגיעזן קוקווינקל.

די דעפיניציע שליסט אויך אויס די עקסטרעמיסטן, וואָס זיינען אַזוי אַריינגעשרויפט אין זייערע פּאַרטייאיש־יידישע

מ. חסיד / מאָנטרעאַל

# צוויי לידער

## אויף דער וואָג

אַ יעדן טאָג ווער איך געהאַלטן
אויף דער וואָג
און קום אַרונטער
אָפּגעוואויגן.
עס טוט אַ ציִ מיך
שטאַרק
צו זיך די ערד—
גיי איך דערפאַר
האַלב איינגעבויגן.
אַ יעדן טאָג פאַרליר איך
פון מיין מויל
אַ וואָגיק וואָרט
און זוך אַרום עס
כסדר.

איך קען ניט זוכן עס
צו פוס,
פירט מיך די וועלט אַרום
אויף רעדער.
געפינען אויב איך קען
געפינען
נאָך
מיין אויסגעליידיקט וואָרט
און עס פאַרשעמט אויף אייביק
און בענקען בענקט עס טרויעריק אין מיר
ווי מאַנגער וואָלט געבענקט
און לייוויק.

## אַ נאָכגייער

ער איז מיר נאָכגעגאַנגען,
פון אומעטום מיר נאָכגעגאַנגען,
מיט אויגן גיריקע,
מיט הענט מיט גליטשיקע
און סלינעדיקן מויל,
אַ גרייטער אויסצוכאַפּן
וואָס איך וועל פאַרקוקן.
אַ לעבן לאַנג
האָב איך געפילט זיין אָטעם
בריען
און פאַרשרפענען מיין רוקן.
אויף קיילעכדיקער ערד
איז ער מיר נאָכגעגאַנגען—
עלעהיי
ווי שולדיק וואָלט איך שולדיק
אים געווען
אָט דאָס וואָס איך קען אויפטאָן,
הערן,
זען
און פאַר זיין טאָרבע איז מיין
האָב און גוטס
באַשערט.
איך האָב זיין בליק געפילט,
זיין באָרוועס גיין
געהערט
און אָפט פאַרגעסן ווער איך בין
און ווער איז ווער—
צי זיינען ביידע
מיר
ניט איינס
און אָט אַזוי
איז ער גאָר ניט
דאָס כיטרע שייגעצל
און הינקענדיקער גוי
און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
די לוחות שטיינערנע
און צען געבאָט
עס האָט זיי גאָט
מיר אין די הענט אַריינגעשטופּט
איך זאָל זיי טראָגן אַזוי לאַנג
צו איבערגעבן —
אויף וויפל איך וועל קענען
פון אים ראַטעווען
מיין לעבן.

---

אידעען, ווי אַ שטאָל־בויערער אין אַ פעלז... ווייל פונקט ווי דער קוואַנטום־ייד זיינען זיי געפערלעך, די פאַרטייאישע טאָטאַליטאַריער, אין יידישן לעבן, אין דער יידישער געשיכטע.

אָט דאָס איז, אַן ערך, דער ענטפער פון מיין וויניקייט אויף דער טאָפּל־פראַגע: וואָס איז אַ ייד? ווער איז אַ ייד? פאַרטראַכט זיך טיף, מעסט צו מיין דעפיניציע קודם כל צו זיך אַליין, ווייל אויך איך טו עס אין די שעהן פון מיינע ספיקות כמעט טאָג־טעגלעך מיט זיך, שטעל מיין קאָפּ אונטער דעם רוקער פון דער מאָס־דעפיניציע פון אַן איכות־ייד.



זאב וואָלף סאַלעס

# ספר הכוזרי לרבי יהודה הלוי

(תרגום מנוקד ומפוסק ומלווה מראה־מקומות והערות עם מבואות ועם מפתחות מפורטים, מאת יהודה ב״ר שמואל. הוצאת „דביר״, תשל״ב)

## א.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דערשינען אַ נייע העברעישע איבערזעצונג פונעם ספר הכוזרי פון רבי יהודה הלוי, מתורגם פונעם גרויסן מלומד יהודה אבן שמואל (ד״ר יהודה קויפמאַן). די איבערזעצונג איז באַגלייט מיט דעם מתרגמס מראה מקומות און הערות, וואָס אַלץ צונויפגענומען האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם איבער די יידישע לומדישע קרייזן פון עולם ומלואו.

ווי ס׳איז באַקאַנט, זיינען די פילאָסאָפישע ווערק פון די חכמי ספרד געשריבן געוואָרן אין דער אַראַבישער שפּראַך. רבינו סעדיה גאון איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט זיין ספר האמונות והדעות אָנגעהויבן אַריינברענגען די גריכישע פילאָסאָפיע אין דער יידישער אמונה. נאָך אים האָבן נאָכגעפאָלגט רבי שלמה אבן גבירול, רבנו בחיי אבן פקודה, רבי יהודה הלוי, דער רמב״ם און אַנדערע. אַלע האָבן גענוצט די אַראַבישע שפּראַך פאַר זייערע פילאָסאָפישע ווערק. העברעיש איז ביי זיי געווען באַגרענעצט פאַרן באַנוץ פון תורה ענינים און איבערהויפּט פאַר פּאָעזיע.

מיר מוזן געדענקען, אַז אין יענע צייטן איז דער צענטער פונעם יידיש־גייסטיקן לעבן געווען אין דער אַראַבישער שפּאַניע. די יידן מלומדים אין די אַנדערע לענדער האָבן אַראַביש נישט פאַרשטאַנען און זיך גענייטיקט אין אַן איבערזעצונג פון אָט די אַראַביש־געשריבענע ווערק. אַזאַ איבערזעצער איז דענסטמאָל אויפגעשטאַנען אין ל ו נ ע ל, דרום פראַנקרייך — רבי יהודה אבן תיבון. ער איז געבוירן געוואָרן אין גראַנאַדע, אַראַבישע שפּאַניע (רמון ספרד). נאָך אים האָבן זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען פון אַראַביש אויף העברעיש זיין זון ר׳ שמואל און זיינע אייניקלעך, ר׳ משה און ר׳ יעקב.

די מיוחסדיקע מיטגלידער פון דער משפּחה אבן תבון האָבן זייער אויפגאַבע דערפילט בשלימות, לויט די שפּראַך־מעגלעכקייטן פון יענער צייט.

ווי פריער דערמאָנט, איז ביז דענסטמאָל העברעיש באַנוצט געוואָרן בעיקר פאַר תנ״ך פירושים, דינים ומנהגים און אַנדערע דברי תורה, און די שפּראַך האָט דעריבער נישט געהאַט דעם נייטיקן וואָקאַבולאַר אויסצודריקן אַלגעמיינע פילאָסאָפישע געדאַנקען. די אבן תיבונס זיינען אַזוי אַרום געצוווּנגען געווען צו שאַפן נייע העברעישע טערמינען פאַר די פילאָסאָפישע באַגריפן, און טאַקע אַ דאַנק זיי האָבן די שפּעטערדיקע דורות העברעישע מלומדים און אפילו ביז צום היינטיקן טאָג געהאַט די מעגלעכקייט אויסצודריקן אַבסטראַקטע געדאַנקען אין דער העברעישער שפּראַך. זיי האָבן אָפט איבערגעזעצט דעם אַראַבישן טעקסט וואָרט־ווערטערלעך. זייענדיק די ערשטע אויף דעם דאָזיקן געביט איז עס נאַטירלעך אַז זיי האָבן געמאַכט אַ סך פעלערן.

מיר מוזן אויך צוגעבן, אַז זייער העברעישער סטיל האָט אָפט געזינדיקט קעגן דעם גייסט פון דער העברעישער שפּראַך. עס זעט אויס, אַז זיי האָבן צומאָל נישט גענוי פאַרשטאַנען דעם אַראַבישן טעקסט. דערצו זיינען די אבן תיבונס געווען פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס פאַרשטייען די גרויסע אַחריות פאַר אַ וויכטיקער אַרבעט וואָס זיי נעמען אויף זיך, און מורא געהאַט צו ענדערן דעם אַראַבישן סינטאַקס אויף אַ ריכטיקן העברעישן סינטאַקס, טאָמער וועלן זיי חלילה דעם העברעישן לייענער אַריינברענגען אין טעותן אָדער פאַלשע אויסטייטשן. אָט די מורא איז באמת געווען זייער גרעסטער חסרון. די לייענערס פון זייערע איבערזעצונגען אין די

נישט־אַראַבישע לענדער האָבן אַ גרויסע צאָל פון אומגעלומפּערטע העברעישע זאַצן באַין אופן נישט געקענט פאַרשטיין.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ פאָדערונג פאַר פירושים, וואָס זאָלן קלאָר מאַכן די העברעישע טעקסטן. אַזוי איז טאַקע אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי פון מפרשים, וואָס האָבן זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם שווערן העברעיש פון די אבן תיבונס.

אין אמתן זיינען אויך געווען אַנדערע איבערזעצערס, וואָס זייער העברעיש איז געווען בעסער פון די אבן תיבונס. ווי למשל: רבי יהודה אלחריזי, דער מחבר פון ספר תחכמוני, אַ מיטצייטלער פון די אבן תיבונס, און אַנדערע. אָבער זייערע איבערזעצונגען האָבן זיך נישט אָנגענומען ביי די מלומדים. די איבערזעצונגען פון די אבן תיבונס זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר מער פינקטלעך, און אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג ביים יידישן פאָלק ביז די איצטיקע טעג.

רבי יוסף אלבו, וואָס האָט געלעבט אין שפּאַניע צום סוף פון מיטלאַלטער, האָט שוין זיין ספר העיקרים געשריבן אין אַ פיינעם העברעיש און גענוצט די העברעישע פילאָסאָפישע טערמינען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון די אבן תיבונס.

די יידישע מלומדים פון אַלע לענדער האָבן געלייענט און געלערנט די רעליגיעזע פילאָסאָפישע ספרים: האמונות והדעות, חובות הלבבות, הכוזרי און מורה נבוכים אין די העברעישע איבערזעצונגען פון די אבן תיבונס. זייערע העברעישע טערמינען פאַר אַבסטראַקטע באַגריפן זיינען געוואָרן אַן עיקרדיקער טייל פונעם העברעישן וואָקאַבולאַר.

פיל אויסדרוקן פון די דאָזיקע ספרים זיינען אויך אַריין אין אונדזער י י ד י ש און ווערן היינט באַנוצט פון דער יידישער אינטעליגענץ. אַזוינע ווערטער זיינען: איכות, כמות, מהות און אַ סך אַנדערע. די ווערטער האָבן באַרייכערט און אַזוי־צו־זאָגן פאַריידישט אונדזער יידיש לשון. אפילו דאָס פאָלקסטימלעכע וואָרט מערכה, פאַר מזל: („אַ מערכה כ'האָב זיך געכאַפּט") שטאַמט אויך פון יענע ספרים.

שטאַרק געהאָלפן פאַרשטיין די טעקסטן האָבן די פירושים: קול יהודה, קרשקש, אפודי, אברבנאל און אַנדערע. די אַלע מפרשים זיינען געווען פון ספרדישן אָפּשטאַם, אָבער אויך צווישן די אַשכנזישע יידן האָט זיך געפונען אַ מפרש מיטן נאָמען רבי ישראל הלוי קיטובר, וואָס האָט מחבר געווען אַ פירוש אויפן ספר האמונות והדעות פון רבי סעדיה גאון, מיטן נאָמען שביל האמונה, געדרוקט אין יוזעפאָף אין יאָר תרל"ט.

רבי ישראל קיטאָווער בעסערט אויס דעם טעקסט על פי שכל, דאָרט ווו ס'איז ניכר אַז דער העברעיש איז ניט קלאָר, וואָרן אַראַביש האָט ער נישט געקענט. און ס'איז צו באַוואונדערן, וואָס אין די מיינסטע פאַלן איז זיין אויסבעסערונג אַ ריכטיקע. ר ישראל דערקלערט דעם טעקסט אין אַ רייכן העברעיש און מאַכט דעם ע ר ש ט ן פילאָסאָפישן ספר ביי יידן פאַרשטענדלעך פאַרן היינטיקן דור יידן.

אַ טייל ספרים פון די פריער אויסגערעכנטע זיינען אויך דערשינען אין אַ י י ד י ש ע ר איבערזעצונג, נישט פון דעם אַראַבישן אָריגינאַל נאָר פון דער העברעישער אבן תיבונישער איבערזעצונג. אַזוינע זיינען חובות הלבבות און דער ערשטער טייל פון מורה נבוכים.

## ב.

בזמן הזה האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ באַדערפעניש פאַר נייע איבערזעצונגען פון די ספרים פון בימים ההם אין אַ מאָדערנעם העברעיש, וואָס ווערט איצט באַנוצט לויט דעם, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון די לעצטע דורות און וואָס זיין סטיל איז אויסגעפורעמט געוואָרן פון די חכמי ישראל און די מאָדערנע שריפטשטעלערס. די העברעישע שפּראַך האָט אינעם לעצטן יאָרהונדערט געמאַכט אַן אומגעהייער גרויסן פאָרשריט אַ דאַנק די שאַפערס פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור, אַזוי אַז עס איז ביים היינטיקן טאָג נישט שווער אויסצודריקן אַבסטראַקטע געדאַנקען מיט דעם אויפגעקומענעם רייכן וואָקאַבולאַר. דער באַנוץ פון אָט דער שפּראַך־אַנטוויקלונג מאַכט מעגלעך צו פאַרשטיין די געדאַנקען פונעם ספר הכוזרי אָן באַזונדערע שוועריקייטן.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל און דער אַנטשטייונג פון אַ גרויסער צאָל



הויכשולן און אוניווערסיטעטן, ווו מען באַדינט זיך מיטן מאָדערנעם העברעיש, איז אויפגעקומען אַ באַדערפעניש מצד דער נייער יידישער לומדות צו האָבן די פילאָסאָפישע ווערק פון די חכמי ספרד אין דעם היינטצייטיקן עברית.

היות עס געפינט אַצינד צווישן די פּראָפעסאָרן אין די העברעישע אוניווערסיטעטן אַ גרויסע צאָל אַראַביש־קענערס, און אַחוץ דעם זיינען אויך דאָ יחידים מלומדים אין דער אַראַבישער שפּראַך און ליטעראַטור צווישן דער גרויסער צאָל עולים פון די אַראַבישע לענדער — האָט זיך געשאַפן אַ רעאַלע באַדערפעניש נאָכצוקומען אָט דעם פאַרלאַנג. איינער פון די לעצט דערמאָנטע עולים, ר' יוסף קאפח, האָט טאַקע פון דאָס ניי איבערגעזעצט אין העברעיש עטלעכע אַראַבישע ספרים פון די חכמי ספרד. אָבער זיינע איבערזעצונגען טראָגן אַ מער פּאָפּולערן כאַראַקטער און ווערן פון די יודעי דבר נישט באַטראַכט פאַר גענוג וויסנשאַפטלעך.

## ג.

די נייע העברעישע איבערזעצונג פון דעם ס פ ר ה כ ו ז ר י, אַ לעבנס־לאַנגע אַרבעט פון דעם גרויסן מלומד ר' יהודה אבן שמואל, המכונה ד"ר קויפמאַן, וואָס איז דאָ נישט לאַנג דערשינען אין אַ פּראַקטיקע אויסגאַבע — הן בנוגע דעם כמעט פעלער־פרייען און פינקטלעכן דרוק והן בנוגע דעם קינסטלערישן שיינעם איינבונד — אָט די אויסגאַבע באַזיצט צוויי הויפּט־מעלות: אי זי איז פּאָפּולער, אי זי איז וויסנשאַפטלעך, אַזוי אַז דער ספר הכוזרי ווערט אַ דבר השווה לכל נפש. מיר פילן לייענענדיק אין אים, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן איבערזעצונג פון אַ וויסנשאַפטסמאַן פון אַ גאָר הויכער מדרגה, איינעם וואָס באַהערשט פולשטענדיק דעם אַראַביש פון מיטלאַלטער, וואָס די יידישע מחברים האָבן גענוצט, און אויך דעם גרויסן קענער פונעם היינטצייטיקן רייכן העברעיש.

עס איז דאָ נישט מיין כוונה צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם ספר הכוזרי אַליין און אויך נישט וועגן זיין וווּנדערלעכער איבערזעצונג. ווער ס'וויל האָבן אַ באַגריף וועגן דער חשיבות פונעם ספר און וועגן דער קוואַליטעט פון דער איבערזעצונג, זאָל זיך דעם ספר פאַרשאַפן — ער וועט זיכער געפינען זיין פולע צופרידנקייט. זיין נייגעריקייט וועט געוויס באַלוינט ווערן.

דער ספר הכוזרי איז באַגלייט מיט אַן אַריינפיר, ווו דער איבערזעצער גיט אונדז אין אַ תמציתדיקער פאָרעם רבי יהודה הלויס שיטה אין דער פילאָסאָפיע פון געשיכטע. צום סוף פונעם ספר ברענגט ער אַלע מקורים פון תנ"ך, תלמודים און מדרשים פון וואַנען רבי יהודה הלוי האָט געשעפּט אינספּיראַציע און מקורות פאַר זיין שיטה.

אני בעצמי וויל דאָ בעיקר געבן אַן אויסדרוק צו מיינע אייגענע געפילן וואָס איך האָב בשעתן לייענען אָט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק אין דעם נייעם לבוש מיט דער איבערזעצונג פון ר' יהודה אבן שמואל, אַ ווערק וואָס האָט אַ סך בייגעשטייערט אויסצופורעמען דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון אַזוי פיל דורות יידן ביז צום היינטיקן טאָג.

זינט דער ספר הכוזרי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 12טן יאָרהונדערט (1140) ביז צו אונדזערע טעג, איז ער נישט אַראָפּגעגאַנגען פון די טישן פון אונדזערע חכמי ישראל: אין יעדן דור האָבן אים געלייענט און פון אים זיך געלערנט אַלערליי שיכטן פון אונדזער פאָלק, שיכטן וואָס האָבן אין פלוג אויסגעזען צו זיין קעגנעריש אין זייערע דעות, אָבער פון דעסטוועגן האָט יעדער שיכט געפונען אַן אָנשפּאַר און אַ באַווייז צו זיינע אידעען. די פרומע פון אונדזער פאָלק האָבן געהאַט יראת הכבוד פאַר דעם „כ ו ז ר י" פאַר זיין אייפערדיקייט איינצופלאַנצן ביי יידן מקיים צו זיין די מצוות התורה; די משכילים האָבן געשעצט דעם ספר פאַר דער געהויבענער מאָראַל און פאַר דער עטישער לערע וואָס ער אַנטהאַלט, און באַזונדערס פאַר דער פילאָסאָפישער שיטה וואָס ווערט דאָרט אַרויסגעבראַכט, וואָס איז אַ סינטעז פון דריי עלעמענטן: רעליגיע, נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם.

די קעגנערס פון פילאָסאָפיע ברענגען אַ ראיה פאַר זייער קעגנערשאַפט פון רבי יהודה הלויס אַ זאָג: „אַלע השערות פון די פילאָסאָפן קען דער שכל הישר נישט באַ־

נעמען און האָבן נישט קיין אָנהאַלט אין דער לאָגיק" (מאמר רביעי).

די חסידים האָבן אין אים געפונען אַן אָנשפּאַר פאַר זייער אידעע וועגן דעם אָדם העליון, וואָס איז משפיע אויפן פאָלק דורך זיין נביאישער פּערזענלעכקייט.

די מתנגדים האָבן באַוויזן פונעם ספר הכוזרי ממש דעם היפוך.

די וועגן פון די חסידים זיינען ר׳ יהודה הלוין נישט געווען צום האַרצן. יהודה הלוי איז מבטל יענע יידן, וואָס שרייען מיט באַנומענע קולות בשעתן דאַווענען און פלאַפּלען די תפילות ווי פּאָפּוגייעס, נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט וואָס דאָס מויל ברענגט אַרויס.

די תפילה פון דעם אמתן חסיד טאָר ניט זיין אַ זאַך פון געוווינהייט אַזוי ווי דאָס געזאַנג פון אַ ראָב אָדער פון אַ פּאָפּוגיי, נייערט יעדער וואָרט מוז זיין מיט אַ מחשבה און אַ כוונה דערין (דאָרט).

די העברעישע בעלי דיקדוק קענען זיך קוויקן מיט די טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן די בנינים און גזרות פונעם העברעישן צייטוואָרט און די משקלים פונעם הויפּטוואָרט. ער ווייזט אויך אָן אויף דער וויכטיקייט פון די טעמי המקרא פאַר דער ריכטיקער פאַרשטענדעניש פון די תנ"ך־טעקסטן (מאמר שני). אַזוי אויך אַלע אַנדערע סאָרטן יידן. יעדער באַזונדערע גרופּע האָט אין דעם „כוזרי" געפונען באַווייזן פאַר אירע אידעען — אַזוי לאַנג ווי זי האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער יידישער תורה און צו יידישקייט בכלל.

אין היינטיקן דור האָבן מיר מיט אונדזערע אייגענע אויגן געזען די געוואַלדיק גרויסע השפּעה וואָס דער ספר הכוזרי האָט געהאַט אויף יידן במשך פון דורות. די התלהבות וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע יידן פון דער וועלט צוליב דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און די שטענדיקע הילף וואָס ווערט געגעבן דער מדינה סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש — איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען רבי יהודה הלוין, דעם אומפאַרגעסלעכן מחבר פון ספר הכוזרי.

דער ספר אָטעמט מיט ליבע פאַר ארץ ישראל אין אַלע פינף מאמרים. זיין מחבר איז נישט בלויז געווען אַ נאה דורש נאָר אויך אַ נאה מקיים. ער האָט פאַרלאָזן די רייכע שפּאַניע און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ מסוכנער ים־רייזע קיין ארץ ישראל.

ער באַשרייבט זיין נסיעה און זיינע ים־לידער, וואָס אונדזער גרויסער דיכטער ח"נ ביאַליק האָט אַזוי היימיש ליבלעך נאָכגעזונגען אין אונדזער יידיש לשון.

יהודה הלויס ים־לידער אין ביאַליקס ווערסיע, ווערן געזונגען אין אַלע תפוצות וווּ ס׳לעבן יידיש־רעדנדיקע יידן. וועלכער פיין־פילנדיקער ייד געדענקט נישט די קינה „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך" מיט דער האַרץ־רייסנדיקער מעלאָדיע וואָס יידן רעציטירן יעדן תשעה באב ביז צו די היינטיקע טעג! אויב מיר האָבן געהאַט די זכיה צו פייערן היינטיקס יאָר דעם פינף און צוואַנציק יאָריקן קיום פון אַ זעלבסטשטענדיקער מדינת ישראל איז עס בלי ספק אַ רעזולטאַט פון דער געוואַלדיקער השפּעה פון רבי יהודה הלוי און זיין ספר הכוזרי.

רבי יהודה הלוי האָט איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער די ליבע צו ארץ ישראל סיי אין זיינע פּראַקטיקע לידער און סיי אין זיין ספר הכוזרי. אין קיין שום אַנדער לאַנד, לערנט מיט אונדז רבי יהודה הלוי, קען דער ייד נישט געפינען קיין מנוחה און נישט קיין שלוות נפש ווי נאָר אין ארץ ישראל. נאָר דאָרטן קען דער יידישער יחיד און ספּעציעל די יידישע אומה מיט איר תורה געפינען די רעאַליזירונג פון דעם געהויבענעם משיחישן אידעאַל פאַר דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער און דעם אייביקן שלום, לקיים מה שנאמר: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים."

ר׳ יהודה אבן שמואל האָט פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, ספּעציעל פאַר זיין וווּנדערלעכער „כוזרי"־איבערזעצונג באַקומען פון דער ישראל רעגירונג דעם פּרס־ישראל. לאָמיר אים ווינטשן בריות גופא און נהורא מעליא אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ער זאָל פאַרענדיקן זיין וויכטיקן פירוש אויפן מורה נבוכים, פון וועלכן עס זיינען שוין דערשינען דריי כרכים און ער זאָל אונדז מהנה זיין פון זיין געבענטשטער פעדער נאָך אַ סך יאָרן מתוך נחת רוח וקורת רוח, אכי"ר.



## א. גאָלאָמב

# עטלעכע באַמערקונגען וועגן „כוזרי"

קודם כל — דער נאָמען „ספר הכוזרי" (מען לייענט קוזרי און הקוזאַרי). ד"ר קויפמאַן לייענט הכוזרי (האַקויזאַרי), אַנדערע לייענען אָבער הקוזרי, אין רוסיש, למשל, איז דער נאָמען כאַזאַר. דער נאָמען פון ספר האָט אַ היסטאָרישן אָפּשטאַם וואָס איז ווערט דערציילט צו ווערן.

קיין שפּאַניע, ווו עס האָבן אין יענער צייט געהערשט די אַראַבער, און יידן זיינען אויך געווען אויף הויכע פּאָליטישע שטעלעס, איז דערגאַנגען אַ קלאַנג אַז ערגעץ ווייט אין מזרח אויף די ברעגן פון טייך וואָלגאַ, אַרום דעם קאַספּישן ים, איז פאַראַן אַ שטאַרקע מדינה, וואָס איר קייסער און גרויסע טיילן פון זיין פאָלק האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן און זיינען געוואָרן יידן. מיט די קלאַנגען האָט זיך פאַראינטערעסירט דער יידישער מיניסטער פון קאָרדאָוואַ, רבי חסדאי איבן שפּרוט. האָט ער באַשלאָסן שיקן אַ בריוו צו אָט דעם קייסער פון דעם „לעגענדאַרן" יידישן לאַנד. דאָס איז אין יענע צייטן געווען גאָר אַ גרויסע אונטערנעמונג. קיין פּאָסט ווי היינט איז ניט געווען, דאַרף מען געפינען רייזנדע וואַנדערערס, וואָס זאָלן זיך לאָזן אין אַזוינע ווייטע לענדער, זיי זאָלן אַריבערפירן דעם בריוו. אים איז די זאַך געלונגען. די שלוחים האָבן דעם בריוו פון רבי חסדאי אבן שפּרוט געבראַכט מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און דורך ווייטע וועגן, ערגעץ דורך טערקיי, צום קיניג פון די כוזרים און זיי האָבן אויך געבראַכט צוריק צו רבי חסדאי אַן ענטפער פון כוזרישן קיניג אויך אין העברעיש.

מיט דעם האָט זיך באַנוצט רבי יהודה הלוי און האָט זיין גאַנץ בוך פאָרגעשטעלט ווי אַ שמועס צווישן דעם כוזרישן קייסער מיט אַ יידישן חכם, וואָס דערקלערט דעם קייסער. דער קייסער פרעגט און דער חכם ענטפערט און דערקלערט. אַזוי האָט דער חכם דערקלערט די גאַנצע יידישקייט.

דער בריוו פון רבי חסדאי און דער ענטפער פון כוזרישן מלך ווערן על פי רוב געדרוקט צוזאַמען מיט דעם ספר הכוזרי.

אין דער אמתן איז דאָך דער גאַנצער ספר נאָר רבי יהודה הלויס יידישקייט־פילאָסאָפיע. דער כוזרישער קייסער מיט זיינע פראַגעס זיינען נאָר אַן אויסטראַכטונג פון מחבר, פון רבי יהודה הלוי. אגב איז די דיאַלאָג־פאָרם געווען אָנגענומען ניט נאָר ביי יידן.

ס׳איז געווען אַ ליטעראַרישע פאָרעם: רבי יהודה הלוי דערציילט די יידישקייט פון דעם געלערנטן חכם, וואָס האָט מיט הונדערטער יאָרן פריער געלערנט יידישקייט דעם כוזרישן קייסער, נאָך דער אויסגעטראַכטער ליטעראַרישער חכם דערציילט די יידישקייט־פילאָסאָפיע פון רבי יהודה הלוי. און ער מאַכט עס גרינגער ווי אַנדערע ספרדישע דענקערס. דערמיט דערקלערט זיך דער דערפאָלג פון דעם „ספר הכוזרי".

ד"ר קויפמאַן רעכנט אָן גאַנצע 19 אויסגאַבעס פון דעם ספר הכוזרי. עס זיינען געווען נאָך, אָבער אָן פירושים. ביי מיר איז געווען, אַחוץ ד"ר ציפרוניס אויסגאַבע אין אַרגענטינע, אויך אַן אויסגאַבע פון לעווין־אַפּשטיין אין ירושלים. אָבער אָן פירושים און דערקלערונגען.

די כוזרישע מדינה האָבן די רוסן חרוב געמאַכט.

רבי יהודה הלויס ביאָגראַפיע איז ווייניק באַקאַנט. ד"ר י. צינבערג ברענגט מעגלעכע דאַטעס פון זיין לעבן—1080-1142. עס איז אָבער ניט פעסטגעשטעלט. פון די צאָלרייכע ספרדישע פּאָעטן אין דער באַרימטער „גאָלדענער עפּאָכע" קען זיך אפשר מיט אים פאַרגלייכן נאָר איינער — דער יונג - פאַרשטאָרבענער רבי שלמה איבן גבירול. רבי יהודה הלוי האָט געשריבן אַ סך לידער אויף פאַרשיידענע טעמעס. דער אַפּאָגיי האָבן זיי דערגרייכט אָבער אין זיינע ציון־לידער.

צום סוף פון זיין רואיק און שטיל לעבן רייסט זיך רבי יהודה הלוי אָפּ פון זיין איינציקער טאָכטער און אייניקל און לאָזט זיך אויף אַ סכנותפולע נסיעה קיין ארץ

ישראל. ער פאָלגט ניט קיינעם און לאָזט זיך פאָרן. ער קומט קיין מצרים, מען נעמט אים אויף מיט טריומף, אָבער ער רייסט זיך קיין ארץ ישראל. דאָ ווערן פאַרלאָרן אַלע שפּורן פון אים. די לעגענדע דערציילט, אַז קומענדיק קיין ארץ ישראל איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד און זי געקושט. אָבער אַן אַראַבישער רייטער האָט אים דערשטאָכן.

דער וווּנדערבאַרער מחבר פון דער „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן", ד״ר ישראל צינבערג, שרייבט, אַז יהודה הלוי האָט מסתמא אומגעקערט זיך אַהיים. אָבער אַזוי ווי דער סוף פון הלוי איז אַ לעגענדע, איז דאָס גאַנצע לעבן פון ד״ר ישראל צינבערג — דעם מחבר פון דער 10־בענדיקער „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן" אויך איין גרויסע לעגענדע, אויב ניט נאָך העכער. אַליין אַ כעמיקער, דער איינציקער ייִד אין פעטערבורגער מלוכה־פאַבריק, גיט ער אָפּ טעג מיט יאָרן דער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן. ער שרייבט אָן צען בענד פון זיין ליטעראַטור־געשיכטע. רבי יהודה הלוין גיט ער אָפּ אַ באַזונדערן קאַפּיטל (4טער קאַפּיטל פון ערשטן באַנד).

פון צינבערגס ווערק זיינען מיר באַקאַנט דריי אויפלאַגעס: די ערשטע, אין ווילנע; די צווייטע, שקליאַרסקיס אין ניו־יאָרק, און די פּראַכטיקע, ליכטיקע אויסגאַבע פון קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע. צינבערג האָט געפּלאַנט זיין ליטעראַטור־געשיכטע דערפירן ביז היינטיקן טאָג, אָבער ער איז גאָר אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן. אין פאַרשיקונג איז ער געשטאָרבן. היינטיקס יאָר איז אַקוראַט 100 יאָר נאָך ד״ר צינבערגס געבוירן אין 1873. זיין לעצטער באַנד איז אויך על פי נס געפונען געוואָרן, און אַ פאָטאָקאָפּיע איז געקומען אין בראַנדייס אוניווערסיטעט, וואָס האָט דעם באַנד אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט ציק״א (1966).

אין יידיש האָט ביאַליק איבערגעזעצט עטלעכע לידער פון הלוי. אַ גרעסערע צאָל לידער זיינען איבערגעזעצט אין יידיש פון י. י. שוואַרץ אין זיין באַנד: „אונדזער ליד פון שפּאַניע", ניו־יאָרק, 1931. קיין יידישע אויסגאַבע פון „ספר הכוזרי" איז מיר ניט באַקאַנט.

אַלע ביז איצטיקע אויסגאַבעס פון ספר הכוזרי זיינען אין העברעישער איבערזעצונג פון אַראַבישן אָריגינאַל פון דער באַרימטער איבערזעצער־משפחה איבן תיבון. עס איז זייער גרויסער פאַרדינסט וואָס די פילאָסאָפישע ווערק פון מיטלאַלטער זיינען ניט באַגראָבן געוואָרן אין אַלטערטימלעכע ביבליאָטעק־קברים, נאָר זיי זיינען „אין גאַנג" ביים לעבעדיקן יידישן פאָלק. והא ראיה — דאָס פילאָסאָפישע ווערק פון רבי שלמה איבן גבירול „מקור חיים" איז טאַקע געווען באַקאַנט ביי קריסטלעכע געלערנטע, אָבער ערשט גאָר ניט לאַנג איז עס באַקאַנט געוואָרן אַז דער מחבר איז איבן גבירול.*)

דער ספר הכוזרי פון רבי יהודה הלוי האָט געהאַט מער מזל און האָט איצט זוכה געווען צו גאָר אַ געהויבענער וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון ד״ר יהודה קויפמאַן, אָדער ווי ער רופט זיכט אין ספר — יהודה אבן שמואל.

---

*) רבי שלמה אבן גבירולס „מקור חיים" איז אַרויס אויף העברעיש דאָס ערשטע מאָל ערשט אין תרפ״ו (1926). אין אַלטע מחזורים פון יום־כיפור קען מען נאָך צומאָל געפינען די וווּנדערלעכסטע פילאָסאָפישע פאָעמע פון רבי שלמה אבן גבירול „כתר מלכות", וואָס איז אפשר די טיפסטע שאַפונג אין דער גאַנצער העברעישער ליטעראַטור. אין יידיש קומט די גאַנצע פאָעמע אין איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ אין דערמאָנטן ספר: „אונדזער ליד פון שפּאַניע".



**פינטשע בערמאַן**

# צוויי לידער

## אַזוי איז געווען

יאָגט זיך אַ מיידעלע שנעל דורך דער גאַס,
דאָס קערפּערל דין און דאָס פּנימל בלאַס,
און אויגעלעך גרויסע מיט שרעק.
פאַר וועמען אַזוי האָט עס מורא דאָס קינד?
ניט פאַר קיין חיות, ניט פאַר קיין הינט —
פאַר אַ מענטש דאָרט, וואָס שטייט אויפן וועג...

דער מענטש האָט אַ מאַמע, אַ קינד אויך אַליין,
פאַרוואָס־זשע זיין ברוסט איז פון אייזן און שטיין?
פאַרוואָס אַזאַ ווילדער געשריי.
דאָס קינד איז אַ יידישע. אָט וואָס דאָס איז!
זיין האַרץ איז מעסער, זיין בליק איז אַ שפּיז: —
היי דאָרטן, יידישקע, שטיי!...

רייסט זיך אַ מאַמע, אַ וויסטע, די האָר:
מיין פייגעלע, ווײַ מיר, פון נעסט אַרויס נאָר...
אָ, הימל, פאַרוואָס, אָ, פאַרוואָס?
נאָר הימל איז קופּער, און הערצער פון שטיין,
און די וועלט אַרום שטום איז, און טויב, און געמיין,
און קיין דנאָ האָט פון טרערן דער כוס...

## איך קען ניט...

איך קען ניט אויפהערן זיך ראַיען
אין די וואָכן, טעג, און שעהען,
פון די ווונדן פון דעם דור.
איך קען ניט אויפהערן זיך פּלאָגן,
און זיך פייניקן, און טראָגן
ווי אַ יאָך, די שווערע וואָר...

איך קען ניט אויפהערן צו קלערן,
אַז ביז ווייטאָג, אַזש ביז טרערן,
הייסע, ווי צעזשאַרעט גלוט:
ווי האָט עס געקענט פּאַסירן,
אַז אַ וועלט זאָל זיך ניט רירן,
ווען אַ פאָלק גייט אָפּ מיט בלוט.

איך קען ניט אויפהערן צו טראַכטן,
אין פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן,
אָן אַן אויפהער, אָן אַ סוף:

ווי אַזוי איז עס געקומען,
אַז אַ וועלט אַזוי זאָל שטומען,
ווען קינדער קוילעט מען ווי שאָף.

איך האָב היינט געזען זיך שפּילן
אין אַ שאָטן אין אַ קילן
אַ קליין מיידעלע, באַזונט.
אָט אַזאַ, מיט אויגן בלויע — — — —
ווײַ מיר — יענע שעה, די גרויע...
איך האָב דערמאָנט זיך, און זיך צעוויינט.

איך האָב קיין כוח מער צו האַסן.
עס איז מיין האַרץ שוין ווי אין פאַסן
דורכגעשניטן דורך און דורך.
זאָלן פאַרשאָלטן אייביק ווערן
די פאַרלעשערס פון די שטערן,
פאַרן האַס אין מיר, און פלוך.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
אַניוּאיטי פאנד

איר קענט האָבן
אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :
דר. אירווינג מאָסקאָוויטש, קאַונסיל פּרעז. • נחום מוכסן, אָרג. דירעקטאָר

MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.

**JEWISH NATIONAL FUND**

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name............................................................

Address............................................................

City............................................................Zip Code..............................



רבקה סאַוויטש-גאַלאַמב

# די ברית חדשה און דער קלויסטער

## I

## דער נייער טעסטאַמענט

ס׳איז אוממעגלעך צו באַנעמען און צו פאַרשטיין די רישעות, אַכזריות און סאַדיזם פון קלויסטער צו אונדז יידן במשך פון קאַרגע צוואַנציק יאָרהונדערטער, אויב מיר זאָלן פריער ניט דורכשטודירן אויפמערקזאַם די ברית חדשה, דעם נייעם טעסטאַמענט.

כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז כ׳האָב אַ סך מאָל, אויס נייגעריקייט, געפּרובירט עס לייענען און קיין מאָל ניט געהאַט קיין געדולד דורכצוקריכן מער ווי אַ פּאָר קאַפּיטלעך. ס׳איז מיר אויך קיין מאָל ניט אויסגעקומען ווען ניט איז צו לייענען ערגעץ אַן אָפּהאַנדלונג אין יידיש אָדער העברעיִש וועגן דער דאָזיקער „תורה״... ווען כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי עלטערע יידן, תלמידי חכמים, האָבן זיי זיך גאָר געוווּנדערט וואָס דער דאָזיקער ענין אינטריגירט מיך און כ׳בין אין דעם גאָר פאַראינטערעסירט.

האָב איך זיך לעצטנס אָנגענומען מיט מוט און מיט געדולד און ניט נאָר עס דורכגעשטודירט, נאָר כ׳האָב אויך געפונען און אונטערגעשטראָכן אַלע ערטער וואָס זיינען געלקחנט פון אונדזערע נביאים.

מען געפינט דאָרט גאַנצע שטיקער פון עמוס, ישעיה, ירמיה, יחזקאל, הושע, זכריה, חבקוק און מלאכי. פון דברים איז אַרויסגענומען אָן אַ שיעור. וועגן תהילים איז דאָך שוין איבעריק צו ריידן.

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז עס ווערן ניט דערמאָנט די מקורות. אַלץ ווערט צוגעשריבן צו ישוס לערע. דאָ מיין איך די פיר טיילן וואָס זיינען געשריבן מתיא, (מאַטיו), מאַרקוס, לוקאַס און יוחנן (מיינט דזשאַן).

לויט מיין באַשיידענער מיינונג איז דאָס דער גרעסטער ליטעראַרישער פּלאַגיאַט, גלייכצייטיק איז עס פול מיט ווידערשפּרוכן און פאַלסיפיקאַציעס.

איך באַדויער זייער שטאַרק וואָס אַזוי שפּעט אין מיין לעבן האָב איך זיך דערגרונטעוועט צום אָנהייב פון אַלע אָנהייבן, צום הויפּט-מקור פון וואַנען די גאַנצע געצנדינערישע וועלט איז במשך פון קנאַפּע צוואַנציק יאָרהונדערטער געוואָרן געשפּייזט פון דער סם-המוותדיקער שינאת ישראל.

כ׳בין פּשוט דערשטוינט פאַרוואָס מיר יידן האָבן אַלע מאָל געשוויגן און פאַרשוויגן. לכל הפּחות האָבן דאָך יידישע לערער ביי זייער צוגרייטונג צו דערציאונגס-אַרבעט געמעגט זיין מער באַהאַוונט פון די דאָזיקע אַלע שקרים און פאַלסיפיקאַציעס.

און פאַרוואָס טאַקע זאָל מען עלטערע תלמידים ניט באַקענען מיט דעם אורקוואַל פון שינאת ישראל,

מיר האָבן געלערנט מיט אונדזערע תלמידים וועגן אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, גירושים, וואַנדערונגען, צער און צאָרן, פּיין און ליידן — אָבער מיר האָבן זיי קיין מאָל ניט אויפגעקלערט דעם מקור פון אַלע סיבות און ניט געלערנט מיט זיי געניויער ווו עס געפינט זיך דער אורשפּרונג פון דער שרעקלעכער שינאה צו אונדז.

איך שטוין ממש און קען בשום אופן ניט פאַרשטיין ווי אַזוי געבילדעטע און אינטעליגענטע קריסטן קענען לייענען די ברית חדשה און ניט זען אויף שריט און טריט די אַלע סתירות, ווידערשפּרוכן און פאַלסיפיקאַציעס.

ישו האָט אַלע מאָל גערעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ בן-אָדם. מיר געפינען אין מתיא אין קאַפּיטל 8, 20; קאַפּיטל 13, 37, 38, ווי אַזוי-זשע האָט ער געקענט זיין גאָטס זון אין בוכשטעבלעכן ביאָלאָגישן זינען. און אויב ער איז געווען דער זון פון גאָט, פאַרוואָס-זשע הייבט זיך אָן די ברית חדשה מיט אַ גאַנצער גענעאַלאָגיע פון זיין אָפּשטאַם : „דאָס איז דער ספר תולדות פון משיח בן דוד, בן אברהם...״ אאַ״וו א״וו ציט זיך אַ לאַנגע יחוס-קייט.

איז דען פאַראַן עפּעס אַ ניי וואָרט אין ישוס לערע, עפּעס וואָס משה אָדער די נביאים האָבן שוין פריער וועגן דעם ניט גערעדט?

ער שטרייכט כסדר אונטער, אַז ער איז געקומען נאָר צו די יידן; און געקומען איז ער זיי מוסרן, כדי זיי זאָלן זיך אויפפירן בעסער, מענטשלעכער, עטישער. אָבער דאָס איז דאָך געווען די לערע פון אַלע נביאים וואָס האָבן געמוסרט און געשטראָפט אַ סך, אַ סך יאָרן פאַר אים, פאַר זיין געבוירן ווערן.

סיי אין מתיא, מאַרקוס, לוקאַס און סיינט דזשאַן געפינען מיר אַחוץ די צען געבאָט אויך אַלע געזעצן פון תורת משה. לאָגיש מיינט עס, אַז ווער עס וויל זיין אַן אָנהענגער פון ישו מוז אָפּהיטן די גאַנצע תורה. אָבער כדי אָפּצוהיטן די גאַנצע תורה מוז מען דאָך במילא זיין אַ פרומער ייד.

און דאָ האָבן מיר ווידער די גרויסע סתירה: אַ סך שפּעטער, שוין לאַנג נאָך ישוס טויט האָט פּאָול, וועלכער איז אַליין געווען אַ געמלטער, געפּריידיקט, אַז איינער וואָס איז געמלט קען ניט זיין קיין אמתער קריסט; און כדי צו זיין פאַרזיכערט מיט עולם הבא איז ניט נייטיק אָפּצוהיטן משהס תורה; מען דאַרף נאָר גלויבן, אַז ישו איז געווען גאָטס זון און איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

פּאול, אָדער שאול פון תרשיש, האָט צוגעשניטן פאַר די געצנדינער אַ לייכטע רעליגיע און זיי אין גאַנצן באַפרייט פון עול פון דער תורה. ער האָט געפּריידיקט, אַז מען דאַרף שוין ניט פּראַקטיצירן משהס תורה, ווייל דער „אמתער" משיח איז דאָך שוין געקומען.

ערשט איצט באַנעם איך דעם טיפן זין פון דער אגדה וועגן מתן־תורה: ווי אַזוי גאָט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין תורה און געזוכט בעלנים, אָבער קיין איינער פון די געצנדינערישע פעלקער האָבן עס ניט געוואָלט אָננעמען, ווייל דאָרטן איז געווען צופיל מאָל דאָס וואָרט „לא": לא תרצח, זאָלסט ניט מאָרדן; לא תנאָף, זאָלסט ניט מזנה זיין; לא תגנב, זאָלסט ניט גנבענען; און נאָך און נאָך... און נאָר דאָס פאָלק ישראל האָט געכאַפּט די תורה און געזאָגט: „נעשה ונשמע".

לויט אונדזער תורה מוז אַ ייד כסדר אָפּהיטן די מצוות, ניט די טעאָריע איז דער עיקר נאָר קודם כל דער אויפפיר. מען מוז לעבן לויט די געבאָטן און פאַרבאָטן. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן געצאַמט ווערן די חיה אין מענטשן און אַלע זיינע דעסטרוקטיווע דראַנגען קענען באַהערשט ווערן.

בנאמנות, מיר שאַצן גאָר ניט גענוג אָפּ די גרויסקייט און באַוווּנדערן ניט גענוג די טיפקייט פון אונדזער תורה ניט נאָר פון עטישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון פּסיכאָלאָגישן.

היינט פאַרשטיי איך זייער גוט דאָס שרייבן פון אַ קאַנאַדער בישאָף נאָך דער עקזעקוציע פון אייכמאַנען: „אויב נאָר אייכמאַן האָט געגלייבט באמונה שלימה אין ׳אמתן׳ משיח און אין זיין תחית המתים, קומט אים דער גן־עדן, הגם ער איז באַגאַנגען אַזוי פיל גרויליקע פאַרברעכנס".

ס׳איז פאַרשטענדלעך ביז גאָר, ווייל אין די אויגן פון קלויסטער איז ניט דער טאָג־טעגלעכער אויפפיר פון מענטשן וויכטיק, נאָר זיין כוונה ביים תפילה טאָן. טאַקע דערפאַר האָט מען געקענט אין מיטלאַלטער קויפן „אינדולגענציעס", באַצאָלן דעם קלויסטער לא יחרץ־געלט און באַפרייט ווערן פון די עבירות און פאַרברעכנס בין אָדם לחברו.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו דער ברית חדשה, צום נייעם טעסטאַמענט. לאָמיר נעמען די געשיכטע מיט יהודה איש קריות, אָדער יודאַס, כודאַס, ווי מען רופט אים היינט און ווי די גויים פלעגן תמיד מיט דעם דאָזיקן נאָמען באַטיטלען יעדן ייד און שלאָגן מכות רצח יעדער יידיש קינד.

יהודה איש קריות, ישוס באַליבטער תלמיד, איז דאָס כלומרשט צוליב געלט־גייציקייט געווען דער פאַררעטער פון זיין רבין. אין דעם „לעצטן מאָלצייט" האָט ער עס אַ קוש געטאָן זיין רבין, כדי די רוימער זאָלן דערקענען ווער אין דער גרופּע פּרעטענדירט דאָס צו ווערן דער נייער משיח און יידישער קעניג.

דאָ האָבן מיר ווידער די גרויסע סתירה: קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל ווערט געשריבן אין דעם נייעם טעסטאַמענט וועגן דער גרויסער פּאָפּולערקייט פון דעם „אמתן" משיח.



עס ווערט באַשריבן זייער דעטאַל וועגן די מאַסן נאָכפאָלגער, פאַרשטייט זיך יידן, וואָס האָבן געשטראָמט אין דאָרף און שטאָט צו הערן זיין תורה. ער איז געווען אַזוי באַרימט מיט זיינע נסים ונפלאות; וווּנדער שבוווּנדער: מיט אַ באַריר פון זיין האַנט האָט ער אויסגעהיילט קריפּלס, משוגעים און מצורעים. אומעטום, ווו ער פלעגט קומען, פלעגט דער המון וואַקסן אַרום אים ווי אויף הייוון. אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער, שרייבט דער נייער טעסטאַמענט, האָבן זיך וועגן אים געוועבט לעגענדעס.

פרעגט זיך אַ שאלה: אויב ער איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין לאַנד און קינד־און־קייט האָבן אים געקענט — צו וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פאַררעטער און אים נאָך צוצאָלן דרייסיק שקלים, כדי ער זאָל אַ קוש טאָן דעם פּאָפּולערסטן מאַן פון יענער צייט און אַזוי אַרום אַרויסהעלפן אים צו דערקענען?

איצט לאָמיר נעמען און אַנאַליזירן די מעשה מיט דער קללה וואָס די יידן האָבן אויף זיך גענומען; און ניט נאָר אויף זיך, נאָר אויך אויף זייערע קינדער עד סוף כל הדורות.

אינטערעסאַנט, אַז די מעשה ווערט נאָר איין מאָל דערמאָנט אין דער ברית חדשה, דאָס איז אין מתיא קאַפּ. 27—25,24.

און אָט וואָס דאָרט ווערט דערציילט: ווען ישו איז שוין געווען געקרייציקט האָט פּילאַטוס, דער דעמאָלדיקער רוימישער גובערנאַטאָר איבער יהודה, זיך געוואַשן זיינע הענט און געזאָגט: „איך בין ריין פון דעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט פון דעם צדיק"; און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: „זיין בלוט איז אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער"

ווער וועט עס פאַרשילטן זיך און זיינע קינדער? און וואָס מיינט עס דאָס גאַנצע פאָלק? זיינען עס געווען נאָר די וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער קרייציקונג, אָדער זיינען דאָס געווען זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, אָדער מיינט עס די יידן וואָס האָבן געלעבט דעמאָלט אין ירושלים? אָדער די איינוווינער פון גליל? און אפשר מיינט עס אַלע יידן פון גאַנץ ארץ ישראל? אָדער מיינט מען עס אויך יענע יידן וואָס האָבן שוין לאַנג געוווינט אויסער די גרענעצן פון ארץ ישראל און זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע — און ווו ניט?

האָבן זיי אַלע, אומעטום אין דער גאַנצער צעשפּרייטקייט און אין דער זעלבער צייט זיך געשוואָרן און פאַרשאָלטן זיך און זייערע קינדער, אַז ישוס בלוט זאָל זיין אויף זייערע קעפּ און אויף זייערע קינדערס קעפּ?

מען דאַרף זיין אָדער משוגע, אָדער עובר בטל און חסר דעה, אָדער רשעים, ווי די מערסטע גויים זיינען עס געווען במשך פון אונדזער לאַנגן גלות, צו קענען גלייבן, אַז אַזאַ מין שטות קען זיך לייגן אויפן שכל פון אַ בר־דעת.

און אַזוי האָבן מיר יידן פאַר דער דאָזיקער באָבע־מעשה טייער באַצאָלט און צאָלן נאָך עד היום. טייכן יידיש בלוט האָבן זיך דאָך במשך פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר געגאָסן ווי וואַסער, ווייל אונדזער בלוט איז הפקר. והראיה; מיר האָבן זיך דאָך אַליין פאַרשאָלטן. דאַרפן מיר באַצאָלן פאַר דער שטראָף וואָס מיר האָבן אַליין אויף זיך גענומען. ביז ווי לאַנג? ביז מיר וועלן חרטה האָבן און אָננעמען די „אמתע תורה" פון „אמתן אויסלייזער."

ערשט ניט לאַנג צוריק האָב איך עס אַליין געהערט פון אַ באַקאַנטער געבילדעטער קאַטאָליקין. זי האָט פאַרגלאָצט פרום די אויגן און מיר אַ זאָג געטאָן; „איר, יידן, ליידט דאָך צוליב אייער אייגענער שולד. איר האָט דאָך גענומען אויף זיך אַ שטראָף פאַר קרייציקן אונדזער גאָט — צאָלט איר דערפאַר. אייך און די נעגערס האָט גאָט פאַרשאָלטן. זיי האָט ער געגעבן אַ שוואַרצע הויט און אייך האָט ער געגעבן קינס שטראָף; צו זיין אייביק נע ונד."

יאָ, דאָ האָבן מיר ווידער אַ סתירה אין נייעם טעסטאַמענט: אויב די מעשה מיט פּילאַטוסעס וואַשן זיך די הענט איז אמת און ס׳איז אויך אמת וואָס ער האָט בשעת מעשה געזאָגט — פאַרוואָס־זשע האָט ער פאַראָרדנט מען זאָל אָנשרייבן אויפן קרייץ דווקא אין דריי לשונות: אין לאַטיין, גריכיש און העברעיש: „ישו פון נצרת, דער קעניג פון די יידן?"

מיר ווייסן דעם ענטפער: דאָס איז געווען אַ וואָרנונג צו אַלע אונטערדריקטע פעלקער זיי זאָלן וויסן וואָס עס דערוואַרט זיי, אויב זיי וועלן וואַגן זיך אָפּרייסן פון רוים... פּילאַטוס איז געווען זיכער, אַז דאָ קומט פאָר אַ פּאָליטישע פאַרשווערונג קעגן רוים און, אַז ישו פּרעטענדירט צו ווערן דער יידישער קעניג

* * * * *

וועגן די סתירות, אומפּינקטלעכקייטן, ווידערשפּרוכן און פאַלסיפיקאַציעס אין נייעם טעסטאַמענט וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך. אין אַן אַרטיקל איז עס ליידער אוממעגלעך אויסצושעפּן.

איך טראַכט נאָר ווי אַזוי קען מען גאָר זאָגן אַז קריסטנטום איז אַ טאָכטער פון יידישקייט. און ווי אַזוי קענען גאָר געוויסע יידן זוכן צו מאַכן אַ בריק צווישן תורת משה, וואָס איז געבויט אויף געבאָטן און פאַרבאָטן, און אַ רעליגיע וואָס איז נאָר געבויט אויף גלויבן אין פאַרשיידענע נסים.

וועלן די חשובע לייענער מיר גלייבן, אַז היינטיקן פּסח, וואָס איז צענויפגעפאַלן מיט פּאַסקוואַ, האָבן געוויסע יידן פון אַ טעמפּל אין לאָס אַנדזשעלעס געפּראַוועט אַ סדר אין אַ קאַטוילישן קלויסטער; און די גויים פון קלויסטער האָבן געפירט זייער צערעמאָניאַל פון דער תחית המתים פון זייער גאָט אין יידישן טעמפּל?

אָט דאָס הייסט „דערנענטערונג"!

(קאָנטיק אַז אַלע פּאַראַדאָקסן זיינען מעגלעך אויף אונדזער זינדיקער ערד).
און איז עס ניט קיין חרפּה, וואָס גרויסע יידן לויפן אַרום און דיאַלאָגעווען כדי אויסצובעטלען אַ ביסל פריינדשאַפט פון דער גויאישער וועלט?

## II
## ביי די טירן פון קלויסטער

אין אייראָפּע וווינט אַ געוויינלעכער פויגל מיט אַן אויסטערלישן אויפפיר. דאָס איז אונדזער גוט־באַקאַנטע און היימישע קוקאַווקע, אָדער קוקו־פויגל.

זי האָט אַ טבע צו לייגן אירע אייער אין אַ פרעמדן נעסט. אַליין האָט זי ניט קיין אינסטינקט צו בויען פאַר זיך אַן אייגן נעסט, קומט זי אויף אַלעם גרייטן; פאַרכאַפּט אַ פרעמדן נעסט, וואָס אַן אַנדער פויגל האָט מיט שווערער מי און אַרבעט אויסגעבויט און לייגט דאָרט אַריין אין פרעמדן נעסט אירע אייער, כדי אירע קינדער זאָלן האָבן שפּעטער פאַר זיך אַליין דעם פרעמדן נעסט — צעשטערט דער קוקו־פויגל די אייער פון דער אמתער באַלעבאָסטע, וואָס זי האָט געלייגט אין איר אייגן נעסט.

די מעשה מיטן קוקו־פויגל דערמאָנט אונדז אָן דער „עטישער" אויפפירונג פון קלויסטער. די קריסטן זיינען געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן; זיי האָבן ניט געפּאָקט און געמאָזלט; אַליין גאָרניט געשאַפן, נאָר צוגענומען פון אונדז גרויסע שטיקער פון אונדזער תנ"ך — סיי פון חומש, סיי פון די נביאים; עס צעדרייט, צעפּלאָנטערט און געמאַכט פון דעם אַ געקעכטס וואָס זיי קענען דאָס עד היום ניט פאַרדייען.

און פּונקט ווי דער קוקו־פויגל צעשטערט די אייער פון דער אמתער באַלעבאָסטע פון נעסט, כדי עס זאָלן ניט בלייבן קיין שום שפּורן פון די אַמאָליקע אייגנטימער — פּונקט אַזוי האָט דער קלויסטער במשך יאָר־הונדערטער געפּרובירט אונדז אויף פאַרשיידענע אופנים צו ליקווידירן, כדי עס זאָל ניט בלייבן קיין זכר פון די אָריגינעלע, אמתע יורשים פון ספר הספרים.

מיר זיינען דער קריסטלעכער וועלט תמיד געווען ווי אַ ביין אין האַלדז און אַ דאָרן אין די אויגן.

אין נאָמען פון „פּרינץ פון ליבע", וואָס האָט געפּריידיקט: — ווען מען פּאַטשט דיך אין איין באַק שטעל אונטער די צווייטע — אין זיין נאָמען האָט עס דער קלויסטער אונדז גערודפט, געפּייניקט, געראַבירט, געמאָרדעט, געצאַפּט און פאַרגאָסן אונדזער בלוט.

מיט וואָס אייגנטלעך זיינען פרומע קריסטן אַנדערש פון געצנדינערס? וועלכע מאָראַלישע אָפּהאַלטערס פאַרמאָגן זיי, אַז די חיה אין זיי זאָל געצאַמט ווערן?

איז דאָך ביי אונדז אפילו אַ טראָפּן בלוט הייליק, ווייל דאָס איז לעבן. דאַרף מען לויט דער יידישער טראַדיציע ווייקן פלייש כדי ס'זאָל ניט בלייבן קיין שפּור



פון בלוט. אומברענגען איין מענטשן איז ווי אומברענגען אַ גאַנצע וועלט, ווייל דאָס לעבן פון יעדן מענטשן איז הייליק. און ווער עס האַלט אויף איין לעבן איז ווי ער וואָלט אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע וועלט.

דערפאַר טאַקע איז אונדזער תורה פול מיט אַזוי פיל 'מען טאָר ניט!" ס'איז ניט וויכטיק ווי פרום יעדער ייד איז און וויפל פון די תרי"ג מצוות ער היט אָפּ; וויכטיק איז, אַז די געבאָטן פון עטישן אויפפיר, סיי פון יחיד און סיי פון כלל, האָבן זיך איבערגעגעבן פון דור צו דור בעל פּה. יעדער יידיש קינד האָט עס איינגעזאַפּט אין זיך מיט דער מאַמעס מילך.

אפילו אין ווילטעטיקע אַרבעטן פאַר קריסטן פאַרנעמען יידן דעם אויבן־אָן.

* * * * *

סאַדיסטישע אימפּולסן ביי קינדער באַמערקן מיר שוין אין פריסטן עלטער. קינדער האָבן הנאה אָפּצערייסן די פליגעלעך ביי אַ פליג אָדער ביי אַ פלאַטערל; פאַרפּייניקן אַ קעצל אָדער אַ הינטל. שטאַרקע קינדער שלאָגן שוואַכערע און האָבן דערביי גרויס הנאה, ווען איין קינד פאַלט און צעקלאַפּט זיך אפילו גאָר שטאַרק לאַכן די איבעריקע. טאַקע דערפאַר מוז מען שוין אין פריסטן עלטער זען צו צוימען די דעסטרוקטיווע דראַנגען אין קינדער.

דער קלויסטער האָט אָבער ניט נאָר ניט געפּרוווט צוימען די בלוטדאָרשטיקע אינסטינקטן אין זיינע יונגע גאָטספאָרכטיקע אָנהענגער און נאָכפאָלגער, נאָר פּונקט פאַרקערט, האָט ער אויסגעניבט זיין גאַנצע השפּעה פאַנאַנדערצובלאָזן אין יונגע קינדערשע נשמות די פונקען פון האַס אין אַ גרויסער פלאַמיקער שינאה צו אונדז יידן.

* * * * *

אין רוסלאַנד האָט געלעבט אַ באַרימטער פיזיאָלאָג, איוואַן פּאַוולאָוו, (1849-1936־). ער איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע עקספּערימענטן איבער הינט. פּאַוולאָוו האָט עקספּערימענטאַל דערוויזן, אַז מען קען שאַפן באַדינגטע רעפלעקסן.

צוערשט, ווען ער פלעגט שפּייזן זיינע הינט, פלעגט בשעת מעשה קלינגען אַ גלעקל. די הינט האָבן זיך צוגעוווינט און ווי נאָר זיי פלעגן הערן דאָס קלינגען פון גלעקל פלעגן ביי זיי אָנהייבן אַרבעטן די שפּייעכץ־דריזן און זיי פלעגן גלייך לויפן צו דער אכילה. שפּעטער האָט פּאַוולאָוו אָנגעהויבן בשעתן עסן פון די הינט דורכלאָזן דורך זיי אַן עלעקטרישן שטראָם. די הינט האָבן אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַרן שאָק און ניט אָנגערירט זיך אָן עסן.

דאָס קלינגען פון גלעקל האָט ביי די הינט אַרויסגערופן די אַסאָסיאַציע פון דעם עלעקטרישן שאָק.

* * * * *

אויך דער קלויסטער האָט ביי יונגע קריסטלעכע קינדער געשאַפן באַדינגטע רעפלעקסן. מען האָט אין זיי אינדאָקטרינירט שינאת ישראל אויף אַזאַ אופן, אַז נאָר דאָס וואָרט י י ד רופט ביי זיי גלייך אַרויס פאַרשיידענע האַס־אַסאָציאַציעס צו יידן.

און וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן: מען האָט מיט די קליינע קינדער פון פריסטן עלטער געלערנט, איינגעטענהט און איינגעחזרט, אַז יידן האָבן געפּייניקט און געקרייציקט זייער גוטן גאָט. די יידן האָבן געטאָן אַלץ, אַז ישו זאָל אויסגיין מיט אַ לאַנגזאַמען טויט. זיי האָבן אויסגעקליבן די קרייציקונג, ווייל דאָס איז די שווידערלעכסטע עקזעקוציע. די יידן האָבן זיך אַליין פאַרשאָלטן און איצט מוזן זיי אייביק צאָלן פאַר זייערע זינד; זיי צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

אין די קלויסטער־טעקסטביכער פאַר קינדער שטייט געשריבן, אַז יידן זיינען די קינדער פון טייוול און מען מוז פון זיי ווייכן, זיי פאַרפאָלגן און זיי פּייניקן.

אָט דעם מין „תורה" האָט מען כסדר, יאָר איין — יאָר אויס, טראָפּן נאָך טראָפּן, ווי סם, אַריינגעשפּריצט אין צאַרטע קינדערשע הערצער און זיי פאַרגיפטעט אויף אייביק.

דער קלויסטער האָט געשניטן זיין זריעה בשפע. די טאַטעס פון קלויסטער האָבן געמעגט זיין שטאָלץ מיט זייערע פרוכטבאַרע פּעדאַגאָגישע רעזולטאַטן. זייערע שעפעלעך זיינען אַרויסגעוואַקסן מיט דער אמתער אינדאָקטרינירטער שינאה צו יידן.

ניט אומזיסט האָבן די יעזואיטן געזאָגט: „גיב מיר דיינע קינדער ביז צען יאָר און שפּעטער טוט מיט זיי וואָס דו ווילסט.‟ וואָס צאַרטער די עלטער — אַלץ גרינגער איז משפיע צו זיין אויפן קינד. אַלץ לייכטער קען מען עס באַווירקן. אין פריסטן עלטער האָט דער אינטעלעקט פון קינד קיין שום שליטה ניט אויף אים. דאָס קינד זאַפּט אַריין אין זיך אַלץ פון דעם אַרויס ריין עמאָציאָנעל. און וואָס עס האָט אַבסאָרבירט דאָס וועט פורעמען זיין כאַראַקטער.

דער באַרימטער פּסיכאָלאָג, אַלפרעד אַדלער, האָט געשריבן, אַז דער כאַראַקטער פון אַ מענטשן ווערט שוין אויסגעפורעמט אין עלטער פון זעקס־זיבן יאָר.

האָט טאַקע דער קלויסטער, דער עיקר דער קאַטוילישער, געהאָלפן אויסהאָדעווען ווילדע, סאַדיסטיש־מערדערישע ברואים, וואָס האָבן אונדז געיאָגט און געפּלאָגט, געברענט און געבראָטן.

די שפּעטערדיקע ראַציאָנאַליזירונגען פון דערוואַקסענע גויים, אַז יידן זיינען געלטגייציק, פאַרכאַפּעריש, שטופּעריש אא״וו, דאָס זיינען נאָר תירוצים צו באַרעכטיקן זייער אינדאָקטרינירטע שינאה צו יידן, וואָס דער קלויסטער האָט אין זיי איינגעפּלאַנצט אין זייער פריסטן עלטער.

אַלע רעזאָלוציעס וועגן אַנטיסעמיטיזם וועלן ניט האָבן קיין שום האַפט, אַלע פּראָטעסטן האָבן ניט קיין שום ווערט, אַזוי לאַנג ווי דער קלויסטער וועט ניט פאַרברענען זיינע אַלע טעקסט־ביכער און אויפהערן צו שאַפן ביי קינדער באַדינגטע רעפלעקסן קעגן יידן.

די גאַנצע גויאישע וועלט איז פאַרסמט מיט דעם דאָזיקן יידנהאַס און מען דאַרף בפירוש זיין אויסערגעוויינלעך אינטעליגענט, ליבעראַל און ערלעך, ווי למשל די ברידער קענעדי זיינען דאָס געווען, זיך צו קענען באַפרייען פון די אַלע סם־המוות־דיקע פאָראורטיילן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אומגעלופּערטן נאָמען — אַנטי־סעמיטיזם.

דערפאַר האָט די גויישע וועלט זיך צוגעקוקט אַזוי גלייכגילטיק צו דער קולמינאַציע פון דער יידישער טראַגעדיע; ווען זעקס מיליאָן יידן: קינדערלעך, פרויען און אַלטע לייט אַריינגערעכנט, זיינען אויסגעגאַנגען מיט אַזאַ לאַנגזאַמען, שוידערלעכן טויט, ביז זיי זיינען זוכה געווען צו זייער אייביקער רו.

ווען די יידן האָבן נאָך געפוילט נאָך דער באַפרייאונג אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער און פוילישער ערד, ווייל קיין איין לאַנד האָט פאַר זיי קיין אָרט ניט געהאַט. און ענגלאַנד האָט ניט געגעבן קיין סערטיפיקאַטן אַריינצופאָרן אין אונדזער לאַנד — אין דער זעלבער צייט האָט אַמעריקע מיט אירע אַליאירטע אויף גיך זיך צוגעאיילט אַרויסצוהעלפן די דייטשן און זיי אויפריכטן עקאָנאָמיש.

אַמעריקע האָט אַריינגעלאָזן צענדליקער טויזנטער קובאַנער. זי שיקט כסדר עראָפּלאַנען זיי צו ברענגען און טוט אַלץ זיי צו העלפן וואָס גיכער זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס; אָבער פאַר איין יידישער שיף וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אומגליקלעכע, פאַרצווייפלטע יידן, געראַטעוועטע פון נאַצישן גיהנום — אַ שיף וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט חדשים איבער שטורמישע ימים; דער דאָזיקער שיף איז ניט דערלויבט געוואָרן צו אַנקערן אין אַן אַמעריקאַנער פּאָרט און די האָפנונגסלאָזע פּאַסאַזשירן איז פאַרבליבן נאָר איין ברירה — צו שפּרינגען אין ים.

* * * * *

דער קלויסטער האַסט אונדז, ווייל מיר זיינען לעבעדיקע עדות וואָס דערמאָנט זיי כסדר, אַז אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן האָבן זיי געגנבעט פון אונדז: מאָראַל, עטיק, צדקה, נבואה; אַלץ, אַלץ איז אונדזערס. מיר האָבן אויסגעהאַמערט די אידעע פון מאָנאָטעאיזם; אונדזער פאָלק האָט אַ סוף געמאַכט צו געצנדינעריי. י ה ו ה איז אונדזער פאָטער אין הימל. אברהם, יצחק און יעקב זיינען אונדזערע פּאַטריאַרכן. דוד איז אונדזער מלך און תהילים איז אונדזער גייסטיקע שאַפונג. די נביאים זיינען געווען אונדזער פלייש און בלוט און זייער נבואה האָט אָפּגעהילכט אין די גאַסן פון אונדזערע שטעט און דערפער. אפילו ישו — וואָס די גויים האָבן געמאַכט פון אים אַ געץ — איז אויך געווען אַן אונדזעריקער. ער איז געווען אַ יידישער רבי, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז און אונדז געמוסרט אויפן אַלטן שטייגער פון די נביאים. משהס תורה מיט אירע אַלע דעמאָקראַטישע געזעצן, איז אונדזער תורה.

יעדער פּלאַגיאַט וויל אויסבאַהאַלטן דעם מקור פון וואַנען ער האָט געגנבעט און האַסט דעם אָריגינאַל פון וואַנען ער האָט גענומען.

דער קלויסטער, וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט אין פרעמדע פעדערן האָט אַליין גאָרניט צוגעטראָגן צו דער גייסטיקער באַרייכערונג פון דער וועלט.

די יידן זיינען פאַר די גויים דער קרומער שפּיגל, וועלכן זיי ווילן כסדר צעברעכן. זיי ווילן עוקר מן השורש זיין, אַז ס׳זאָל פון אונדז קיין זכר ניט בלייבן; דעמאָלט וועלן זיי ניט דאַרפן כסדר שרייען: „כאַפּט דעם גנב‟!!!

* * * * *

און אַף על פּי כן וועלן מיר אויך זיי איבערלעבן.

ווען און ווי אַזוי?...

אויב מיר וועלן זיך פירן ווי אמתע שטאָלצע און ווירדיקע יידן.



יצחק קאָלער

# רעליגיעז־נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין יהואָשעס דיכטונג

יהואָשעס ליבע צו די יידישע קולטור־אוצרות, זיין פאַרוועבט זיין אינעם יידישן לעבן מיט אַלע זיינע נשמה־פּעדים, זיין גרויסער דורשט נאָך יידיש וויסן אין אַלערליי פאָרמען, הייבט זיך אָן נאָך פון זיין גאָר פריער יוגנט. זיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, וואָס פלעגט אויך לערנען פאַרן עולם אין בית־המדרש חומש מיט מפרשים, און דער דענסטמאָל נאָך גאָר קליינער ייִנגל, יהואָש, פלעגט אַזוי אַרום איינזאַפּן אין זיך מדרשים און אגדתאָס וואָס ער פלעגט הערן פון זיין פאָטער. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער יסוד וואָס האָט שפּעטער באַשטימט זיין רעליגיעזן געדאַנק־גאַנג אין דער יידישער פּאָעזיע.

אין איינער פון זיינער אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „צו חומש זאָגן‟, שילדערט דער דיכטער אין בולטע פאַרבן דאָס לערנען די סדרה פון דער וואָך — „ויצא יעקב‟, ווו עס דערציילט זיך וועגן יעקבס חלום:

„...און דער טאַטע און זיינע צוהערערס זיצן אין דעם קליינעם ליכטיקן ווינקל און עס דוכט זיך אַזוי ווי זיי וואָלטן בדרך נס שווימען אויף אַ ליכטיקן אינדזל אין מיטן פון אַ שוואַרצן אוקינוס...‟

דער דיכטער פירט אונדז דורך די שטימונג אינעם בית המדרש און דערציילט אונדז ווי דער פאָטער זיינער פלעגט מיט התלהבות אָנצינדן די הערצער פון זיינע צוהערערס:

„...און מיט אַ מאָל זעט ער (יעקב) ווי מלאָכים פון גאָט שטייגן אַרויף און נידערן אַרונטער אויף אים, און ער זעט ווי גאָט שטייט איבער אים און זאָגט צו אים: איך בין גאָט, דער האַר פון אַברהם דיין פאָטער און דער האַר פון יצחק. די ערד וואָס דו ליגסט אויף איר וועל איך אַוועקשענקען צו דיר און צו דיינע קינדער, און דיינע קינדער וועלן זיין ווי זאַמד פון דער ערד, און דו וועסט זיך צעשפּרייטן אין מערב און אין מזרח, אין צפון און אין דרום...‟

דער טאַטע שטעלט זיך אָפּ:

„איצט וועלן קומען מעשהלעך פון מדרש אויף וועלכע די פאַרהאָרעוועטע יידן האָבן אַ גאַנצע וואָך געוואַרט און צוליב וועלכע איך, ערשט אַכט יאָר אַלט, היט אַזוי אָפּ צו גיין הערן דעם טאַטנס חומש זאָגן... און דער טאַטע דערציילט און אַלעמענס אויגן זיינען ווי צוגעקלעפּט צו זיינע ליפּן, און די שאָטנס פון אָרון קודש און פון עמוד ציען זיך און שטרעקן זיך אַהין צו דעם ליכטיקן ווינקל ווו גאָט רעדט צו יעקבן, און ווילן כאַפּן אַ וואָרט...‟

דעם פאָטערס לערנען חומש מיטן עולם האָט זיך טיף פאַראַנקערט אין דער צאַרטער קינדישער נשמה. די וואָרצלען וואָס די אגדות און מדרשים האָבן געשלאָגן אין דעם איידל און פיינפילנדיק קינד האָבן זיך שפּעטער צעוואַקסן אין ריזן־ביימער מיט ווונדערלעכע פּירות. יהואָש האָט

דעם בית־המדרש תמיד ליב געהאַט. אין זיין פּאָעמע „אין גאָטס הויז“, זינגט יהואָש:

„...וועט שטיין אין שטילן טאָל דאָס
שטילע הויז פון גאָט,
אָן כעס, אָן טאַדל און אָן שפּאָט,
דאָס ליכט וועט ברענען און דער טויער
וועט זיין אָפן,
און קיינער וועט ניט רופן, קיינער וועט
ניט שטראָפן,
נאָר ביי דער שוועל וועט שטיין גאָטס
ליבשאַפט און וועט האַרן,
צו קושן דיר די וווּנד און היילן דיינע
צערן...“

גאָר אָפט קומט מיר אויס צו לייענען פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּרוכפּערישער פּערזענלעכקייט וואָס הייסט יהואָש, אָבער דער רעליגיעזער מאָטיוו, וואָס וועבט זיך דורך ווי אַ גאָלדענער פאָדעם אין גאָר אַ היפּשע צאָל פון זיינע לידער און דערציילונגען, ווערט כמעט נישט דערמאָנט. אין דער אמתן האָט יהואָש פאַרמאָגט אַ טיף רעליגיעזע נשמה, פאַרוואָרצלט אינעם יידישן וועלט־באַנעם.

ווען דער דיכטער און שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי פאַרעפנטלעכט אַ ליד, וואָס נעגירט דעם גאָט־באַגריף און ווייזט אָן, אַז אין דער וועלט פון ראַציאָנאַלן דענקען קומט דער שכל במקום גאָט, פאַרעפנטלעכט יהואָש דאַן אויך אַ ליד, ווו ער ווייזט אָן, אַז אָן גאָט איז קיין שום אחיזה ניטאָ ביים מענטשן:

„נאַר זיך און נאַר די גאַנצע וועלט;
מיט דיין איראָניע־שמייכל,
באַרים זיך אַז דו דאַרפסט ניט גאָט —
דיר קלעקט דער שכל...“

יהואָש, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע געפילן און פילט דעם מהות פון געטלעכקייט אין זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים און פילט דעם חלל פון גאָטלאָזיקייט, פרעגט דאַן ביי זיין פריינד:

„...ווען ס'שטעלט די מרה שחורה זיך
אַוועק ביי דיר צוקאָפּנס,
און ס'פּערלען קאַלט אויף דיין געזיכט,
פון יאוש־שווייס די טראָפּנס —
...צי ליגסט ניט דאַמאָלסט ווי אַ טרוס
זיך קאָרטשענדיק אין דרייען,
דיין שכל גיבור, וואָס ביי טאָג
שטאָלצירט מיט זיין כלי־זין?...“

(„שכל במקום גאָט“, פאַרעפנטלעכט
אין יאָר 1905).

מ'דאַרף האָבן אין זינען, אַז דאָס יאָר 1905 איז געווען דאָס יאָר פון אויפשטאַנד אין צאַרישן רוסלאַנד און גאָר אַ היפּש ביסל יידישע יוגנט איז שטאַרק מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון ראַדיקאַליזם, וואָס איז געווען באַפּאַרבט מיט מינות און אפּיקורסות מכל המינים און רעליגיע איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער זייל פון פינצטערניש און פאַרבלענדעניש. אָבער יהואָש האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט ווען ער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן זיין אידעאַלע שיטה. ער איז געווען איינער פון די יחידי סגולה וואָס האָבן געדרוקט און פאַרשפּרייט רעליגיעזע דיכטונג:

„... עפנט ברייט די קליינע שוואַרצע
פעסטונג,
און ליכטן פלייצן ווי אַ שטראָם פון בערג;
ניטאָ קיין טויט, ניטאָ רו און נעסטונג,
נאָר גאָט אין וואַנדל ווירבל פון זיין
ווערק.“

יהואָש פילט אַז נאָר די אמונה אינעם יידישן וועלט־באַנעם פילט אָן זיין גאַנצן ישות און לייטערט אים. „לית אתר פנוי מיניה.“ ער שעפּט פולע הויפטן פון דער געטלעכער ברכה:

„...כ'האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט,
ווי אַ קינד זיין האַנט אין רעגן,
און פול געקומען איז דיין ברכה מיר
אַנטקעגן.
האָב איך אַ טייל געטרונקען און אַ טייל
געלאָזן
דורך מיינע פינגער רינען אויף די
טויטע גראָזן...“

שוין אין זיין גאָר פריער דיכטונג פילט זיך גאָר אָפט דער אָטעמצוג פון תנ״ך. איר פילט דעם אויסטייטש פון אַ פסוק פאַרוועבט אין אַ פּאָעמע: „בידך אַפקיד רוחי“:

„...אויף דיינע אויגן טאָג און נאַכט,
און אין דיין האַנט פון פרי ביז שפּעט,
איך וויג זיך אויף דיין פעסטער מאַכט,
מיין יעדער האַרץ־שלאָג אַ געבעט...“

דער דיכטער פילט אַז גאָטס חסדים צו זיינע ברואים זיינען גרויס און זיין ליבע צום מענטשן איז אומבאַגרענעצט און פילט זיך „חדשים לבקרים“:



„...מיט יעדער שעה אַ ליכט אַ נים,
מיט יעדן טאָג אַ נייע פרייד,
דו פּאָרויס, און שפּרייז נאָך שפּרייז,
דיר גיי איך נאָך געטרייסטערהייט.“

זעלטן־ווו יהואָש באַקלאָגט זיך אין זיינע לידער אויף זיין ליידנדן גוף, אויף זיינע פיזישע ווייטאָגן און דורכגעלעכערטע לונגען. ער לויבט גאָט פאַר יעדער געשענקטער מינוט און פּרוווט די מינוטן אָנפילן מיט מהות. אין איינעם פון זיינע לידער, געשריבן אינעם סטיל פונעם ערשטן קאַפּיטל תהילים, אַשרי, שרייבט ער:

„ווויל צו דעם, וואָס דו האָסט אויס־
דערווילט,
און אים געשטראָפט, און אים צוגלייך
געהיילט...
ווויל צו דעם, וואָס האָט געזאָגט: איך
לויב
די האַנט, וואָס האָט מיין שטאָלץ
געוועלבט אין שטויב...
ווויל צו דעם, וואָס זאָגט די וועלט איז
שיין,
און ווערט זי מיאוס, בין איך עס אַליין.“

יהואָש נעמט פאַר ליב פיזישע יסורים געלייטערט מיט טיפער אמונה, אַז „מה דהוה עביד לטב עביד,“ און ווען ער קאָרטשעט זיך אין ווייטאָגן דורך שלאָפלאָזע נעכט זאָגט ער:

„איך האָב געוויינט אַ גאַנצע נאַכט,
האָט מיר די נאַכט אַ הילף געבראַכט...
איך האָב געוויינט, האָט מיין געוויין
דאָס האַרץ מיר אויסגעוואַשן ריין...“

ער פילט אַז דורך די יסורים וואָס ער ליידט ווערט ער אויך געלייטערט. אים שרעקט ניט דער טויט. ביי אים איז ניטאָ קיין מלאך־המות נאָר געטרייע מלאָכים־באַגלייטער:

„...און ווען איך גיי אין וויסטן טאָל,
פון ווייטן רופט צו מיר דיין קול...
...און ווען איך בין ביים לעצטן ראַנד,
שטרעקסט דו צו מיר דיין שטאַרקע
האַנט...“

(„גם כי אלך בגיא צלמות“)

די זעלבע השתפכות הנפש פילט זיך אויך אין אַ סך פון זיינע לעגענדעס. אומוטום פילן זיך די שפּורן פון זיינע יוגנט־איינדרוקן און די קערנער פון פאָלקספאַנטאַזיע וואָס זיינען איצט רייף געוואָרן און בעטן אַ תיקון. אין אַ פּאָעמע „די רייניקייט“, וואָס מען האָט באַגראָבן אויף אַ בית־עלמין, ווו די אותיות פורחות געפינען זייער תיקון:

„...און ס'פּוילט דער פּאַרמעט אין דער
ערד
דאָך גאַנץ די אותיות זיינען
און ווען דאָס פעלד אין נאַכט זיך קליידט
און שטערן נעמען שיינען...
דאַן איינציקווייז די אותיותלעך
אַרויס פון קבר קריכן,
און טאַנצן אום אין גרינעם גראָז,
ווי פייערדיקע שטריכן.
זיי פלאַטערן און פלאַקערן
אינעם אָוונט־אוויר,
ביז יעדער אות געפונען האָט
זיין שכן און זיין חבר...
דאַן רייען זיי אין ווערטער זיך,
אין שורות ווי פּאַרצייטן,
און פונקען אין דער שוואַרצער נאַכט,
ווי יאָרצייט ליכט פון ווייטן...“

אין אָט דער פּאָעמע, וואָס אָטעמט מיט ליבע צום יידישן אות, וואָס זעט נשמהדיקייט אין יעדער וואָרט, שפּיגלט זיך אויך אומדירעקט אָפּ יהואָשעס ליבשאַפט צום ספר הספרים. איר פילט שוין דאָ דעם דרך־ארצדיקן צוגאַנג פאַר זיין תנ״ך־איבערזעצונג, ווו ער וועט דאַרפן פאָרן ווערטער און שורות, זיי געבן אַן אַנדער גוף און לבוש און איבערגיסן דעם רוח־הקודש וואָס ווייעט אין יעדער אות און שורה געהייליקט דורך דורות.

פלעגט ער טאַקע גאָר אָפט גאַנצע נעכט נישט שלאָפן צוליב אַן אות אָדער אַ וואָרט. ער פלעגט שרייבן צענדליקער בריוו צו אָנערקענטע לומדים, פרעגן זייער מיינונג וועגן דעם טייטש פון אַ שווער וואָרט אָדער אַ נישט קלאָר אויסגעטייטשטע מיינונג פון אַ פסוק, וואָס די מפרשים האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. האָט ער דאָך באַדאַרפט איבערשאַפן און איבערגיסן אַזאַ ריזיק ווערק, וואָס איז כמעט ווי איבערמענטשלעכע כוחות פאַר אַ יחיד דאָס צו טאָן. אויך דאָ האָט אים גאָר אַ סך געהאָלפן זיין טיפע אמונה און אומבאַגרענעצטע ליבע צום ספר הספרים און דאָס געפיל אַז מענטשן וואָס קאָנען נישט לייענען דעם אָריגינאַל זאָלן זיך באַקענען מיט דעם אומשאַצבאַרן גרויסן יידישן אוצר. אָפט מאָל פילט דער דיכטער אַליין

זיין איבערמענטשלעכע גבורה און זיין פאַרוואָרצלטקייט אין דורות:

„...איבער אַלע דורות אין מיין וועג,
איבער אַלע דורות אָן אָנהייב, אָן ענד,
איבער אים וועלבט זיך מיין וועג.
אונטער מיר איז דער ברייטער, דער רוישיקער,
דער טונקעלער, דער אייליקער ים,
און איבער מיר איז דער הימל,
דער ברייטער, דער רואיקער,
דער פעסטער, דער לויטערער הימל...“

עס ציט דעם דיכטער צו די הייכן, פון דאָרט ציט ער זיין יניקה און קראַפט:

„...מיין זעל ציט זיך צום הימל.
צו דער רואיקייט, צו דער לויטערקייט,
צו דער ליכטיקייט,
און נערט זיך פון איר,
און שטאַרקט זיך פון איר,
און אייביקט זיך אין איר...“

טראָץ זיין קראַנקן גוף פילט דאָך יהואָש אין זיך די יכולת פאַר זיינע שווערע אַרבעטן. ער איז געקרעפטיקט דורך טויזנטער יאָר יידישע טראַדיציע וואָס גאַרטלען אים אַרום ווי אַ פאַנצער:

„...ווי ברייט די אָרעמס מיינע,
ווי שטאַרק!
טויזנט־טויזנט יאָרן בין איך אַלט,
און טויזנט־טויזנט יאָרן וועל איך אַלט זיין.“

צוליב דעם וואָס דער יידישער עבר איז ביי אים פאַרבונדן מיטן היינט (הווה) פילט ער אויך דעם יידישן צער פון דורות. אָפט גייט ער אַרום איבער די חורבות און ווערט אַ מקונן אויף דעם יידישן אומגליקלעכן גורל. זיין אייגענער צער ווערט פאַרשמאָלצן אינעם צער האומה וואָס שפיגלט זיך אָפּ אין גאָר אַ סך פון זיינע נאַציאָנאַלע לידער:

„...אַזש ווייַ, צו די קינדער וואָס זיינען פאַרטריבן,
אַזש ווייַ צו די לעבנס וואָס ווערן צעריבן
און ווערן אין תהום פון שיקזאַל פאַרטראָגן,
און האָבן צומאָל ניט ווער ס'זאָל זיי באַקלאָגן.

אין אַן אַנדער ליד, וואָס הייסט „אומגעדולד“, באַוויינט יהואָש דעם טראַגישן יידישן גורל צווישן די פעלקער, מיט פערזן ווי:

„...פון ים צו ים, פון לאַנד צו לאַנד,
אומזיסט דעם זאַק געטראָגן,
פון איינעם שווערע שטיינער בלויז,
פון צווייטן ווינט געקראָגן...
...פון לאַנד צו לאַנד, פון הויז צו הויז,
ביי יעדן טיש געזעסן,
און אומעטום געקראָגן בלויז
מיין אייגן ברויט צו עסן...“

יהואָש איז אָבער אויך דער גלייביקער אינעם „נצח ישראל לא ישקר,“ דער אָפּטימיזם אַז די אַלע גרויל־איבלען וואָס ווערן אָנגעווענדט קעגן יידישן פאָלק וועלן עס נישט אומברענגען, נאָר פאַרקערט, וועט שטאַרקן און באַפרישן זיינע אַלט נייע האָפענונגען צו אַ ניי לעבן אויף אַלטע יסודות אין זיין אייגן לאַנד. ער האָט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק שטאַרק פּאָפּולאַריזירט מיט זיינע לידער וועלכע פלעגן אָפט געזונגען ווערן אויף דער יידישער גאַס:

„איך ווייס אַ בלום וואָס וואַקסט און בליט,
וואָס וואַקסט אָן טוי, אָן רעגן,
זי דאַרף קיין פרישע ווינטן נישט,
קיין לופט וואָס קומט אַנטקעגן...
...די בלום הייסט ליבע צו דעם פאָלק,
זי שפּראָצט אַרויס אין שטורעם,
זי ציט חיונה פונעם שמערץ,
און נערט זיך פון יסורים.“

(„נאַציאָנאַל געפיל“)

## יהואָשעס נסיעה קיין ארץ ישראל

בכדי צו פאַרשטיין בעסער די געדאַנקען־וועלט פון יהואָש איז פון גאָר גרויסער חשיבות זיין נסיעה קיין ארץ ישראל. שוין פון קינדווייז אָן איז זיין פאַנטאַזיע באַפליגלט געוואָרן מיט מעשהלעך וועגן דעם הייליקן לאַנד פון די אָבות, וואָס זיין טאַטע האָט אַזוי שיין געשילדערט פאַרן עולם שבת ביים חומש זאָגן. יאָרן לאַנג האָט יהואָש געחלומט און געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדעם ביז ענדלעך איז געקומען דער גרויסער טאָג פון דער נסיעה. ער שרייבט אין זיין בוך „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק“:

„... און פון דעם טאָג אָן איז ביי מיר געוואָרן ארץ ישראל אַ ליכטיקער אינדזל וואָס געפינט זיך אין עק פון אַ



לאַנגן פינצטערן וועג... אַלץ וואָס איז גוט און ליכטיק און שיין איז דאָרטן— אויף יענעם אינדזל, און דעם וועג דאַרף מען דורכמאַכן וואָס שנעלער...“

דער דיכטער גלייבט באמונה שלימה אַז נאָר אין ארץ ישראל וועט ער דערגרייכן פולע שלימותדיקייט. נאָר דאָרט וועט ער קאָנען זיך אויסלעבן ווי אַ ייד און אָטעמען די לופט פון די אָבות.

„...וועל איך נאָר אַהין דערגרייכן, וועלן אַלע צווייפלען זיין געלייזט, אַלע פראַגעס פאַרענטפערט, אַלע טונקלהייטן— העל, און עס וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן... אַ נייער פרילינג, אַ נייע יוגנט מיט נייע פעסטע גלויבנס.“

(בוך איינס, זייט 6)

יהואָש פאָרט קיין ארץ ישראל אין יאָר 1914, אין זיינע בליאיקסטע יאָרן און די פּראָדוקטיווסטע צייט פון שעפערישער אַרבעט. שוין אויך אַ 7-8 יאָר ווי ער האָט איבערגעזעצט אַ צאָל קאַפּיטלעך פון תנ"ך. ארץ ישראל וועט זיכער אַריינזינגען און אַריינאָטעמען אין אים נייע טענער און באַפרישטע כוחות. איז דאָך געשריבן „אוירא דישראל מחכים“. און וויפל קענטעניש און חכמה פאָדערט זיך פאַר אַזאַ ריזיקע אויפגאַבע ווי איבערזעצן די כתבי הקודש, רייניקן אַ סך פון די פּסולת און טעותים וואָס פריערדיקע איבערזעצערס האָבן געמאַכט פאַר אים. יהואָש קומט קיין ארץ ישראל און ווערט דאָרט טאַקע באַפרישט און באַנייט:

„...איצט ערשט אַז איך בין אין ארץ ישראל און מיין נשמה פילט זיך זיכער מיט דער צוקונפט, הייב איך אָן צו פאַרשטיין וויפל שווערע שטיינער עס האָבן אויף מיין האַרצן געדריקט אין גלות... איצט זע איך וואָס פאַר אַ כוח איך האָב געמוזט דאָרט אָנטאָן כדי ניט אַרונטערגעשלעפּט צו ווערן פונעם יאוש...“

ער שילדערט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן די שטאָלצע יידישע נשמות וואָס ער באַגעגנט און זייער דראַנג נאָך גאולה. די חלוצים און בויערס פון פאָלק זיינען נישט פון גלות שניט, און הגם טערקיי הערשט איבער ארץ ישראל, איז אָבער דער משיחישער גלויבן אין דעם איבערנאַטירלעכן כוח און אויסדויער פון יידישן פאָלק אויף דער גאולה גאָרנישט משער צו זיין.

„...איך גיי אויף דער גאַס און קוק זיך אַריין טיף אין די אויגן פון די יידן וואָס
גייען מיר פאַרביי. איך זע זייער גאַנג,
זייער אויפהייבן דעם קאָפּ, זייער ריידן,
זייערע באַוועגונגען און איך שפּיר אין
זיי אַן „עפּעס“, וואָס איך האָב ניט
באַמערקט אין קיין יידן אין קיין לאַנד
אויף דער וועלט...“

דער דיכטער, אָנגעפילט מיט נייע האָפענונגען און משיחישער וויזיע, שרייבט:

„...אונדזער אַנקער וועט איצט זיין ניט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אין דער צוקונפט... ניט מער: אין דעם נאָמען און פאַר דעם כבוד פון אונדזערע עלטערן, נאָר: אין דעם נאָמען און כבוד פון אונדזערע קינדס־קינדער.“

אַ נייער טאָן שלאָגט אָן אין יהואָשעס דיכטונג:

„...פון די טיפע וואָרצלען אונטן,
פון די טונקל־קאַלטע גרונטן,
צו דער זון אין אירע פלאַמען...
שליסן ערד און הימל בונטן —
שליס איך אויך מיט זיי צוזאַמען...

ער ווערט ממש פאַרשיכורט פון דער זון אין ארץ ישראלס ליכטיקן הימל:

„...אַלץ לעבט אַצינדער פון הימל. די מאַראַנצן קריגן זייער גאָלד, די מאַנדלען פאַרטיקן די יאָדרעס און די טרויבן פילן זיך אָן — און דאָס איז אַלץ פון דער זון, פונעם הימל. אין ארץ ישראל איז דער הימל מער ווי די ערד. די הויפּט יניקה קומט פון אויבן.“

אינעם פריער דערמאָנטן בוך, וואָס איז געשריבן אין פּראָזע, געפינען זיך אויך אַריינגעוועבט לידער, וואָס זייערע אינהאַלטן טראָגן אין זיך תנכישע מאָטיוון. אַזוי געפינט זיך דאָרט אַ ליד פון אַ מיידל צו איר געליבטן, וואָס דערמאָנט אינעם סיגנון פון שיר השירים:

„...צווישן די כרמים פאַראַן איז אַ וועג
פאַרטרונקען אין דופט פון מאַראַנצן,
דאָרט וואַרט ביז די יונגע לבנה פאַרגייט,
און שוואַרץ איז די געגנט אין גאַנצן...
אַ פערד זאָלסטו זאָטלען אַ פלינקן פאַר זיך
און פאַר מיר זאָלסטו זאָטלען אַ צווייטן,

כ׳וועל קומען ווען יענער וועט שלאָפן
אין הויז,
דורך פינצטערע שטעגן און בייטן.
און מיטברענגען וועל איך צוויי רויזן
געפליקט
פון גערטל וואָס וואַקסט ביי מיין
פענצטער,
אַ ווייסע צו שטעקן ביי זיך אין די האָר,
אַ רויטע אין לאַץ דיר, מיין שענסטער...״

און ווייטער:

„...און קלאַפּן מיין האַרץ וועט אַן
ענטפער צו דיר,
אַזוי ווי אַ האַמער וואָלט שלאָגן,
וועט גיכער און העכער זיך הייבן די
ברוסט,
און שנעלער דעם פערד וועל איך יאָגן...
און וועל איך גאָר פלוצים פאַרהאַלטן
דעם פערד,
ניט טו זיך מיין גיבור דערשרעקן—
איך קען אין דער נאַכט דיינע אויגן
נישט זען,
און כ׳וועל זיי מיט קושן באַדעקן...״

שוין אין אָנהייב פון זיין קומען אין ארץ ישראל פילט ער די ערשטע שפּורן פון גאולה און ער איז פול מיט ביטחון אין דער גאולה שלימה:

„ווען די גרויסע שעה זיך נענט,
וועלן זיין געגרייט די הענט,
פעסט דער פוס אויף אונדזער ערד,
קלאָר דאָס אויג און שאַרף די שווערד...
וועט דער כרם גרין מיט שטאָק,
וועט דער פּרדס פול מיט סאָק,
וועט דאָס פעלד מיט קאָרן געל,
זאָגן אונדז מיט שטומער קעל:—
איר געאַקערט און געגרייט,
איר געפלאַנצט און איר געזייט,
אייער מי און אייער ערד—
פרייער רידל, איצטער שווערד...״

(זייט 174)

ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז דאָס ליד איז געשריבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען טערקיי איז נאָך געווען דער בעל־הבית אין א״י, זעט מען דעם ווייטן קוק און דעם גרויסן יידישן ביטחון, ווי אויך דעם גרויסן קאַמף און גרייטקייט פאַר קרבנות.

אָט זיצט יהואָש ביים ברעג פון ים אין תל אביב, די שטאָט וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין די וויקעלעך, איז אָבער באַשערט צו ווערן אַן עיר ואם בישראל. זיצט ער, קוקט אין דער גרויסער נאַכט אַריין און זיין האַרץ ווערט איבערפילט מיט פרייד פון איין זייט און מיט ווייטיק פאַר זיינע אומגליקלעכע ברידער, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה ימים אין אַלע עקן וועלט:

„עס רוישן אין דער נאַכט די וועלן,
זיץ איך אַליין ביים ברעג און הער,
מיר דוכט אַז פון טויזנטער קעלן
קומט אָן אַן אַלט געזאַנג אַהער...
איך ווייס נישט און איך וויל נישט וויסן
פאַרוואָס די טרערן מיינע פליסן,
און ס׳האַרץ איז פול און שווער....״

(תל אביב 1915)

דער גורל האָט ניט געוואָלט אַז יהואָש זיל זיך פאַרוואָרצלען אין ארץ ישראל. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. יהואָש פאָרט דאַן נענטער צו דער גרענעץ פון עגיפּטן און נאָך דריי יאָר זיין אינעם לאַנד, פאָרט ער צוריק קיין אַמעריקע. ער זאָגט דאַן וועגן זיך:

„...איצט זאָלסטו פון מיר מער קיין מיינונג ניט פאַרלאַנגען. איך בין שוין פּסול לעדות. אויב איך בין נאָך צו ארץ ישראל ניט צוגעוואַקסן, איז אָבער ארץ ישראל שוין אַריינגעוואַקסן אין מיר... איך זע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, שפּיר אַלצדינג פון איבעווייניק אַרויס; איך אָטעם דערמיט, איך געדיי דערפון, איך האָב עס אין מיינע גלידער און שפּיר אַז אַנדערש קען עס ניט זיין. דאָ איז אַן ׳עלמא דקשוט׳...״

אַ סך קריטיקער מאַכן אַ גרויסן טעות ווען זיי באַצייכענען יהואָשן אַלס דעם מקונן פון גלות, אָבער ניט אַלס „משורר התחיה״. יהואָש איז גאָר אַ שטאַרקער באַזינגער פון „תחיה״, אָבער זיין נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין שרייענדיקער, נאָר אַ שטילער, צאַרטער. מיט די דינסטע פעדים פון זיין נשמה איז ער פאַרקניפּט מיט אַלץ וואָס איז הייליק דעם יידישן פאָלק, און ביי יהואָשן איז פאָלק און לאַנד פאַנאַנדערגעטיילט. אַן עד ראיה איז זיינס אַ ליד „דער רוף״, וואָס קלינגט ווי אַ נאַציאָנאַלער הימן:

„און שאַלן וועט דער הייליקער
טראָמפּייט:—
מיר זיינען אויפצוזאַמלען גרייט,



פון קינד און קייט און אַלט און יונג,
אַ פלאַם, אַ בראַנד, צי בלויז אַ פונק,
אַ טויט־געשריי, צי בלויז אַ טרער—
ברענגט אַלע זיי אַהער...
...וועט האַרץ צו האַרץ זיך פאָרן,
און האַנט צו האַנט זיך שטרעקן,
וועט קלינגען פון די עקן:
מיר האָבן שטיל געשוואָרן
דורך יאָרן און דורך יאָרן,
און וועלן איצט דערפילן...״

דער דיכטער איז באַנומען פון נאַציאָנאַלן פלאַם, ער פיבערט מיט אַלע חושים פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. דאָס ליד פאַרענדיקט זיך טאַקע ווי אַ נאַציאָנאַלער הימן:

„... נעמט אונדזער גוטס און האָב,
און אונדזער זעל צוגלייך...
און שטראָמען וועט אַ גרויסער טייך,
פון הייסן גלויבן,
און וואַשן יעדן שימל...
און נידערן וועט פון הימל
אַ בענטשונג ווי אַ מילדער טוי,
צום גרויסן בונד, צו שטאַרקן בוי...״

עס איז שוין די העכסטע צייט אַז יהואָש זאָל קריגן זיין פאַרדינטן אָרט צווישן די נאַציאָנאַלע משוררים. אַ דיכטער וואָס האָט געפיבערט און געבלוטיקט פאַר זיין פאָלק, האָט עס זיכער כשר פאַרדינט. וויפל ער האָט געוועקט און גערופן, האָט ער אָבער געפילט אַז עס איז נישט גענוג. אין זיינס אַ ליד „מיין נישט באַצאָלטער חוב״, שרייבט ער:

„...איך בין אַ בעל־חוב דיר אַ גרויסער,
מיין אָרעם פאָלק, און וואָלט גערן
מיין גאַנץ פאַרמעגן דיר געבן—
כ׳פאַרמאָג אָבער מער נישט ווי טרערן.״

יהואָש איז דעם יידישן פאָלק קיין בעל־חוב נישט פאַרבליבן. ער האָט זיינע אַלע יאָרן אים געגעבן איבער זיינע כוחות. די איבערזעצונג פון תנ״ך איז אַ מייסטערווערק לדורות. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס איז בשעתו שוין געווען געדרוקט אין „חשבון״. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף די דינע און צאַרטע פעדים, וואָס האָבן מיט רעליגיעזער התלהבות באַקרוינט זיינע שאַפונגען און געשאַפן אים דעם אויבן אָן אינעם יידישן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן דענקען.

---

פ. ל. גאָלדמאַן

# מאָביליזאַציע פאַרן יידישן בוך

אַן אָנערקענטער יידישער נאָוועליסט האָט מיר צוגעשיקט זיין נאָר־וואָס דערשינען בוך. ער האָט עס באַגלייט מיט אַ בריוול, ווו ער דערציילט וויפל עקזעמפּלאַרן ער האָט געדרוקט און וויפל עס האָט אים געקאָסט. דערביי האָט ער אויסגעזאָגט דעם „סוד״, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פאַרלעגער, וואָס זאָל כ אַ פּ ן נייע יידישע שאַפונגען און זאָרגן וועגן זייער דערשיינונג און פאַרשפּרייטונג.

אָט־דער „סוד״ איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט. דאָך בין איך געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך זיץ ביי אַ סך יידישע טישן אין אַמעריקע, ווו די טעמע יידיש און יידישע שאַפונגען שטייען אויפן סדר־היום. איך הער אויך אָפט טענות אויפן חשבון פון מדינת ישראל, וועגן מכלומרשטע עוולות כלפי דער יידישער מדינה, וואָס שייך איר באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און אירע קולטור־שאַפונגען. האָב איך נישט בדעה דאָ צו ענטפערן אויף אָט־די טענות. ביי אַ געלעגנהייט וועל איך פּרובירן מאַכן דעם חשבון פון ישראלס בייטראָג צו דער יידישער שפּראַך און עס פאַרגלייכן מיט דער אָנשטרענגונג וואָס ווערט געמאַכט נישט בלויז דורך די בעלי טענות, נאָר אין היגן יידישן לעבן בכלל לטובת דער יידישער שפּראַך און אירע שאַפונגען.

מיין עיקרדיקער ציל דאָ איז אַ רוף צו אַ מאָביליזאַציע, וואָס דאַרף ענטפערן אַן אַרויסרוף פון ישראל, צו אַ בשותפותדיקן אָנשטרענג צו מאַכן אַ וועזנטלעכע ענדערונג אין דעם מצב פון דעם יידישן בוך. דער אַרויסרוף? שאַפן אַן אַלוועלטלעך־יידישן ביכער־קלוב!

דער אַרויסרוף איז פון דעם „קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל״. דער

קאָמיטעט איז פאַראיאָרן געשאַפן געוואָרן
אויף דער איניציאַטיוו פון דעם כנסת־
דעפּוטאַט, יצחק קאָרן, און נעמט אַרום
אַלע יידיש־ (און אַ גרויסן טייל פון די
העברעישע שאַפנדיקע כוחות אין ישראל.

דער הויפּט־ציל פון דעם קאָמיטעט:
העלפן אַרויסגעבן יידיש־שאַפונגען—מיט
אַ גרויסן אַקצענט אויף די שאַפונגען פון
שרייבערס, דיכטערס — עולים — כדי צו
פאַרגרינגערן זייער פאַרוואָרצלונג אין
דער מדינה. דער איצטיקער אַרויסרוף
פון דעם „קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור
אין ישראל", איז נישט צו העלפן שאַפן
דעם פאָנד אויף אַרויסצוגעבן ביכער—
די ווענדונג: ווערן קויפער פון יידישע
ביכער, דורך אָנשליסן זיך אין דעם 'אַל־
וועלטלעכן יידיש־ביכער־קלוב".

דער מיטגלידערשאַפט־אָפּצאָל איז אַן
איין מאָליקער: 20 דאָלער. פאַר דער
סומע וועט דער מיטגליד קריגן פינף
ביכער— לויט זיין אויסוואַל פון אַ רשימה.
אָט איז די ערשטע רשימה:

איציק קיפּניס—„מיין שטעטעלע סלאָ־
וועשנע"; בער באָראָכאָוו — „שפּראַכ־
פאָרשונג און ליטעראַטור ־ געשיכטע";
פלאָריאַן סאָקאָלאָוו — „מיין פאָטער נחום
סאָקאָלאָוו"; אלעזר שטיינבאַרג—„משלים";
מענדל מאַן—„די מענטשן פון סענגושיי";
יצחק באַשעוויס—„מעשות פון הינטערן
אויוון"; אלי שעכטמאַן—„ערב"; אברהם
קאַרפּינאָוויטש — „אַ טאָג פון מלחמה";
יוסף קערלער — „זעט איר דאָך"; רחל
בוימוואָל — ' „אַמאָל איז געווען אַ העל־
פאַנד"; הירש אָשעראָוויטש — „צווישן
דונער און בליץ"; אברהם יהושע העשל—
„קאָצק"; פּראָפ' דוב סדן — „היימישע
כתבים"; ד"ר אברהם מענעס — „שבת
און יום־טוב"; מ. צאַנין — „ליבשאַפט
דורך געוויטער"; פּראָפ' רפאל מאַלער—
„פּיאָנערן פון יידישן געדאַנק"; אריה
שמרי — „געזאַנגען אין שייער"; ישעיה
שפּיגל—„די קרוין"; „וואָרצלען"—אַנטאָ־
לאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל (פּאָע־
זיע און פּראָזע); און „אין דעם אייגענעם
לאַנד" — אַן אַנטאָלאָגיע פון 25 יאָר
מדינת ישראל, אין דער יידישער פּאָעזיע
און פּראָזע.

ווי שוין פריער געזאָגט: פון אָט דער
ערשטער רשימה קען דער מיטגליד אויס־
קלייבן פינף ביכער פאַר זיין קלוב־מיט־
גלידערשאַפט. חוץ דעם וועט ער זיין
באַרעכטיקט צו אַן הנחה פון 25 פּראָצענט
פון אַלע ווייטערדיקע ביכער.

* * * * *

ביז איצט איז מיר געגאַנגען גרינג:
כ'האָב דערציילט אַ סיפּור־מעשה פון אַ
וויכטיקן פּראָבלעם און וועגן אַן ערנסט־
נייטיקן פאַרמעסט זיך צו ראַנגלען מיטן
פּראָבלעם. איצט הייבט זיך אָן מיין זאָרג
— כ'האָב נישט אָנגעשלאָגן קיין קול־
קורא־טאָן. וועט ד ע ר אַרויסרוף האָבן
אַן אָפּקלאַנג ביים לייענער? איז גענוג
אַזאַ בציבורדיקע ווענדונג?

איך וויל גלויבן אַז — יאָ ! איך טראַכט
אַז עס זיינען דאָ טויזנטער אמתע קנאים
פאַר דער יידישער שפּראַך און אירע שאַ־
פונגען, וועלכע זיינען גרייט צו דעמאָנס־
טרירן זייער קנאישאַפט; אַ גרויסן טייל
פון די וועט ספּעציעל אימפּאָנירן דער
צום־שותפות־אַרויסרוף פון אַן ענלעכע
מחנה אין דער יידישער מדינה.

איז די ווענדונג: וואַרט נישט ביז מען
וועט „אָנקלאַפּן אין אייער טיר." ס'איז
נישטאָ קיין בודזשעט דערפאַר. אדרבא:
מעלדעט זיך אַליין ! זאָלן צווישן די ער־
שטע זיין די היגע יידישע שרייבער און
מיטאַרבעטער פון יידישע צייטונגען און
זשורנאַלן און יידיש־וואָרט־זאָגער און
קולטור־טוער; און צוזאַמען מיט זייערע
לייענער און נאָכפאָלגער — וועט אַזוי־
אַרום געשאַפן ווערן אַ געשלאָסענע מחנה
פון שאַפער און לייענער, אַזאַ פאַרמעסט
איז מסוגל אויפצושטעלן אַ סביבה, וואָס
וועט זיין אַ ברכה, אי פאַרן שרייבער און
אי פאַר זיינע לייענער.

* * * * *

דער פּראַקטישער מאָמענט: ווערט אַ
מיטגליד אין דעם „אַלוועלטלעכן יידיש־
ביכער־קלוב". שיקט אַריין אַ טשעק אויף
דער סומע פון 20 דאָלער, אויפן נאָמען:

COMMITTEE FOR JEWISH CULTURE
IN ISRAEL ,

שיקט עס אויפן אַדרעס:

M. FISHER
575 Sixth Avenue
New York, N. Y., 10011

וואַרט נישט ביז מען וועט אָנקלאַפּן אין
אייער טיר !



אריה פאָזי

# עם הספר און די חשיבות פון ספר

ווען מיר ריידן וועגן יידישן בוך, גיבן
מיר, נאַטירלעך, די בחירה צו דעם בוך
וואָס איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אין
איינעם פון אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע
לשונות, יידיש אָדער עברית.

גלייכצייטיק אָבער טאָרן מיר ניט פאַר־
זען, אַז וויכטיקע ביכער וועגן יידן און
יידישקייט, ביכער וואָס האָבן משפּיע גע־
ווען אויפן יידישן געדאַנק, פאָלקסטימלעכן
און אינטעלעקטועלן יידישן לעבנס־
שטייגער און בדרך כלל געווירקט אויף
דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן לעבן
— אַז אַ סך אַזעלכע ביכער זיינען גאָר
געשריבן געוואָרן אין פרעמדע לשונות.
למשל — לאָמיר אָנהייבן פון ווייטן
אַמאָל און צוקומען צו אונדזער הווה:

1) דער תלמוד איז נישט געשריבן גע־
וואָרן אין אָריגינעלן העברעיש פון תנך,
אין דער פאָלקסשפּראַך וואָס איז גענוצט
געוואָרן פון משה רבינו און פון די נביי־
אים, נייערט ער איז געשריבן געוואָרן
אין דעם בשעתו גענוצטן יידישן לשון,
וואָס איז געווען אַ געמיש פון העברעיש
און אַראַמיש;

2) דער זוהר, וואָס איז דער וויכטיקס־
טער ספר פון קבלה, דער מקור, קוואַל
און אוצר פון יידישן מיסטיציזם, וואָס זיין
שפּעטערדיקער אָפּשטאַם איז די גרויסע
פיל־פאַרצווייגטע חסידישע באַוועגונג —
ער, דער זוהר, איז געשריבן געוואָרן אין
אַראַמיש;

3) אַ סך פון די וויכטיקסטע ספרים,
וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען בירושה
פון דער אַזוי גערופענער „גאָלדענע עפּאָ־
כע" פון יידישער שעפערישקייט אויפן
שפּאַנישן האַלבאינדזל, זיינען געשריבן
געוואָרן אין אַראַביש: צווישן זיי, דער
מורה נבוכים פון רמב"ם, דער כוזרי פון
יהודה הלוי, דער חובת הלבבות פון רבי
בחיי אבן פקודה, אמונות ודעות פון רבי
סעדיה גאון, און נאָך, און נאָך.

און לאָמיר אפילו צוקומען צו אונדזער
נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט:
די צוויי באַטייטנדיקסטע היסטאָריקערס
פון יידישן פאָלק זיינען געווען צבי הירש
(היינריך) גרעץ און שמעון דובנאָוו. האָט
דער ערשטער געשריבן זיין יידישע גע־
שיכטע אין דייטש און דער צווייטער—
אין רוסיש.

און לאָמיר גיין נאָך ווייטער: די צוויי
גרויסע היסטאָרישע ווערק וואָס האָבן
משפּיע געווען, ערשטנס, אויף דער גרינ־
דונג פון דער חובבי־ציון באַוועגונג און,
צווייטנס, אויף דער אַנטשטייונג פון דעם
פּאָליטישן ציוניזם: אויטאָעמאַנציפּאַציע
פון לעאָן פּינסקער און יידנשטאַט פון
טעאָדאָר הערצל — די דאָזיקע ביידע
ווערק זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן
אין דייטש.

און אַוודאי טאָר נישט פאַרזען ווערן, אַז
אין ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און
אַנדערע לשונות האַלטן נאָך איצט אין איין
דערשיינען וויכטיקע, גאָר וויכטיקע
ווערק אין שייכות מיט יידן, יידישקייט
און חכמת היהדות.

אָט די פּרטים פון אַלערליי שפּראַכי־
קייטן פון יידישער ליטעראַרישער שע־
פערישקייט האָט געהאַט אין זינען דער
גרויסער יידישער ליטעראַטור־פאָרשער
און היסטאָריקער, ד"ר ישראל צינבערג,
הי"ד, וואָס דערפאַר האָט ער זיין מאָנו־
מענטאַל ווערק (אין 9 בענד) אַ נאָמען
געגעבן ניט „די געשיכטע פון דער יידי־
שער ליטעראַטור", נייערט: די געשיכטע
פון ליטעראַטור ביי יידן.

און ליטעראַטור— אָפּגעזעען אין וועל־
כער שפּראַך ס'איז געשריבן — פאַרנעמט
ביי יידן גאָר אַ חשובן יחוסדיקן אָרט.
דער פאַרטיפטער יידישער געדאַנק באַ־
נעמט, אַז דאָס שעפערישע וואָרט, ווי
קונסט בכלל, האָט זיין מקור אין בענק־
שאַפט, אין בענקשאַפט צו באַשאַפונג,
וואָס דאָס איז געגליכן צו דער בענקשאַפט
צו נצחיות. מען קען זאָגן, אַז פאַרן
קינסטלער איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן
געוואָרן דורך דער בענקשאַפט באַשאַפן
צו ווערן. משמעות, גאָט אַליין האָט זיין
גרויסע קונסטווערק, די וועלט, באַשאַפן
מחמת בענקשאַפט. פון דעם דרינגט דער
יידישער געדאַנק, אַז יעדער באמת קינסט־

לערישע נשמה האָט איר שורש אין דער מעשה בראשית.

נון, מעשה בראשית, דאָס איז אין דעם גדר, דער פּעריפעריע פון מיסטיק. לאָמיר אָבער פּרובירן באַטראַכטן דעם ענין אין פּשטות — אויף וויפל נאָר שעפערישקייט קען אין פּשטות אויפגענומען ווערן.

שעפערישקייט ווערט געבערט פון שיינקייט, פון איין זייט, און גייסטיקייט, פון דער אַנדער זייט. דערביי אָבער דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז אין דעם פּרט זיינען שיינקייט און גייסטיקייט געגליכן צום „נעשה ונשמע“ ביים באַרג סיני בעת מתן תורה — זיי ווערן ניט אַרויסגערעדט באַזונדער, נאָר זיינען איינגעהעפּט אין איינעם: ניטאָ קיין שעפערישע גייסטיקייט אָן שיינקייט.

דאָס איז בדרך כלל. אָבער אַ כלל באַשטייט דאָך פון פּרטים, און יעדער פּרט איז באַזונדער פאַר זיך אַליין. דערביי קען יעדער פּרט, ד״ה יעדער קינסטלער, וואָס איז באַשאָנקען מיט פעיקייטן, אַנדערש ניט שאַפן סיידן אין דער טיף. און וואָס מער געראָטן עס איז דער שעפער, אַלץ טיפער טוט ער דרינגען.

וואָס איז דער אמתער באַשייד פון שעפערישקייט?

דער באַשייד ווערט צום קינסטלער געגעבן פון נאַטור.

ס׳איז אָבער ניט אַזוי פּשוט — די נאַטור אין איר פילפאַרביקייט איז זייער קאָמפּליצירט און סובטיל.

אמת, מ׳קען — אָן זיך פאַרטיפן אין דעם ענין — באַנעמען נאַטור מער ניט ווי אין איר אויבערפלאַך. דהיינו, לאָמיר באַטראַכטן אַ וועלכע ניט איז פּאַנאָראַמע. צום ביישפּיל: אַ לאַנדשאַפט פון בערג און טאָלן; אַן אויסשפּרייט פון וואַסער, וואָס איז ים; אָדער וואַלד און וועלדער, פעלד און פעלדער, וכדומה. פאַר אַ געוויינלעכן אויג קען אַזאַ פּאַנאָראַמע אויסזען מאָנאָטאָן. ס׳איז, קען זיך דוכטן, פאַרגליווערט. אָבער שעפערישקייט איז דאָך מחייב דעם היפוך פון פאַרגליווערטקייט. דער עצם באַגריף פון שעפערישקייט איז מחייב באַנייונג — מחדש צו זיין אָן אויפהער.

פרעגט זיך: איז נאַטור ניט פאַרגליווערט? איז זי תמיד מחדש?

דער ענטפער איז: יאָ, די נאַטור איז קיין מאָל ניט פאַרגליווערט, זי איז תמיד, אָן אויפהער, מחדש.

נעמט, לאָמיר זאָגן, אַ באַרג. זיין פאָרעם, זיינע קאָנטורן טוען אפשר פיזיש — ריכטיקער געזאָגט, געאָגראַפיש — ניט ענדערן זיך. אין יעדן פאַל, ניט ענדערן זיך למראית עין. קינסטלעריש אָבער ענדערט זיך עס אָן אויפהער, אפילו למראית עין: אַנדערש קאָלירט לויט די צייטן פון טאָג און נאַכט; לויט די גענג פון זון, לבנה און שטערן; לויט די וואָלקנס פון אויבן און די טומאַנען פון אונטן, און אַזוי כסדר. אַלץ אין נאַטור איז זיך מחדש אָן אויפהער. אפילו מידבר איז ניט פאַרגליווערט. אַלץ אין נאַטור האַלט אין באַנייען זיך, אין איין אָפּוואַרפן אַלטע ווערטן און אויפשטעלן נייע. דער שטייגער פון דער נאַטור איז אין אַ פּראָצעס וואָס הערט קיין מאָל ניט אויף: עס קומט אויף, קומט אָפּ, קומט אום און קומט אויף אויף דאָס ניי. און אַזוי כסדר; און אַזוי יעדער מאָל אין אַן אַנדער פאָרם, אין אַן אַנדער קאָליר, אין אַן אַנדער געשטאַלטונג.

למשל, אַ וואַלד. ער באַשטייט פון אַ שלל ביימער; יעדער בוים באַשטייט פון אַ שלל צווייגן און בלעטער; צווייגן און בלעטער באַשטייען פון אַ שלל געוועבן, אָדערן, אָפּצווייגן, צעלן אא״וו. און אָט די אַלע זאַכן זיינען קיין מאָל ניט פאַרגליווערט. דער שינוי אין זיי קומט פאָר כסדר און אָן אויפהער. זי קומט אויף, קומען אָפּ, קומען אום און קומען ווידער אויף — פון מינוט צו מינוט, פון טאָג צו טאָג, פון סעזאָן צו סעזאָן. זיי בליען און וועלקן, פאַרשפּרייטן זייערע זאָמען און זיינען זיך מחדש פיל־קאָלירעוודיק. באַשיימפּערלעך: די נאַטור נוצט דינע דינקייטן צו שאַפן דעם אויסשפּרייט פון גרויסע גרויסקייטן.

און ווי מיט וואַלד, אַזוי איז אויך מיט דעם וואָס מיר רופן בחיר היצורים, מענטש. ער טוט נאָך מער בייטן זיך כסדר, אָן אויפהער.

ערשטנס, פיזיש האַלטן זיינע צעלן אין איין בייטן זיך. ער אָטעמט אַריין לופט אַזויפיל און אַזויפיל מאָל אַ מינוט; זיין האַרץ קלאַפּט אַזויפיל און אַזויפיל מאָל אין דער זעלביקער מינוט; און מיט יעדער אָטעמצוג און מיט יעדער האַרצקלאַפּ



קומט פאָר אַן אומבייט אין זיין קערפּער. ער מערקט עס ניט, אָבער דער אומבייט קומט פאָר אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער.

און ווי פיזיש, אַזוי אויך גייסטיק. ער הערט ניט אויף צו דענקען, און די געדאַנקען האַלטן אין איין פליסן. כסדר. וואָס ער טראַכט איצט וועט ער אַנדערש טראַכטן אין אַ רגע אַרום. אַזוי אָן אָפּשטעל ביז זיין סאַמע סוף.

„ביז סאַמע סוף“... און ווער קען באַשטימט זאָגן אויב ס ו ף מיינט באמת ס אַ מ ע סוף?... יש אומרים, אַז דער סוף איז גאָר אַ נייער אָנהייב, אַ נייער געבורט...

און אַזוי אויך מיט געפילן. געפילן רופן אַרויס געדאַנקען און געדאַנקען רופן אַרויס געפילן און אויך אָט דער אומבייט קומט פאָר כסדר.

אפּיקורסים און סקעפּטיקערס קענען טאַקע — און מיט רעכט — די אַלע דערשיינונגען באַטראַכטן און אויפקלערן פון אַ וויסנשאַפטלעכן פיזיש־מאַטעריאַליסטישן קוקווינקל, וואָס האָט נישט אין זינען וועלכע ס׳איז קונסט־טערמינאָלאָגיע.

אָבער — טאַקע אַרויסדרינגענדיק פון דעם דאָזיקן קוקווינקל — קען געשטעלט ווערן די גערעכטע פראַגע: פון וואַנען ווייסן מיר, אַז די דאָזיקע „מאַטעריאַליסטישע“ פיזיאָלאָגיע ווערט ניט בכיוון אָנבאַטראַכט פון אַן איבערוועלטיקן געהיימען ווילן פון אַ קונסטשאַפונג, וואָס באַנוצט זיך מיט די צעלן פון קערפּערס אין דער בחינה פון פאַרבן פאַר אַ בילד־מאָלעריי פון אַ קינסטלער־מאָלער?...

באַשיימפּערלעך: דער מקור פון אַלץ אין נאַטור באַשטייט פון דינע דינסטע ניואַנסן, וואָס יעדער פון זיי איז אַ ברעקלסט ברעקעלע. און ווען די אַלע אָן אַ שיער ברעקלעך דערגאַנצן איינע די אַנדערע אין זייערע אומצייליקע צאָלן, ווערט געשאַפן די האַרמאָניע פון אַזאַ שיינקייט, קעגן וועלכער מענטשלעכער באַנעם בלייבט שטיין געפּלעפּט און נשתומם אין גרויס וווּנדער איבער וווּנדער.

יאָ, אָט דעם פענאָמען קען מען טאַקע פּרובירן אויפקלערן פיזיש. מחמת דורך פּילפּול קען דאָך אַלץ דערקלערט ווערן פיזיש, פּונקט ווי, למשל, אַ קאַפּיטל תהילים קען פונאַנדערגעטיילט ווערן אין איינציקע ווערטער און יעדער וואָרט אין איינציקע אותיות און יעדער אות אין זיין באַטייט. וועט דאָס אָבער אויפקלערן דעם טיפן זין וואָס איז אַריינגעטאָן אין דעם באַזונדערן איינפלעכט פון אותיות און ווערטער דורך וועלכן דער דאָרטיקער געדאַנק ווערט געברענגט צום אויסדרוק?

יאָ, וויסנשאַפט קען טאַקע, אָדער טוט פּרובירן אויפקלערן נאַטור־דערשיינונגען אויף אַ פיזיאָלאָגישן שטייגער, אָבער דער קונסט־שעפערישער מענטש באַטראַכט די דאָזיקע פיזיאָלאָגיע ווי אַ קונסט־שעפערישקייט און זי וויל ער נאָכבאַקומען אויף זיין אייגענעם מיניאַטור־מענטשלעכן איבערקאָפּירנדיקן שטייגער.

און דערביי באַדאַרף אָדער טוט מענטש פאָרשן זיך אַליין, פאָרשן זיין אייגענע טיפע רעטעניש. וואָרום ער, מענטש אַליין, איז דאָך אַ פּראָדוקט און אַ טייל פון נאַטור — אפשר דער וויכטיקסטער און קינסטלערישסטער טייל פון נאַטור, וואָס נישט נאָר איז ער אַ געשאַפענע זאַך, ער איז אויך געשטעלט אין דער בחינה פון צו קענען זיין אַ שעפער — אמת, אין ברעקלסטער מיניאַטור, אָבער פאָרט אין דער בחינה פון אַ שעפער.

און אויך מענטש באַשטייט פון דינע דינסטע ניואַנסן, סיי קערפּערלעכע און סיי גייסטיקע.

דאָס איז בעצם וואָס שייך דער אויבנאויפיקער פיזיאָלאָגיע פון מענטש. דערביי איז אָבער דאָ אַ מער פאַרטיפטקייט פון מענטש, וואָס צו דעם האָט וויסנשאַפט לעת עתה זיך ווייניק וואָס געווידמעט און צו וואָס זי באַציט זיך, אין אַ סך פאַלן, סקעפּטיש, אָדער, וויסנשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאָרשונג פון פיזישע דערשיינונגען, באַטראַכט, בדרך כלל, דאָס וואָס מיר באַצייכענען ווי רוח, אָדער גייסט, פאַרן שפּראָץ פון מאַטעריע. אָט די וויסנשאַפט האָט דעריבער, מיט קליינע אויסנאַמען, נאָך אַלץ ניט געשאָנקען קיין געהעריקן אויפמערק צו דעם, וואָס ביז איצט האָבן זיך שוין אָנגעקליבן אַ סך, גאָר אַ סך באַווייזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַן עצם פון אַ ז י נ ע ן, אַ גייסטיקייט, אַזאַ מין ניט פיזישע רעאַליטעט, וואָס איז פעיק צו ווירקן אומפאַרמיטלט אויף דער פיזישער וועלט. עס ווערן איצט כסדר אויפגעדעקט געשיכטלעכע ראיות און

מעלדונגען פון געשעענישן ווו זינען האָט בפועל ממש באַהערשט חומר, און עס ווערן אָנגעגעבן אויפטוען פון אַ סך מענטשן וואָס מאַניפעסטירן אַזוינע פענאָמענס און דערשיינונגען.

דאָס פירט אונדז צו דער לאָגיק, אַז מיר דאַרפן זיך אַליין מער אויפקלערן און טיפער פאַרטראַכטן זיך וועגן זינען, וועגן גייסטיקייט, וועגן זייערע דימענסיעס און פעיקייטן — און אין גאַנצן אָפּפרעגן אונדזער איינגעשטעלטן מאַטעריאַליסטישן באַגריף וועגן עולם ומלואו און אונדזער אייגענעם לעבנס־שטייגער אין אָט דעם עולם — וועלט, געזעלשאַפט, אויפפיר — ווו מיר זיינען אַריינגעטאָן.

עס קען דאָך גריילעך זיין, ווי עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז היות ז י נ ע ן קען, באַוווסטזיניק אָדער ניט־באַוווסטזיניק, משפיע זיין אויף מאַטעריע און ענערגיע, האָט עס אויך אַ דירעקטע שייכות צו דעם עצם קיום פון דער פיזישער וועלט — ד"ה, אַז באמת איז די פיזישע וועלט אַ פראָדוקט פון דרויסנדיקן אוימגעהויערן זינען און ניט דאָס פאַרקערטע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער מאַטעריאַליסטישער וויסנשאַפט, אַז גייסט אָן אַ קערפער איז לא בנמצא און זינען איז ניט מער ווי אַ פראָדוקט פון חומר.

און ווי נאָר מיר קריגן ספקות אין דעם איינשטעל פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, קערן מיר זיך דאָך במילא צום געדאַנקען־גאַנג פון אונדזערע יידישע בעלי הרוח, די ראשונים ווי די אַחרונים, די בעלי ההלכה ווי די מקובלים, וואָס באַנעמען דעם כבוד אל מלא עולם און האָבן אויף דעם סמך פעסטגעשטעלט די תלמודישע און רבנישע הלכה — דעם לעבנסגאַנג פון מענטש און זיין אויפפיר, אַז ער זאָל ניט פאַרשוועכן זיין רוח — אָט דעם רוח וואָס די מקובלים האָבן מיט רעכט פאָרמולירט ווי דעם מיסתורין שבמיסתורין און דעם מעלה שבמעלה, פון וואָס עס דאַרף און טוט זיך ציען דער עצם וועזן פון מענטש, מיט די אַלע פאַרהוילענישן וואָס זיינען אין אים פאַרהוילן.

און אָט דער עצם פון מענטש, זיין הלכה (לעבנגאַנג) און זיין מיסתורין דאַרף זיין און איז דער קוואַל פון וואָס עס ציט חיונה דער אמתער קינסטלער, דער מחבר פון חיבורים אין אַלערליי סטילן, וואָס דורך דעם פירט ער דורך אַ שליחות פאַר מענטש בכלל און פאַרן עם הספר בפרט.

און דערביי איז בפרט וויכטיק צו האָבן אין זינען, אַז מענטש און זיין לעבן, ווי נאַטור בכלל, איז צו קאָמפליצירט און צופיל פאַרצווייגט, אַז וועלכער עס איז מענטשלעכער קינסטלער זאָל, אין פולקומקייט, עס קענען מאָלן אין פאַרבן אָדער באַשרייבן מיט ווערטער.

אַלץ וואָס דער קינסטלער איז מסוגל צו טאָן, איז אויפצוכאַפּן אַ מענטשנס איינציקע שטריכן, פיצעלעך פונקען, זיי קריסטאַליזירן, זיי ברענגען צום בולטן אויסדרוק.

און קינסטלערס באַמיען זיך טאַקע אַזוי צו טאָן; און וואָס מער ווער פון זיי איז פעיק אַזוי צו טאָן, הרי זה משובח.

לגבי נאַטור קען מענטשלעכע קונסט טאַקע בשום אופן ניט פאַרמעסטן זיך. מענטשלעכע קונסט טוט אָבער יאָ אָנשטרענגען זיך צו אַנטפלעקן וואָס מער דינע דינסטע ניואַנסן פון מענטש אין זיין שייכותדיקייט צו נאַטור, אַז חידושים זאָלן אַנטשיידן ווערן, סודות זאָלן עטוואָס אַנטפלעקט ווערן, זאָלן עטוואָס מער אויפגעקלערט ווערן, מער פאַרשטאַנען ווערן.

**מיר זאָגן:** עטוואָס מער פאַרשטאַנען ווערן, מחמת צו פאַרשטיין אַלץ וועט זיך פאַר מענטש קיין מאָל ניט איינגעבן. צו קאָמפליצירט איז דער ענין און צו פשוט איז אפילו דער פאָרגעשריטנסטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד און געפיל דאָס צו קענען באַנעמען אין דער גאַנצער פולקייט.

* * * * *

דער געדאַנק וועגן קינסטלערישער שעפערישקייט שטימט מיט דעם יידישן מיסטיש־רעליגיעזן געדאַנק, אַז הקדוש ברוך הוא מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית. דאָס איז דער שעפערישער פאַטאָס, וואָס גייט אַדורך דער וועלט ווי אַ התלהבות, וואָס איז אינספירירט דורך ענטוזיאַזם און ליידנשאַפט.

דאָס, אגב, איז אויך דער שעפערישער פאַטאָס, וואָס האָט פאַר דעם ייד מעגלעך געמאַכט זיך אויפצוהאַלטן און זיך אָנצוהאַלטן עד היום און מיט וועלכן ער דאַרף אָנגיין עד לעתיד לבוא — ביז אין דער ווייטער צוקונפט אַריין.

דער געדאַנק פון מענטש שוועבט העכער און ווייטער ווי צייט און רוים. נאָך מער: צייט און רוים איז פאַר אים אָפּגעשאַפט אין גאַנצן. מענטש קען און טוט מיט זיין געדאַנק גרייכן שטאַפלען, וואָס מיר רופן רוים, אויגנבליקלעך, אָן דעם באַנוץ פון די מאַטעמאַטישע מעסטונגען פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט.



און געדאַנק דאַרף טיילן זיך צווישן מענטש און מענטש; און געדאַנק דאַרף אויפגעהיטן ווערן. און דאָס ווערט, צווישן אַנדערן, געטאָן דורך ליטעראַטור און קונסט.

מענטש קען לעבן אָן די אַלע נייעסטע מאָדערנע איינריכטונגען, וואָס מיר האָבן איצט פאַר אונדזער באַנוץ. והא ראיה: מענטש האָט דאָך יאָרנלאַנג געלעבט אויך אָן דעם... אָבער אָן בוך בפרט און אַלערליי קונסט־אויסדרוקן בכלל, קאָן לעבן זעלטן ווו אַ מענטש. און אַ ייד — אַוודאי און אַוודאי זעלטן ווו... מער ניט, מ'דאַרף וויסן ווי צו לערנען קונסט...

מיר האָבן געזען, און זען אויך איצט, ווי עס אַנטוויקלען זיך אָן אויפהער נייע איינריכטונגען, וואָס שטויסן אָפּ דאָס בוך און קינסטלערישע שעפערישקייט בכלל. למשל, עס האָט זיך אַנטוויקלט די ראַדיאָ און האָט אָנגעהויבן אַרויסשטויסן די טעגלעכע פרעסע. געקומען זיינען די פילם־טעאַטערס און אָנגעהויבן אַרויסשטויסן די קונסט־טעאַטערס. ס'איז פון שוישפיל געוואָרן אַ מאַסן־פראָדוקציע און ס'האָט זיך פאַרלוירן דער אינטימער קאָנטאַקט פון דעם קינסטלער־דראַמאַטורג און קינסטלער־שוישפילער מיט דעם עולם וואָס נעמט אויף זייער קונסט. איצט האָט זיך אַנטוויקלט טעלעוויזיע און ס'שטויסט אַרויס אויך דעם פילם־טעאַטער.

און זיי אַלע אין איינעם ווירקן אויף דעם, אַז בוך ווערט געלייענט אַלץ ווייניקער און ווייניקער, און קונסט בכלל ווערט פאַרשטויסן אין אַ ווינקל.

און — דער גייסט פון מענטש ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ אָרעמער.

זינט די לעצטע 40־50 יאָר האָבן מיר אַריינגעקראָגן אָן אַ שיער נייעסטע מאָדערנע אינסטאַלאַציעס: מיר פליען אין די הימלען; מיר באַטרעטן שוין די לבנה; דורך טעלעוויזיע און ראַדיאָ האָבן מיר פאַרוויילונג אַריינגעבראַכט צו זיך אין הויז, און אַזוי ווייטער און ווייטער. דער פועל־יוצא פון דעם איז אַז דאָס בוך, ווי קונסט בכלל, ווערט גענוצט אַלץ זעלטענער און זעלטענער, און ביכער אין הייזער ווערן אויסגעשטעלט מער פאַר דעקאָראַציעס איידער פאַר נוצלעכקייט, און שטויב לייגט זיך געדיכט אויף זיי אין די פאָליצעס פון זייער מקום־מנוחה; אַזוי אויך מיט קונסט־בילדער, וואָס ווערן טאַקע צעשיקט אין גאַלעריעס, אָבער ווערן וואָס ווייניקער צעהאַנגען איבער די ווענט פון די הייזער.

איז מענטש דורך דעם גליקלעכער געוואָרן? פרעגט ווען איר ווילט, דער ענטפער איז — ניין! קאַטעגאָריש ניין!

דורך גלייכגילט צו קונסט ווערט מענטש גייסטיק פאַראָרעמט.

דורך גייסטיקער אָרעמקייט פאַרלירט מענטש זיין גלייכוואָג.

און אין איינעם מיט דעם שיידט זיך אָפּ גליק פון אים.

און מיר האָבן שוין געזען און זען אויך איצט ווי אַזוי מענטשן ברענען ביכער.

אַ מאָל האָבן קריסטן־פאַנאַטיקערס און אינקוויזיטאָרן אין אַלערליי לענדער געברענט יידישע ביכער.

אין אונדזערע צייטן האָבן דאָס זעלביקע געטאָן די דייטשן אין אייראָפע.

און היינט טוען עס די קאָמוניסטן ווו נאָר זיי פאַרכאַפּן די מאַכט.

און די זעלביקע מענטשן, וואָס ברענען ביכער, ברענען אויך מענטשן.

שטעלט זיך דערביי די האַרבע קשיה: ווי אַזוי קען דאָס געשען?

אונדזער מוח קען דאָס ממש ניט באַנעמען: ווי קען עס געשען, אַז נאָך טויזנטער יאָרן פון אַנטוויקלונג און אַוואַנסירונג פון מענטשלעכן געדאַנק, זאָל דער זעלביקער געדאַנק אַזוי אַטראָפירט ווערן, אַז ער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד דורך פאַרברענען די שעפערישקייט פון אָט דעם געדאַנק, דעם בוך, און איינעם מיט זיין שעפער, דעם מענטש.

אויף דעם האָבן אונדזערע חז"ל געגעבן אַן ענטפער נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק: „הספר והסיף ירדו מכורכין מן השמים. אָמר להם הקב"ה לישראל: אם עשיתם את התורה הכתובה בזה אתם נצולין מזה, ואם לאו אתם לוקים בו." (ויק"ר פל"ה). (דער שווערד און דאָס בוך זיינען פון

הימל געגעבן געוואָרן איינגעוויקלט צוזאַמען. און גאָט האָט געזאָגט צו מענטש: אויב איר וועט אָפּהיטן וואָס אין בוך איז פאַרשריבן וועט איר געראַטעוועט ווערן פון דער שווערד, און אויב ניט — וועט זי אייך אומברענגען).

פאַרשטייט זיך, איצט ווי אַלע מאָל, האָט מענטש די ברירה אויסצוקלייבן פאַר זיך דעם וועג צווישן ספר און שווערד — צווישן שוועבן גייסטיק אין דער אייביקייט און צווישן זינקען אין די פינצטערע טיפענישן פון אומקום.

נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן יידן (אגב, ניט דורך זיך אַליין נאָר דורך די מוסולמענער) געקראָגן דעם נאָמען ע ם  ה ס פ ר, דאָס פאָלק פון בוך. אָט דער נאָמען איז אונדז דעמאָלט געגעבן געוואָרן ווי אַ שבח וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט דעם ספר הספרים, דעם תנ״ך. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. יידן זיינען דער עיקר דאָס פאָלק פון בוך, ווייל אין אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן מיר אויך פּרעזערווירט דעם גייסט פון בוך.

דער גייסט פון בוך ביי יידן איז טאַקע דער ספר הספרים, דער תנ״ך, אָבער דאָס איז ניט אַלץ. מיר דאַרפן אויך פּרעזערווירן אַלע ווערטיקע נייע ליטעראַרישע שאַפונגען און אויך די אַלע וויכטיקע ווערק וואָס די מענטשהייט בכלל און יידן בפרט האָבן געשאַפן ביז איצט.

ס'איז נאַטירלעך, אַז די וועלט־ליטעראַטור האָט געהאַט איר השפּעה אויף דער ניי־צייטיקער יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט, סיי דירעקט און סיי אומדירעקט, אָפט מאָל אַפילו טעמאַטיש און איבערהויפּט סטיליסטיש.

די תקופה פון די גרויסע ליטעראַטורן אין אייראָפּע איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער תקופה פון פּערזענלעכע פרייהייטן, וואָס דער יחיד האָט באַקומען, אָדער זיך דערוואָרבן, בשעת און נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער מענטש האָט זיך אויך דערוווסט וואָס אַמאָל מער סודות פון דער נאַטור און במילא זיך באַפרייט פון זיי. אָבער וואָס מער פּערזענלעכע פרייהייטן, וואָס אומאָפּהענגיקער מענטש האָט זיך געמאַכט, צי פון דער רעליגיע, צי פון דער מלוכה, אַלץ מער האָט ער זיך צוליב זיי פאַרפלאָנטערט מיט זיך אַליין. אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, מיט איר סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן בנין, האָט דער יחיד געהאַט אַ סך שאַנסן זיך אַרויפצושלאָגן, אָבער נאָך מער אַדורכצופאַלן. אין דעם וואָס אַ מאָל מער קאָמפּליצירטן לעבנס־סיסטעם האָט זיך דער מענטש אָנגעהויבן פילן פאַרלוירן, פאַראיינזאַמט. ס'איז דערגאַנגען, סיי אין דער פילאָסאָפיע און סיי אין דער ליטעראַטור, צו דער עקזיסטענציאַליסטישער פאַרלוירנקייט און יאוש, צום פּחד פון פאַרפאַלן ווערן.

אָט די אַלגעמיינע מענטשלעכע פאַרלוירנקייט איז אָבער פרעמד דעם יידישן גייסט. דער ייד, ווי מענטש, וויל בלייבן. ער וויל נישט נאָר אַז זיינע רעיונות און שטרעבונגען זאָלן בלייבן, נאָר ער וויל אויך אַז זיין טאָג־טעגלעך לעבן זאָל בלייבן. דער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור פרייט זיך ווען ער זעט ווי דאָס יידישע לעבן ווערט געשילדערט אין זיינע אינטימע פאַרהעלטענישן, און ווען עס ווערן אַרויסגעבראַכט זיינע אינטימע נשמה־בענקשאַפטן.

און אַזוי שילדערן קען אים נאָר די יידישע שעפערישקייט. דורך דער ליטעראַטור, ווי דורך קונסט בכלל, דריקט זיך אויס, די יידישע בענקונג צו נצחיות.

לאָמיר אָט דעם געדאַנק אילוסטרירן דורך אַ דוגמא:

די נאָבעל־פרעמיע ווערט פאַררעכנט ווי די העכסטע, אַנערקענטסטע און חשובסטע אויסצייכענונג וואָס ווערט אויסגעטיילט יעדן יאָר צו שעפערישע שרייבערס. איז די דאָזיקע פרעמיע אין יאָר 1966 אויסגעטיילט געוואָרן דעם יידישן שרייבער ש. י. עגנון ז״ל און מיט אַ יאָר שפּעטער איז זי געגעבן געוואָרן דעם אירלענדישן שרייבער סעמיועל בעקערט. ד״ה, די דאָזיקע צוויי שרייבערס זיינען אויסגעצייכנט געוואָרן צו זיין צווישן די בעסטע און רעפּרעזאַנטיווסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

פון קינסטלערישן קוקווינקל שטייען, בלי ספק, די דאָזיקע צוויי שרייבערס אויף גאָר הויכע מדרגות. אָבער לאָמיר זען דעם גרויסן היפּוך צווישן זיי אין שייכות מיט די אידעען וואָס זיי ברענגען אַרויס אין זייערע באַזונדערע שעפערישקייטן:



ווען מיר זאָלן אונטערציען דעם סך־הכל פון סעמיועל בעקערטס וועלט־אָנשויונג, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין זיינע ווערק, קען עס אָט ווי פאַרצייכנט ווערן: וואָס איז דער תכלית פאַרן מענטש אויף אונדזער ערדישער וועלט? — ניטאָ קיין תכלית. וואָס קען זיין די האָפענונג זיינע? — ניטאָ קיין האָפענונג. פאַרוואָלקנט איז דער הימל, פאַרחושכט די זון. מענטש איז ווייט פון גאָט און נאָך ווייטער פון זיין נאָענטסטן שכן, און נאָך ווייטער פון זיך אַליין. זיין פּנים איז אַ קבר פול מיט מאַסקעס, זיין וואָרט — אַן אָפּקלאַנג פול מיט אילוזיעס און ליגנס.

און ווי אַנדערש, ממש כרחוק מיזרח ממערב, איז געווען די וועלט־אָנשויונג פון ש״י עגנון. דורך זיינע שריפטן שאַפט זיך וועגן אים דער איינדרוק ווי פון אַ ערהייבענעם מענטש, ווי דער וואָס שיידט זיך אויס פון דער אַרומיקער פּראָזאַישער סביבה און ווערט איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון קדושה, און אין דעם מאַנטל ציט ער אַריין אויך דעם לייענער — אויפן שטייגער, וואָלטן מיר געזאָגט, פון אליהו הנביא, וואָס ווען ער ווערט דערהייבן צום הימל און איז אויפן וועג צו די הייכן, וואַרפט ער אַרונטער זיינע מלבושים, בכדי זיין תלמיד, אלישע, זאָל זיי אויפהייבן, אין זיי קליידן זיך און ממשיך זיין, זיין, אליהוס, גאַנג אויף דער ערדישער וועלט.

פאַרשטייט זיך, ניט אַלע יידישע שרייבערס זיינען ווי ש״י עגנון, איינגעהילט אין קדושה וטהרה, און ניט אַלע ניט־יידישע שרייבערס שטעלן פאָר מענטש און לעבן אַזוי געזונקען אין שאול תחתיה, ווי דאָס טוט סעמיועל בעקערט, אָבער אַן אידעאָלאָגישע אָפּגרענעצונג־ליניע, אַפילו ווען ניט זייער קיין בולטע, איז פאָרט אָפּגעצייכנט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס טיילט זי אויס אין גייסטיקייט פון דער ניט־יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט.

מיר, ווי יידן, האָבן ניט גענאָסן, ווייט ניט גענאָסן, פון דער זעלביקער מאָס פּערזענלעכע און בירגערלעכע פרייהייט, וואָס די ניט־יידן, אַפילו אין די פרייהייטלעכסטע לענדער און אין די עמאַנציפּאַציע צייטן. דערפאַר האָט דער סם פון איינזאַמקייט אונדז ניט אָנגעגריפן אין אַזאַ מאָס ווי אונדזערע ניט־יידישע שכנים. אָבער דער עיקר פון אונדזער ניט־יידישער ניט־פאַרפאַלנקייט ליגט אין דעם, וואָס אין דער צייט ווען די קריסטלעכע אמונה האָט באַרויבט אירע גלייביקע פון דער משיח־אידעע, מחמת זייער משיח, זאָגן זיי, איז שוין געקומען — איז די יידישע אמונה, די אמונה פון דעם ייד, געקניפּט און געבונדן מיט ביאת המשיח. דער משיח־חזיון איז לעבעדיק ביז היינטיקן טאָג ביי אַלע יידן, סיי די גלייביקע, סיי ביי די פרייע; סיי ביי די פון אונדז וואָס פאַרבינדן אים מיט תחית האומה אין מדינת ישראל, און סיי אַפילו ביי די וואָס טוישן אים אויס אויף סאָציאַלער און פּאָליטישער באַפרייונג אין די תפוצות.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען אַ גרויסער אויפשטייג אין דער יידישער ליטעראַטור, אין פּראָזע ווי אין פּאָעזיע. אַ סך פון אונדזערע פּאָעטן זיינען אַוועק אויף יחידישע גענג. עס זיינען אויפגעקומען די „יונגע", די „אינזיכיסטן" און אַנדערע שיטות. אָבער אין גיכן איז די פּאָעזיע צוריק אַרויף אויף דער נאַציאָנאַל־פאָלקישן וועג. די יידישע פּראָזע איז כמעט קיין מאָל פון דעם וועג ניט אַראָפּ.

האָט אָבער סאָוועט־רוסלאַנד פאַרצערט אַ גרויסן טייל פון אונדזערע שעפערישע כוחות. ניט נאָר דעמאָלט ווען זי האָט זיי ליקווידירט, נאָר שוין דעמאָלט ווען זי האָט זיי דיקטירט. דערנאָך איז געקומען אונדזער גרויסער חורבן אין מיזרח־אייראָפּע. די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן כמעט דעם רוב בנין און רוב מנין פון עם הספר.

אין דער יידישער געשיכטע איז באַקאַנט, אַז ווען ירושלים איז חרוב געוואָרן, האָט פאַר יידן אויפגעשיינט די זון אין בבל; ווען בבל איז געפאַלן, איז אויפגעקומען די יידישע „גאָלדענע עפּאָכע" אין ספרד; ווען ספרד האָט אונדז פאַרטריבן, האָט פאַר יידן אויפגעלויכטן אַ ליכט אין מיזרח־אייראָפּע. און איצט? דאָס מיזרח־אייראָפּעישע יידנטום איז אומגעקומען, וואָלט פאַר אונדז די זון געדאַרפט אויפגיין — אַ חוץ מדינת־ישראל — אין דעם נייעם גרעסטן יידישן ישוב, אין אַמעריקע.

נון, מדינת ישראל איז אַ קאַפּיטל פאַר

זיך, אָבער אין אַמעריקע ווערן מיר געצוווּנגען מודה צו זיין זיך, אַז אין איצטיקן דור, צום באַדויער, איז איבערגעבליבן ניט מער ווי אַ קליינער רעשטל פון דעם וואָס מיר קענען באַצייכענען ווי עם הספר. ספר איז אפשר יאָ געבליבן, אָבער זייער ווייניק פון יידישן ספר. וואַרפן מיר אַ בליק אויף דעם יידישן בוך, באַזונדערס אויף דעם יידישן בוך אין יידיש אָדער העברעיש, זיינען מיר געצוווּנגען צו גרייכן אַ פּעסימיסטישן אויספיר.

ביי דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע פאַרלירט לשון יידיש דעם באָדן נאָך אַנאַנד. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע רייסט אַוועק אונדזער יוגנט אין שטראָם פון לאַנד־קולטור. קיין ספק, די יידישע און העברעישע ליטעראַטור האָט נאָך אין אָט דעם לאַנד לייענערס און אָפּנעמערס, אָבער נאָר אין ענגן גבול פון דער אַלץ קלענער־ווערנדיקער מינדערהייט פון די ליבהאָבערס — דעם רעשטל פונעם עם־הספר, וואָס איז אַהער אַריבערגעקומען מעבר לים — פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן.

אָבער איך האָב ניט בדעה צו ווערן דאָ איצט אַ קטיגור. אויך בין איך ניט גענייגט צו שטעלן אַ יאושדיקן פּראָגנאָז. אַרום אונדז איז איצט די גאַנצע וועלט אַן עולם הפוך. ווער קאָן נביאות זאָגן ווי דער מאָרגן וועט אויסזען? עס בייטן זיך די ציקלען פון גייסטיקן אויפקום און ירידה אין לעבן פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט, און דאָס יידישע פאָלק בתוכם. בלי שום ספק, די איצטיקע וועלט־רעאַקציע וועט מיט דער צייט פאַרשווינדן און מענטש וועט גייסטיק דערהויבן ווערן. און אין זיין דערהייבונג וועט ער באַנעמען דעם יידישן משיח־אידעאַל. דענסטמאָל וועט אונדזער יידישער עם־עולם ווידער אָנטאָן אויף זיך די קרוין פון עם־הספר.

רחל ה. קאָרן / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

## כמאַרעס רוקן זיך

כמאַרעס רוקן זיך פּאַמעלעך און באַדאַכט,
ווי קי מיט אייטערס פולע אין פאַרנאַכט
אויפן וועג פון פּאַסוויסקעס אַהיים.

עס האַלט די ערד דעם אָטעם איין.
אַלץ וואַרט,
ווי פאַרגליווערט אין דרימל.—

ס'קען באַלד דער חלף פון צעגליטן בליץ
רייסן קריעה פון די טונקעלע כמאַרעס,
און דער דונער זאָל פויקן צאָרנדיק און
האַרט
אין די פאַרמאַכטע שערים,
ביז ס'וועט אים ענטפערן מיט הויכן גרעבץ
דער הימל.

ס'קען אָבער אויך געשען —
די ברירה איז נאָך אַלץ ביי א י ם פאַראַן,
ער זאָל אַוועקשאַרן די כמאַרעס אָן אַ זייט,
אויפפּראַלן דעם הימל אין דער גאַנצער
ברייט
פאַר די שבע־ברכות פון דער יונגער נאַכט,
אויסבעטן ס'געלעגער מיט מזלות העלע,
זי זאָל אויף זיי זיך וויגן, ווי אַ טונקעלער
שוואַן.
די ברירה איז נאָך אַלץ ביי א י ם פאַראַן.



שמואל ברײנין

# כדי צו פאַרשטיין דאַרף מען לערנען*)

כ'בין אַמאָל אַריינגעקומען צו מיינעם אַ חבר און געטראָפן דאָרטן זיינע קינדער מיטן רבין לערנענדיק יהושע, קאַפּיטל י'. העד איך ווי זיי ריידן מיט גרויס פרייד און התלהבות וועגן דער גרויסקייט פון אונדזער גאָט, אַז ער קאָן אָפּשטעלן די זון מיט איין וואָרט: שטיי, זון! „שמש בגבעון דום... וידם השמש וגו'... הלא היא כתובה על ספר הישר— ויעמד השמש בחצי השמים."

האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם רבין: „צי ווייסט איר דען ניט, אַז די ערד דרייט זיך און די זון שטייט?" אמת, מ'האָט אין יהושעס צייטן ניט געוווּסט. און אפילו צוויי טויזנט יאָר שפּעטער האָט מען געפירט דעם גרויסן געלערנטן קאָפּערניקוס צו דער תליה, ווייל ער האָט געזאָגט אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון און נישט פאַרקערט. און ביי דער תליה האָט ער געהאַט דעם מוט צו זאָגן די פוילישע רעליגיעזע פירער: „און זי דרייט זיך פאָרט!"

איז מילא, יהושע, אָדער דער רבי, אָדער די פינצטערע מוחות פון 17טן יאָרהונדערט האָבן ניט געוווּסט אַז די ערד דרייט זיך. אָבער גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די זון און די ערד און אַלע פּלאַנעטן—צי איז שייך אַז ער זאָל ניט וויסן, אַז די זון מוז שטיין און די ערד מוז זיך דרייען? דאָס אַליין קאָן דאָך מאַכן אַ מענטשן פאַר אַן אַפּיקורוס!

מיין יונגער מוח האָט מיך ווי געצווּנגען צו לערנען, און אַ סך לערנען. און דורך לערנען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף זיך גאָר ניט שעמען דערמיט וואָס איך געהער צו אַ פאָלק וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע גרויסע מאָראַלערערס און געזוכט איינפלאַנצן אין זיינע מיטמענטשן די העכסטע אידעאַלן בין אָדם לאָדם. אפשר פיל איך זיך ווי אַן איבערגעגעבענער ייד — ניט מיט ווערטער אַליין — דווקא ווייל איך זוך צו פאַרשטיין פון אַנדערע, ראַציאָנעלע קוקווינקלען.

וועגן זיין אַן אמת־איבערגעגעבענער ייד, אָן אָנגענומענע רעליגיעזע דאָגמעס, האָב איך אָנגעשריבן אַ גרעסערע אַרבעט. דערפאַר וועל איך מער ניט ריידן וועגן אָט דעם אָנגעווייטיקטן ענין.

* * * * *

מיר ליידן פון די אויסטייטשערס פון דער תורה. אָט האָט זיך פאַרוואָלט די תנאים, נאָך אַן ערך דרייצן הונדערט יאָר, צו פאַרשטיין די תורה. האָבן זיי באַשאַפן די משנה. און כאָטש עס האָט ניט געטאָרט געשריבן ווערן, ווייל עס איז תורה שבע"פ, האָט מען אָבער דאָך אָנגעשריבן. האָבן שפּעטער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער משנה אַ היפּשע צאָל אמוראים און מען האָט זיך געאַמפּערט, געפּילפּולט, און מען קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין. זייענען נאָך דעם אויפגעשטאַנען די רבנן סבוראים מיט די גאונים און האָבן זיך געאַמפּערט איבער די אמוראים. זיינע נאָך דעם אויפגעשטאַנען די פּוסקים און יעדער האָט צוגעלייגט אַזוי פיל חומרות וויפל עס איז נאָר אַריין, און יעדער האָט זיך באַשאַפן אַ שולחן ערוך. די פּוסקים זיינען צווישן זיך אויך ניט מסכים וועגן דעם וואָס ס'איז כשר און וואָס ס'איז טריף; וואָס איז טמא און וואָס איז טהור.

*) אונדזער חשובער פריינד, דער תלמיד חכם, משכיל, לאַנג־יאָריקער עסקן בצרכי ציבור און איינער פון די אַקטיווסטע פירערס פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב, ר' שמואל ברײנין נ"י, האָט איצט דערגרייכט דעם בכבודיקן עלטער פון 96 יאָר. די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון „חשבון" שליסן זיך אָן אין דעם פילצאָליקן קרייז פון זיינע פאַרערערס און פריינד צו ווינטשן אים נאָך אַ.סך גוטע און געזונטע יאָרן, בעת וועלכע ער, מיט זיין ליבער פרוי, זאָלן ממשיך זיין זייער אומדערמידלעכע טעטיקייט לטובת יידישקייט און יידישן כלל. אויך דריקן מיר אויס צו אים אַ יישר־כוח פאַר שרייבן פאַרן „חשבון" אָט דעם מאמר, וואָס צייכנט זיך אויס מיט לומדות און השכלה.

אין דער אַלטער היים האָט מען גע־לערנט מיט קינדער חומש און אַ ביסל תנ"ך ביזן עלטער פון 11־12 יאָר; ווייל צו 13־14 יאָר קריגן זיי שוין שכל צו אַנאַליזירן וואָס זיי לערנען, און דאָס טויג ניט. ווען זיי זאָלן זיך גריבלען אין חומש, וועט זיך ביי זיי דערוועקן אַ צווייפל אין זייַנע מעשהלעך. און אַז זיי וועלן זיך אָנהייבן גריבלען אין די נביאים, וועלן זיי נאָך די גאַנצע יידישקייט אַוועקוואַרפן. אָבער אַזוי שנעל ווי זיי הייבן אָן לערנען גמרא, איז מען שוין זיכער מיט זיי, אַז זיי וועלן בלייבן יידן.

אַ רב לערנט מיט יידן גמרא, און די גמרא איז אַן אויסגעמיש מיט אגדה. און ווי זאָגן די חז"ל: „רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם, למוד אגדה, שמתוכן רק אתה מכירו. עס איז געוואָרן אַ באַ־וועגונג איצט, צוריק צו רעליגיע. און ביי זיי הייסט עס — צוריק צו דער תורה הקדושה. און ווייסט איר צוליב וואָס די גאַנצע בהלה איז געקומען? דערפאַר ווייל געשיכטע חזרט זיך איבער.

געווען איז דאָס נאָכן חורבן בית ראשון, ווען די יידן, נאָכן זיין זיבעציק יאָר אין גלות בבל, האָבן זיך אומגעקערט אין ארץ ישראל, מיט עזרא און נחמיה בראש. האָט מען אָנגעהויבן קלערן, פאַרוואָס גאָט האָט געלאָזט חרוב מאַכן זיין בית־המקדש און פאַרוויסטן דאָס הייליקע לאַנד. מס־תמא צוליב אונדזערע זינד. האָט מען אויסגעפונען, אַז עס איז דאָ ערגעץ אַ תורה, און עזרא האָט זי גענומען באַאַר־בעטן (קוק אַריין אין עזרא). די חכמים אין דער גמרא דערמאָנען דעם פאַקט, אַז ווען ניט משה, וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן דורך עזרא הכהן. ווען עזרא וואָלט געפונען די תורה אַזוי ווי מיר האָבן זי איצט, איז וואָס שייך צו זאָגן, אַז ער האָט זי באַאַרבעט?

דעם גרעסטן קלאַפּ האָבן יידן געקראָגן פון דעם היטלער י"ש חורבן. און וואָס האָבן מיר געטאָן? מיר האָבן זיך ווידער געכאַפּט צו דער תורה, דאָס הייסט צו דער גמרא, מדרש, שולחן ערוך, און עס איז געוואָרן אַ „פּראָספּעריטי" אויף גאונים. אַ מאָל איז געווען אַ גאון אחד בדורו. אַ חוץ לומדות האָט ער אויך געקענט אַנדע־רע וויסנשאַפטן, אַזוי ווי רב האי גאון, רב סעדיה גאון, דער ווילנער גאון, וועל־כער האָט געקענט גוט אַסטראָנאָמיע; אָבער היינט, ווען איינער שטודירט דעם חושן משפט און דעם יורה דעה, שטעלט מען שוין אים פאָר — הרב הגאון. דער רב הגאון ברענגט באַלד אַ פסוק פון דער סדרה פון וואָך און פאַרטייטשט מיט אַ מדרש, וואָס די פאַרפאַסערס האָבן געוווסט אַז זיי קלייבן פון וואַסער און פייער.

קען זיין אַז זייער כוונה איז געווען אַ גוטע. זיי האָבן מיט זייערע מדרשים גע־געבן מוט דעם יידישן פאָלק, איבערהויפּט צו עמך — אַ שטייגער לעבן דורך אַ גלויבן אין גאָט און דער תורה.

ווען דו קוקסט אַריין אין דער תורה מיט אָפענע אויגן און דו זעסט וואָס פאַר אַ באַגריף די תורה האָט וועגן גאָט, וועס־טו זען אַז ניט נאָר איז גאָט ניט אַרונטער אויפן באַרג סיני און גערעדט צו משה רבינו, נאָר ער האָט אים אפילו ניט אינספּי־רירט. ווען גאָט וואָלט געהאַט וועלכן ניט איז חלק אין דער תורה, וואָלט זי געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן אים.

לאָמיר זען וואָס פאַר אַ באַגריף עס האָבן די מערסטע גרעסטע מקובלים וועגן גאָט. (און מיט זיי זיינען מסכים אין אַ סך פּרטים אויף די גריכישע פילאָסאָפן אַריסטאָטל און פּלאַטאָ און אויך דער רמב"ם).

זיי זיינען אַלע מסכים, אַז קיין מענטש, קיין ילוד אשה, קאָן ניט האָבן דעם מינד־סטן באַגריף וועגן דעם מהות פון גאָט, ווייל ער איז אַזוי נעלם, אַזוי פאַרבאָרגן, אַז אַ סך מקובלים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „אין". (פון איובס ווערטער — וההכמה מאין תמצא). מען קאָן אים אָבער יאָ פאַרשטיין, זאָגן זיי, בשלילה — דורך דעם וואָס ער איז ניט. אָט זיינען אין קורצן זייערע ווערטער: „מהותו וטבעו של המצוי הראשון נעלים מהשגת האדם ולפיכך נכנה בשם אין סוף והוא לא יכנס בהרהור וכל שכן בדבור." דאָס הייסט, אַז ניט נאָר קאָנען מיר ניט ריידן וועגן אים, נאָר מיר קאָנען אפילו ניט טראַכטן וועגן אים.

ווייטער זאָגן זיי: „כי בו אין אנו יכולים לדבר ולא לצייר ולא לחייב לא דין ולא רחמים, לא רגז ולא כעס, לא שנוי ולא

(המשך אויף זייט 51)




לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פון דער

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־גיינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט . . .

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................

Address..............................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................

Date..............................Signature of Applicant..............................

# דער אַרבעטער רינג

פראָגרעסיווע פראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

איבער זיבעציק יאָר
אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

שיקט זיינע ניי־יאָר ברכות
צו אַלע זיינע מיטגלידער,
פריינד און כל ישראל.

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן: 276-7007




(המשך פון זייט 48)

שום מדה. גם אין לו רצון ולא כוונה ולא חפץ ומחשבה.״ און די ערשטע מקובלים, ווי רב ששת און די אַנדערע פון זיין צייט האָבן דערקלערט, אַז מען קאָן אפילו ניט זאָגן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. ווייל כדי צו באַשאַפן, דאַרף מען עס דאָך פריער האָבן אין מחשבה, און עס דאַרף זיין כוונה, צוליב וועלכן צוועק מען באַשאַפט. אָבער ביי דעם אויבערשטן קאָן ניט זיין קיין מחשבה, ווייל מחשבה האָט אין זיך ישוב הדעת; און עס קאָן ניט זיין קיין כוונה, ווייל כוונה האָט אין זיך איבערלייגונג.

וועגן דעם ווי אַזוי די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן, גיבן זיי אָן זייער פילאָסאָפישע מיינונג, וועלכע ווערט ביי טייל פון זיי אויסגעדריקט ווי: אור פנימי קדמון, עשר ספירות, סוד הצמצום.

ניט אומזיסט שרייט דער נביא ירמיהו: „אותי עזבו מקור מים חיים למצא להם בארות נשברים אשר לא יכלו המים.״

ווי נאָך אַ ראיה, אַז די חז״ל האָבן זיך ניט געקימערט פאַר די דינים פון דער תורה, נאָר אַז דער עיקר איז ביי זיי געווען דער פילפול, ווי אַזוי מנצח צו זיין איינער דעם צווייטן — דינט אונדז דאָס מערקווירדיקע שטיקל גמרא :

ג׳ שנים ומחצה נחלקו בית הלל ובית שמאי. די זאָגן כשר און די אַנדערע זאָגן טריף; זיי זאָגן טמא, די צווייטע — טהור. און אַזוי איז דאָס געבליבן הענגען אין דער לופטן, ביז וואַנען די אמוראים, די שפעטערדיקע גמרא־לייט, האָבן באַשלאָסן אַז די בית הלל זיינען גערעכט. זאָגט די גמרא : ניט ווייל זיי זיינען אין עצם גערעכט, ניין ! נאָר: משמים נתנו ועלובין הן... די בית הלל זיינען פיינערע מענטשן ... הימל און ערד און פילפול!.

ווען די צייטן בייטן זיך, טויג שוין מער ניט די הלכה און מען כאַפּט זיך צום פילפול. האָט איינער געדרשנט אויף אַ זאַך וואָס איז טמא און האָט אָנגעגעבן אורזאַכן; האָט אַן אַנדערער אָנגעוויזן אַז עס איז טהור. און דערפאַר האָבן די מערסטע פון די ת״ח, וועמען עס זיינען ניט געפעלן די פלוגתאס צווישן שמאי און הלל, רב און שמואל, אביי ורבא און נאָך אַנדערע, האָבן זיי געדרשנט אויף זיי: התנאים מבלי עולם, כל ימי עני רעים, זה תלמוד בבלי, הושיבני במחשכים, זה התלמוד בבלי... און ר׳ זירא, וועלכן עס האָט דערעסן דער גאַנצער פילפול, וועלכער מיינט אין עצם גאָרניט, גיט אַ שפיי, ווי מען זאָגט, און נעמט און פאָרט אַוועק אין ירושלים. ווען ער איז געקומען אין יענער ישיבה און האָט דערזען דעם אונטערשייד אין לערנען — ויישב מאה יום בתעניתין כדי לשכוח תורת בבלי מפיו.

ווען עזרא, נחמיה און די נביאים חגי, זכריה און מלאכי זיינען געקומען פון בבל קיין ישראל אויפשטעלן דעם צווייטן בית המקדש, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז כדי אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אַז עס זאָל ניט צעפאַלן ווערן, דאַרף מען געבן די יידן אַ געטלעכע קאָנסטיטוציע, כדי אָפּצוגעווינען זיי פון עבודה זרה, וואָס זיי האָבן פראַקטיצירט פון זינט זיי זיינען געוואָרן אַ פאָלק; און ביז יענעם טאָג איז דאָס אַ קימא־לן פון אַן ערך פופצן הונדערט יאָר.

די תורה וואָס זיי האָבן געפונען איז ניט געווען אַזוי פאַרפאַסט ווי מיר האָבן זי איצט. וואָס די נביאים האָבן פון איר אַראָפּגענומען און צוגעשטעלט, אפשר נאָך זייענדיק אין בבל, קאָנען מיר נאַטירלעך איצט ניט וויסן; אָבער וואָס עזרא האָט אין איר צוגעלייגט — דאָס זעען מיר גאַנץ דייטלעך. ער, זייענדיק אַ כהן, האָט געפונען אין יחזקאל, וועלכער איז אויך געווען אַ כהן, די דינים און מנהגים, וואָס זיינען נוצלעך פאַרן כהנים־קולט, און האָט דאָס אַריינגעשטעלט אין דער תורה.

אַז מיר וועלן אַריינקוקן אין דער סדרה אמור און אין דער הפטורה פון דער סדרה, וואָס איז אַנטנומען פון יחזקאל, וועלן מיר זען אַז דער כהנים־קולט איז וואָרט אין וואָרט ווי אין יחזקאל. ווען דאָס וואָלט פריער געשטאַנען אין דער תורה, וואָס פאַר אַ זין וואָלט געהאַט פאַר יחזקאלן אַריינצושטעלן די זעלבע ווערטער אין זיינע שריפטן? עס זעט אויס אַז ווען יחזקאל האָט געשריבן זיין ספר, איז איינס פון די ביידע : אָדער אַ געוויסער פסוק איז דאַן ניט געווען אין דער תורה, אָדער ער האָט אים פאַרזען.

„...ואנשי קודש תהיו לי ובשר בשדה טריפה לא תאכלו.״ איז דאָך זעלבסטפאַר־

שטענדלעך, אַז אויב די פּראָסטע יידן טאָרן ניט עסן בשר נבלה וטריפה, טאָרן דאָך די כהנים אַוודאי ניט! און יחזקאל זאָגט דאָרטן: „הכהנים לא יאכלו בשר נבלה וטרפה.“ הייסט עס אַז אַנדערע יידן, ניט קיין כהנים, מעגן דאָס יאָ עסן; האָט עזרא ניט פיל נאָכגעטראַכט און האָט דאָס אויך אַריינגעשטעלט.

מען ווייסט ניט ווי לאַנג עס האָט געדויערט פון דער צייט פון עזראַן ביז עס זיינען אויפגעשטאַנען די תנאים פון דער משנה און די אמוראים פון דער גמרא; און ווען זיי האָבן געוואָלט מאַכן אַ טאָלק אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, האָבן זיי זיך אַרומגעזען אַז די צייט איז אַן אַנדערע און מען קען שוין ניט לעבן לויט די געזעצן פון דער תורה. האָבן זיי טייל געזעצן אַרונטערגעוואָרפן און אָנשטאָט זיי געגעבן אַנדערע, מער הומאַניטאַרע.

אַז זיי האָבן געזען דאָס געזעץ אין דער תורה, אַז ווען דער בעל־הבית שלאָגט זיין קנעכט אַזוי לאַנג ביז ער שטאַרבט אונטער זיינע הענט, קומט דעם בעל־הבית אַ שטראָף; אָבער אַז דער קנעכט לעבט אַ טאָג אָדער צוויי נאָך די קלעפּ, קומט דעם בעה״ב גאָרניט, ווייל „כי כספו הוא.“— האָבן די חכמים געזאָגט: „הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו.“ אויף „עין תחת עין“ זאָגן זיי: „ממון תחת עין.“

די געזעצן פון שבת זיינען אַזוי שטרענג אַז גאָט האָט פאַרמשפּט דעם מקושש עצים צום טויט. האָבן זיי אַריינגעשטעלט אַ כלל, אַז „השבת מסורה לכם ולא אתם לשבת.“ און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן אַרונטעררייסן שטיקער פון דער תורה.

ערשטנס, האָבן זיי געפּסקנט, אַז ווייבער זיינען פטור פון די מצוות־עשה שהזמן גרמה.“ ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערלויבט צו טאָן אַזאַ זאַך, וואָס איז וועגן דעם ניטאָ אפילו קיין ברעקל רמז אין דער תורה? די תורה האָט באַפרייט די יידישע ווייב פון בלויז איין מצוות־עשה און ניט מער: פון עולה רגל זיין קיין ירושלים אויף יום־טוב. עס זאָגט זיך: „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך,“ (עס טרעפן פעריאָדן אַז אַ פרוי קאָן ווייט ניט גיין, דאַרף זי בלייבן מיט די קינדער).

כדי קיינער זאָל צו זיי קיין טענות ניט האָבן, און בפרט די צדוקים, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן שטרענג אין דער תורה, האָבן זיי געפונען אַ פסוק אין דער תורה, וואָס גיט זיי דאָס רעכט צו טאָן וואָס זיי ווילן. דער פסוק איז אין שופטים י״ז, ח׳: „כי יפלא“, אַז דו וועסט נישט וויסן ווי צוטאָן, זאָלסטו גיין צום שופט, דאָס הייסט, צום דיין, צו די רבנים, און דאָס מיינט צו אונדז, די תלמידי חכמים; און — זאָגט דאָרט די תורה ווייטער— „לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין או שמאל.“ האָבן זיי געדרשנט, אַז אפילו ווען זיי זאָגן אויף ימין אַז עס איז שמאל, זאָלסטו אויך פאָלגן. זאָגט טאַקע די משנה: „חכמים עשו חזון לבריהם אחר משל תורה.“

שמעון בן שטח (ראש הסנהדרין, אַלכּסנדר ינאַיס שוואָגער) האָט בטל געמאַכט די מים המאררים און די עגלה ערופה, ווייל ער האָט געזען אַז די דינים זיינען זייער נאַרישע. דעריבער האָבן זיי אַרויסגעבראַכט דעם כלל, אַז „לא נתנה התורה אלא לאכלי המן.“ ווי איינער זאָגט: פאַר יענע צייטן איז דאָס אפשר גוט געווען, פאַר אונדזערע צייטן פּאַסט עס ניט. הייסט עס, לויט זיי נאָך, איז די תורה ניט קיין אייביקע, נאָר אַ צייטווייליקע.

אפשר האָט דאָס יחזקאל (כ׳־כ״ח) געמיינט ווען ער האָט געזאָגט: „גם אני נתתי להם חוקים לא טובים ומשפטים בל יחיו בהם.“ קענטיק, אַז זיי האָבן ווייניג וואָס געהאַלטן פון דער תורה, ווייל זיי האָבן זי באַטראַכט ווי אַ מענטשלעכן דאָקומענט. אַנדערש וואָלטן זיי ניט געהאַט די חוצפּה מבטל צו זיין אפילו איין דין פון דער תורה. אייניקע מאָל האָבן זיי געזאָגט: „לא שהדין כך אלא שהשעה צריכה לכך.“ הייסט דאָס, אַז מען דאַרף פּאַסן דינים לויט הליכות עולם און ניט נאָך הלכות עולם.

אין דער הפטורה פקודי ווערט געזאָגט, אַז ווען שלמה המלך איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בויען דעם בית המקדש, האָבן די כהנים געשטעלט דעם ארון אין קודש הקדשים. נאָך דעם זאָגט זיך: „אין בארון רק שני לוחות הברית אשר הניח שם משה בחורב.“ דאָס איז שוין געווען מער ווי פינף הונדערט יאָר נאָך נתינת התורה, טאָ ווו איז געווען די תורה?

אפשר הונדערט יאָר פאַר דוד און שלמה האָט יפתח מקריב געווען צו גאָט זיין



איינציקע טאָכטער. די תורה פאַרדאַמט דאָך מענטשלעכע קרבנות. ווען די יידן וואָלטן געוווסט פון דער תורה, ווי אַזוי וואָלטן זיי דאָס אים פאַרשוויגן?

אין ספר ירמיה, 700 יאָר שפּעטער, זאָגט ער דאָרטן: „ובנו במות התופת לשרף את בניהם ואת בנותיהם אשר לא צויתי ולא עלתה על לבי.“ נו, האָבן זיי געוווסט פון אַ תורה?

ירבעם בן נבט, אויף וועלכן די חז״ל זאָגן אַז ער איז געווען אַ גרויסער מענטש, האָט צוליב פּאָליטישע מאָטיוון אַריינגעשטעלט אַ גאָלדענעם קאַלב אין בית־אל און דאָס צווייטע אין דן, און האָט גערופן אַלע יידן, וואָס זיינען געגאַנגען עולה רגל זיין קיין ירושלים, אַז זיי זאָלן בעסער גיין צו אים. ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ כהן, האָט אומגעביטן אַלע יידישע ימים טובים אויף אַנדערע טעג, און אַלע זיינען טאַקע געקומען אין זיינע בתי־מקדש און מקריב געווען קרבנות צו די גאָלדענע קעלבער.

גאָט איז נאָך אַ גרעסערער ווונדער: אין זיין מלוכה האָט דאַן געלעבט אַ גרויסער נביא און אַ גרויסער געלערנטער— אחיה השלוני, נביא בני ישראל. אַז ירבעם האָט די גאַנצע געשיכטע פאָרגעלייגט פאַר דעם נביא, האָט יענער גלייך צוגעשטימט, און עס איז אַוועק אַ גאַנג. ווען זיי וואָלטן געהאַט די תורה און וואָלטן אַריינגעקוקט אין איר, וואָלטן זיי גלייך דערזען ווי דער עגל הזהב האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן טומל: גאָט איז געוואָרן אין כעס, משה האָט צעבראָכן די לוחות וגו׳.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:
M. GOLDFARB
3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. 90008
Phone: 293-2950 — פאַרוואַלטונג „חשבון“

אַ גוט יאָר
צו אַלע אונדזערע פריינט
UNITED RUG & CARPET, Inc.
5103 West Pico Blvd. • Los Angeles, Calif.
Phone: 931-8888
נעכע און זלמן שלאָסער

# אונדזערע אבידות

## פיר יידישע דיכטערס ז״ל

איינע נאָך דער אַנדערער טוען זייערע נשמות אַרונטערנעמען פון זיך, מיט פיין און יסורים, זייערע מלבושים פון בשר ודם, און זיי שוועבן אַוועק אין דער אייביקייט.

ערשט אָט ניט לאַנג האָט זיך אין תל אביב פון אונדז אָפּגעשיידט דער נאָך יונגנטלעכער פּאָעט **יעקב פרידמאַן**;

און דערנאָך, כסדר, איינער נאָך דעם אַנדערן, האָבן אים נאָכגעפאָלגט:

**דוד איינהאָרן**, דער אָנהייבער פון דער מאָדערנער ליריק אין דער יידישער פּאָעזיע, געשטאָרבן איינזאַם אין אַ מושב זקנים אין ניו-יאָרק;

**אפרים אויערבאַך**, דיכטער און פובליציסט, געשטאָרבן אין אַ שפיטאָל אין תל אביב;

**אברהם שלאָנסקי**, דער גרויסער העברעישער פּאָעט, געשטאָרבן פלוצים אין זיין היים אין תל אביב.

מיר ווילן גלייבן און מיר טוען גלייבן, אַז טויט באַטייט פּטירה פון דעם דאָ-הי צערפולן לעבן און ס׳איז אַן עלייה צו דער אייביקייט.

זאָרגן מיר זיך ניט פאַר די נפטרים — עס טוט אונדז אָבער ווי איבער דעם חלל וואָס זיי לאָזן איבער ביי אונדז דאָ-הי — צווישן די נאָך-לעבן פאַרבליבענע.

דור הולך...

אָבער וווּ איז דער **דור בא?...**

אמת, אַז „דור בא״ איז יאָ דאָ, אָבער, לדאבוננו, איז ער דערווייטערט פון אונדז כרחוק מזרח ממערב.

נאָך ניט מקויים איז די נבואה פון מלאכי, וואָס האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא... והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״—

ווערן מיר אַלץ עלנטער און עלנטער...

כאָטש הייליקן זייערע נעמען מיט קורצע נאָטיצן און איבערדרוקן אייניקע — ניט דווקא די רעפּרעזענטאַטיווסטע — פון זייערע לידער.



יעקב פרידמאַן

### ווער וועט אונדז איינזאַמלען?

א.

ווער וועט אונדז איינזאַמלען ווי האָניק
אין בינשטאָק פון שניי?
ווער וועט קומען אונדז אַרבן?
זע, דער לעצטער מידער סאָלאָוויי
פליט צום ווינטער-גאָרטן שטאַרבן.

קיינער צערטלט ניט די הויט פון דער
שטילקייט,
קיינער קושט ניט די פליגל אַין לעצטן פלי.
בלויז די מלכה, די קעניגין פון שיינקייט,
קניט פאַרכטיק אין שניי אויף די קני.

ב.

אַלע ווילדע זונען-לאָשיקעס
שטאַרבן אין אָוונטטאָל,
און מילד ווי שטערנליכט
אויפן געזיכט פון קנאָספּן,
איז דער לעצטער רייטער
איינגעשלאָפן.

אַלע טאַנצנדיקע וועגן
האָט די שפּעט-שעה
אַהיימגענומען:
ווער דאַרף די שליאַכן,
אַז קיין מאָל וועט קיין רייטער
מער ניט קומען?
אַ נאַכט אַזאַ אָן שומרים,
אָן וועגווייזערס,
אָן שטערן-זייגערס,
אַ נאַכט אַזאַ — אַ בריוו-שטאַפּעט
פון קיינעם ניט צו קיינעם.
די לעצטע טרער אין נביאס אויג
קאָן ניט דערטרערענען, דערוויינען.

שניי, שניי, שניי פאַרווייט,
פאַרווייט דעם לעצטן שייטער.
אַלץ איז פאַרפרוירענער געשריי
אין אויג פון טויטן רייטער.

ג.

אַ מאָל האָבן פידלען געמיינט:
„רו איז גאָט״.
היינט קרוינט מען ניט
די זאַכן
מיט קיין נאָמען:
פאַראַנען זייענען זיי
ווי אָטעם פון שלאָפנדיקע בלומען,
ווי ראָסע-אויגן,
אויף הויט פון געבלעטער,
ווי שטילקייט איןליידיקע טעמפּלען,
צווישן געשטאָרבענע געטער.

ד.

אפילו „לידער-שרייבן״
שעמט זיך אונדזער קלוגשאַפט.
אַזאַ צניעותדיקע פאַרשעמטקייט
רינט, ווי אָוונטגאָלד, אין שטילקייט.
ניט פאַראַנען מער
קיין סאָלאָוויי-געזאַנג,
קיין בינענפלי.
די מי
פון אַלע רגעס
פון פאַרפרוירענעם טייך.
קיין זעגלשיפן
קומען מער ניט צו שווימען.
דער לעצטער סאָלאָוויי, איבער שניי,
פליט און ווייסט ניט צו וועמען.

ה.

וויין ניט.
די ווערבעס
ביים טייך
שלאָפן איין
אין דיין שויס.
לאָז מיין קאָפּ
אויך אויף דיינע קניען
רוען.
איך פרעג ניט
דיין נאָמען.
ס׳איז קיין חילוק מיר ניט
צי ביסט כלה
אָדער לאָנקע אין שניי,
ווייב
צי גאָרטן אין בלי —
מיין קאָפּ ווייניט פון מידקייט,
דאַרף מען טוליען
צו עמעצנס קני.

ו.

חצות גייט-אויף אַ געוויין
פון כלערליי צמחים, פליערס און חיות,
דאָס מאַמע-געוויין פון אַחריות:
ווער וועט אַרבן די פירות?

ווער וועט פירן פאַרטייעט
דין־וחשבון
פון איטלעכן זומען און ווינט,
פאַר יעדן קאַרשנקינד,
פאַר'ן הויזגעזינד פון בלי און פלי?

„באַשירעם די קרוין פון מיין מי"—
כליפּעט מאַמע־שוואַלב,
„לערן פליען שוועלבעלעך."
און סע טוליען זיך דערשראָקענע קי
צו אַקאָרשט־געבוירענע קעלבעלעך:
„ס'איז אי שרעק פאַר אייגענער שטאַרבונג
אי פּחד פאַרן גורל פון אַרבונג."

ווער וועט אונדז אַרבן? אַלע שטילקייטן
זייבען דין ווי הויט אויף צייטיקע קאַרשן.
אָט־אָט און מיר וועלן, פון קאַרשן־געהיל
אויסרינען. אַלע אָדערן אין האַרצן
זיינען אָפן. איי, לאָזט ניט גיין לאיבוד
דעם צונויפפאָר פון ערד, זון און רעגן,
פון וואַלד און טייך און אָדם.
ווער וועט קומען, פון אונטער אַלע פּחדים,
אונדזער אַרבונג אַרבן?
צעעפן דעם בינשטאָק אין שניי!
זע, דער לעצטער מידער סאָלאָוויי
פליט צו ווינטער־גאָרטן שטאַרבן.

(„גאָלדענע קייט" 70/69)

יעקב פרידמאַנס סוזשעט איז די בענקשאַפט נאָך באַהעפטונג מיטן באַשאַף און דער באַגער פון דערזען זיין ליכט... [זיין] פּאָעטיש וואָרט איז ניט דאָס וואָרט פון אַ נאַטור־מענטש, נאָר פון אַ מענטשן מיט קאָמפּליצירטע בענקשאַפטן צו באַהעפטונג מיט נאַטור און מיט חקירהדיקע און אַ מאָל אַנטפּלעקערישע איבערטראַכטענישן וועגן דער הויה... אַלע וועגן פון עכטער שעפערישקייט פירן צו גאָט־זעונג. אָבער אויב ס'איז אמת, ווי לודוויג בערנע האַלט, אַז הומאָר איז 'דער גלויבן וואָס זעט גאָט ווו אַן אַנדערער קען אים אפילו ניט אַנען' — איז דאָס, בלי ספק, חל אויף דעם פּאָעט יעקב פרידמאַן, דעם דיכטער פון 'אונדזער זיידע יונה' און פון 'די לעגענדע נח גרין'."

ש. ביקל

„ער (יעקב פרידמאַן) איז אָן קיין שום ספק אָנגעלאָדן מיט דער רייכער לאַסט און דער דויערהאַפטיקער עשירות פון גייסטיקער ירושה, געזאַמלט פון די דורות און דורות חסידישע רביים, וואָס פון זיי שטאַמט ער. ביי דעם דור יידישע שרייבערס און פּאָעטן פון ערב און נאָך דעם דריטן חורבן זיינען ניטאָ קיין סך אַזוינע, וואָס זאָלן אַזוי זיין אָנגעוועטיקט מיט דער טראַדיציע און דעם נוסח פון דעם אַלט־יידישן און דערהויפּט חסידישן לעבנס־שטייגער, ווי עס איז יעקב פרידמאַן. זיין שפּראַך, זיין בילדלעכקייט, זיין גאַנצער וועלט־באַנעם איז אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט און גוסט, מיט דעם פאָלקלאָר און דער סימבאָליק פון פריערדיקע צייטן. זיי זיינען ניט קיין דרוק אין אָדער איבער אים; ער איז זייער אויסדריק. ער און זיי זיינען איין וועלט."

ש. ניגער

## דוד איינהאָרן

### 1. געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה
פאַרלאָסן שטייט איינזאַם די שול,
די פענצטער פאַרשלאָגן, אין שאָטנס
פאַרשעמטע, זיי מאַכן זיי פול.

עס ליגט ווי אַן אייביקער טרויער
אַריבער די נאַקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פון כהונה
פאַרבראָכענע רוען צוויי הענט.

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
ניטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין.
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תמיד
ביי זיך אין ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַן עלנטע שטייט;
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער,
און שוואַרץ ווי די נאַכט איז איר קלייד.

און ס'דוכט, אירע ליפּן זיי מורמלען
אַ שטיל, אַ לעצט געבעט,
און ס'הערט זיך אַ שטים פון פּרוכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!...



### 2. אַ תפילה

אָ, גרויסער גאָט,
איך בעט דאָך אַזוי ווינציק,
ווי קליין עס איז און נישטיק מיין באַגער:
אַ קבר גיב מיר נאָר,
ווו איך זאָל רואיק ליגן
און פאַלן זאָל אויף אים
מיין אייגן קינדס אַ טרער.

און וויסן זאָל איך, ווען איך וועל מיין אויג
פאַרמאַכן,
אַז אונטער יענעם בוים וואָס וועט מיין רו
באַשיצן,
וועט אין אַ זומער־טאָג אַן אוראייניקל זיצן
און לעזן שטיל פון מיין מצבה־שטיין.
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך
פון מיינע אָבות,
און לעזנדיק — די ווערטער כאָטש
פאַרשטיין.

ניין!
איך דאַרף נישט דיינע הימלען...
אויב זיין אַ שאָטן איז מיר דאָ באַשערט,
נעם צו ביי מיר די אייביקייט—פון אויבן,
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקל אויף דער ערד.

דאָס איז די ערגסטע שטראָף,
צו שטאַרבן אויף די וועגן,
נישט וויסן וועלכער פוס
וועט טרעטן אויפן אָרט
און ליגן וועט מיין קאָפּ
און שוועבן מיינע טרוימען,
און אָפּקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצט וואָרט.

'די שטילע זינגעוודיקייט פון דוד איינהאָרנס לבנה־באַלויכטענע לידער האָבן באַלד געוווּנען דעם אויער פון זיין דור. די געזאַנגען וועגן די ווייסע בעריאָזקעס און אַלטע דעמבעס, פאַרטרויערטע הימלען און זיידענע נעפּלען אין זילבערנע נעכט זיינען געווען, אין רעש פון ביטערן לעבן, אַן אָפּרו פאַר דער נשמה.

„אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט דעמאָלט אויפגעלויכטן העל דער שטערן פון אַלעקסאַנדער בלאָק — זיינע מוזיקאַלישע זוכענישן פון אַ 'ניט־דאָאיקער, הימלישער שפּור', בלאָקס 'וועטשנאַיאַ טשנאַ' ווערט איינהאָרנס 'ש כ י נ ה.' ביי איינהאָרנען אָבער איז דאָס שוין ניט אַ קערפּערלאָזע טעאָסאָפיע, נאָר דער לעבעדיקער צער פון אַ פיל־ליידנדיקן פאָלק: 'מיין פאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער'. איינהאָרן גייט שוין אַוועק פון זיין יונגן 'ערגעץ־ווו אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטן', פון זיין פאַרחלומטן 'דאָרט ווייט, דאָרט ווייט ווו עס דרעמלט דער וואַלד'. ער דערפילט דעם 'צער פון טויזנט דורות, וואָס ליגט אויף אים', אַ טיפע בענקשאַפט נאָכן 'נר־תמיד', וואָס צאַנקט, וואָס 'דער ווינט פאַרלעשט אים', און אַ וווּנדערלעכן ווונטש 'ווידער זיין ליכטל אָנצינדן', צו 'שטעלן אַ יאָרצייט דער שכינה פון פאָלק'."

א. ליעסין

## אפרים אויערבאַך

### א. דער קליינער ניגון

ביז עס וועט אויסגיין דער קליינער ניגון
וואַרטן נאָך שטילע יידישע ציגן
אויף אַ טרונק וואַסער, אַ ביסל קלייען,
אויף אַ יידיש האַנטעכל צו צעקייען,
שטייט נאָך אַ ייִנגעלע ביי אַ פּלייטל
מיט אַ באָקסער און מיט אַ טייטל,
מיט אַ טרויעריקן פיילנבויגן,
און משיחן אין די אויגן.

ביז עס וועט אויסגיין דער קליינער ניגון
און דער גרויסער וועט זיך צעוויגן,
טראָגט נאָך דער ווינט אַ יידישע שיימע,
הענגט נאָך אונדזער אומעט אויףביימער,
ווי אויף ווערבעס אַמאָל אין בבל.
זינגט נאָך אַ בוך מיט אַ פּראָסטן טאָוול
גילדענע ליכטיקע יידישע שירה
פאַר אַזוי פיל פאַרנאַכטיקע אירע.

פרום איז אונדזער יידישע מוזע,
ווי אויף אַ קבצנישער טיר די מזוזה,
ס'האָט זי דער ייד אַרויסגעסידורט,
ווידעראַנאַנדיקט און דערווידערט,
מיט אַ ממה־נפשך אויף די אייגענע לײדן
האָט ער זי אָנגעטאָן אין זיידנס,
איר געזאַנג האָט ער אַרויסגעזויבערט
פון דער פאַרהאָרעוועטער שטויב־עדד.

## ב. אברהם פלאַנצט אַן איישלבוים

פריער האָב איך דאָ אַ ברונעם געגראָבן,
איצט — אַן איישלבוים פאַרפלאַנצט,
און נאָך אַלץ פון זיך דעם שטויב ניט אָפּגעשאָבן,
און נאָך אַלץ מיט גאָט זיך נישט פאַרגאַנצט.

פון די טיפענישן שלאָגט אַרויס דאָס וואַסער,
אין די טיפענישן שלאָגט אַריין דער בוים,
אויף די פלייצעס מיינע הויקערט תרח'ס משא,
ס'ווײנט ישמעאל נאָך ביי מדברס זוים.

האָסט מיך, גאָט, געשיקט פאַר דיר אין קאַלעכאויוון,
איך אַליין אין פייער האָב זיך אויסגעפּרוווט,
נאָר דאָס ווידערקול פון מיינע אָפּגעשיילטע קרובים
אין דער מדבר־נאַכט הער איך נאָך אַלץ ווי ס'רופט.

ס'וועט דער איישלבוים דאָ וואַקסן אין באר־שבע,
זיינע וואָרצלען צו מיין ברונעם צוגעקלעפּט,
אָבער איך וועל הערן נאָך ישמעאלס רעווע,
דער לעצטער טראָפן פון קרוג אויסגעשעפּט.

דיך־דערקענטעניש האָט מיר אַ ליכט־קוואַל אויפגעעפנט,
כ'האָב דעם איבער־מיר דערשפּירט אין מיר אַליין,
נאָר דעם סוד, ווי נידער־מיר אין פשוטקייט צו טרעפן
ליגט פאַרהוילן אינעם גרויען, שטומען שטיין.

און פאַרהוילענער איז נאָך דער מענטש, ווי איך, ווי שרה,
וואָס צעריסן איז ער צווישן שלעכט און גוט,
וואָס אַ סך מאָל שיילט ער שטיקערווייס פון זיך די קאָרע
און דערגייט, אַז ביידע זיינען אייגן בלוט.

כ'האָב געבעטן, גאָט, ביי דיר, פאַר סדום און עמורה,
פאַר די פופציק, פאַר די צען, פאַר איינעם נאָר,
און אַצינדערט ווער איך ערשט אין זיך אַליין געווירע,
אַז פאַר מיר איז דאָס געבעט, און פאַר מיין דור.

כ'האָב צעפּופציקט זיך, צעצענטלט זיך, צעדריבלט,
און דערנאָך געלאָזט אַ טיילעכל, אַן איינס.



פאַרן אָרעמסטן אין שטרוי־ און ליימיק־שטיבל,
פאַרן פינטעלע אין מיר, דעם קווינטל ריינס.

האָסט פאַרברענט, פאַרמשפּט מיך, און אַלע סדומען,
וואָס דעם מענטש אין זיך צו טראָגן איז באַשערט —
כ'פלאַנץ אַן איישלבוים פאַר דיר, צו הייליקן דיין נאָמען,
מיט דער צווייג זאָל גרינען מיין טרויער אויף דער ערד.

אפרים אויערבאַך, אַ זון פון אַ חב״דער חסיד, געבוירן אין דער שטאָט בעלץ, בעסאַראַביע, האָט געצויגן זיין יחוס פון דער רש״י משפחה, וואָס האָט געשטאַמט פון דער שטאָט אויערבאַך, עלזאַס.

אין 1912 איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל, ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַ חלוץ אין יידישע קאָלאָניעס. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה איז ער, ווי אַ רוסישער אונטערטאַן, אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע, ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין יידישן לעגיאָן און האָט געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער אין גאַליפּאָלי. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן און איז דעמאָביליזירט געוואָרן, און אין 1915 האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע.

ביי זיין לעבן האָט אפרים אויערבאַך אַרויסגעגעבן 18 ביכער — לידער, דערציילונגען, עסייען און איבערזעצונגען.

קינסטלעריש האָט אויערבאַך תמיד געשעפט פון דעם לויטערן אַלטן קוואַל פון יידישן געמיט, ווו די פרוכפעריקע בעסאַראַביע און די אויסגעשפּרייטע אַמעריקע האָבן זיך צוזאַמענגעניגונט מיט דער תנכישער לאַנדשאַפט.

ווי אַ ליריקער האָט אויערבאַך געווירקט מיט זיין ליד אויפן געפיל, הגם ער האָט געמאָלן שטימונגען דורך בילדער פאַרביקע, אָריגינעלע, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון ווי אַנטפּלעקונגען. אפילו די געדאַנקלעכקייט, וואָס איז פאַראַן אין זיינע לידער, איז אַ טיף־פּאָעטישע. וואָס עלטער אויערבאַך איז געוואָרן, אין די יאָרן וועלכע ער האָט באַצייכנט ווי „גילדענע שקיעה", האָט זיין ליד געשיינט מיט אַ פולער ליכט.

צוריק קיין ישראל האָט אויערבאַך עולה געווען אַ קורצע צייט פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

## אברהם שלאָנסקי

### א. שבת

יידיש פון מרדכי יפה

טו אָן מיר, מיין גאָט, מיין נשמה אין טלית
און זינג אין דער הויך: בואי כלה !
אָ, ליכטיקע פרוי מיינע, צינד אָן די ליכט דאָ
און גרייט צו פאַר קידוש די חלה.

די נאַכט אויף שבת־ליכט אירע געבענטשט שוין
און ס'ליגט די לבנה אויף קידוש.
היינט וויל איך, ווען כ'קום אין דער היים, די מזוזה
אַ קוש טאָן אַלט־היימישלעך־יידיש.

די קוימענס פון שיף האָבן אויפגעהערט רויכערן,
עס ווײנט שוין נישט מער די סירענע.

ס'איז שבת אַראָפּ אויף מיין לאַנד, וואָס טוט רוען
ווי אַ באָבע אויף „צאינה וראינה".

ווייל אַלע די טעג פון דער וואָך זיינען זיבן,
און זיבן — פון מנורה די רערן;
און ווער ס'האָט געצונדן די מנורה אין האַרצן —
ווער זען זי זאָל ליכטיקער ווערן.

געדענקסטו ווי מיר האָבן פריילעך געזונגען
אויף שיפן צו דיר, אונדזער גואל:
„ווי גרויס וועט די פרייד זיין ביי יידן, וואָס וועלן
שוין קומען קיין ארץ ישראל."

צי האָסטו פאַרגעסן? דיין האַנט האָט געפירט דאָך
די שיף דורך די היימישע שויסן.
מיר זיינען דאָך ראוי צו זיצן די ערשטע
ביים טיש פון דיין שבת דעם גרויסן.

טו־זשע אָן, מיין גאָט, אונדזער קערפּער אין טלית
און זינג אין דער הייך: בואי כלה!
די ליכט וועלן אָנצינדן אונדזערע ווייבער
און מיר'ן מאַכן קידוש אויף חלה.

## ב. אונדזער געצעלט

ווי אַ פאַרלאָזן ציגעלע לבנה שפּרינגט אַרום.
כ'בין היינט פון דיינע זאַפּטן, גאָט, פאַרשיכורט ביז הנאה.
דער ווילגערוך פון האָר, ווי פעלדער־ריח, טראָגט זיך אום,
ווי אָטעם וואַרעמער פון נאַכט אין עמק הגלבע.

ווי היינט פאַר שאָף זיינען מיינע בערג ביינאַכט אין אַ געריי
צו היטן אין דער היימלאַנד־הערדע איטלעכן געצעלט דאָ.
דער ווילגערוך פון האָר איז ווי פון הויפן פרישן ווייץ
אויף בויך פון ערד, וואָס איז אַזאַ צעכראַסטעטע, צעקוועלטע.

לבנה היפּערט. און אויך זי אַלץ שיכורער זי ווערט.
פון וואַנען טוט דער ווין אויף דיינע שויבער־זאַנגען שוימען?
צעפּראַלט אין מויל ביי יעדער גליבע. שיכור איז די ערד
פון וואַרעמקייט און אָטעמט מיט אַ גלוסטיקייט נאָך זוימען.



אברהם שלאָנסקי איז, ראשית כל, געוועז דער הויפּט־מאָדערניזאַטאָר פון דער העברעישער פּאָעזיע. ער איז נישט בלויז געוועז דער פאַרלייקענער פון פריערדיקע שטייגערס, נאָר אויך אַן אַליין־געפינער און אַנטפּלעקער פון נייע אופנים. און אויך דאָס העברעישע לשון, פאַר זיך גופא, האָט ער כמו אַנטפּלעקט ווי אַ ווונדער, און האָט, דורך זיין סענסיטיווער יצירה, דעם ווונדער פאַרנאַטירלעכט, געמאַכט אים פאַר אַ ווירקלעכקייט. מחמת ער איז געוועז דער ערשטער, וואָס האָט אין לשון און מאָטיוו נישט מבדיל געוועז בין קודש לחול. אַדרבא, ער האָט געלייגט בריקן, וואָס זאָלן צונויפפירן ביידע צדדים; ווייל ווי אַ העברעיש־קענער און קינסטלער, האָט ער געפילט אַז דווקא דער זיווג פון באַזונדערקייט זיכערט דעם שלום־לשון, אַז דאָס טאָר גאָר נישט זיין כולו קודש (לשון קודש) און קאָן זיך פאַרגינען אויך אויף מער ווי אַ קאַפּיטשקע חולין.

ער איז געוועז געוואַגט אין זיין באַנייענדיקן המשך, אין זיין אַנדערשקייט, אין זיין פאַרלייקענען דעם אַלט־פרענקישן „המבדיל בין קודש לחול". ער איז געוואָרן אַ נאָוואַטאָר פון מאָטיוו און אויסדרוק; ער האָט געהאַט דעם כוח אַריינצוברענגען נייע ווענדונגען, בייגונגען, קאָמבינאַציעס, וואָרטשפּילן. ער האָט אַריינגעטראָגן נייע פאָרמען, ריטמען און ווערסיפיקאַציע־אופנים. אָבער אַ פאַקט איז אויך, אַז זיין וועלטלעכקייט איז נישט געוועז באַגרענעצט, נאָר איז דווקא אַרויסגעדרונגען פון זיין יידישקייט. זיינע בעסטע מעטאַפאָרן זיינען אין העברעיש־יידישן גייסט. ס'איז כמעט נישטאָ ביי אים קיין אימאַזש, קיין פאַרגלייך, קיין אילוסטראַציע פון געדאַנק און געפיל, וואָס זאָל זיך נישט אָפּהאַלטן אָן די מוטערלעכע אָרעמס פון תנ"ך, פּיוט, פאַראייגנטע אַראַבישע פאָרמען אין דער שפּאַניש־העברעישער פּאָעזיע און אפילו פון דער יידיש־שפּראַכיקער פאָלקסטימלעכקייט. זיי פאַרלירן ביי אים נישט זייער יידישן קאָפּ און האַרץ אין דעם ווירבל פון אַקטועלן צייט־מאָטיוו.

ער האָט גענומען אומעטום על מנת צוריק־אָפּצוגעבן מיט אייגענעם קרן און פּראָצענט, מיט אַ שפּעדיקן צוגאָב פון פאָרמען און מאָטיוון. ביי אים האָט זיך אויסגעפאָרעמט און אויסגעתוכיקט גאָר אַ ניי מין ליד; זיין פערז איז מונטער, קרעפטיק און עלאַסטיש. די סטראָפן טורעמען זיך מיט ברייטע זון־באַשיינטע טיר און פענצטער. אַ ניי געזאַנג האָט זיך דערהערט — די שירה פון דער וועלט, דער ריטעם פון דער צייט, דער אומרו פונעם לעבן האָט אַרויסגעקלונגען פון שלאָנסקיס ליד.

ביי שלאָנסקין איז פאָרעם ניט אָפּגעטיילט פון תנ"ך — אַדרבא, וואָס רייכער ס'איז דער אויסנווייניקסטער אויסדרוק אַלץ רייכער איז די גאַמע פון די אינעווייניקסטע שפּירונגען, געדאַנקען און עמאָציעס. די קרעפטיקע רעטאָריק, דער איבערראַשנדיקער אימאַזש, דער פרישער פאַרגלייך, זיינען געוויס די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון זיין ליד. ס'איז דאָ אַזוינס ביי אים, וואָס איז רייכער פון דער ראַם פון פאָרעם און פון איר באַפּוצונג — דער ריטעם פונעם לעבן און דער גייסט פון צייט.

מרדכי יפה

# שרײַבערס און ביכער

משה שקליאַר

## דוד ספאַרדס „ברענענדיקע בלעטער"

דאַכט זיך, אַז עס איז שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. און סך־הכל זענען דאָך פאַרביי בלויז עטלעכע יאָר זינט יענער צייט ווען אַ שוואַרצע כמאַרע פון האַס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די קעפּ פונעם רעשטל לעבן־געבליבענע יידן אין פוילן. אָבער אַזוי איז שוין די מענטשלעכע נאַטור — געשעענישן ווייטע און נאָענטע ווערן פאַרבלאַסט אין זכרון. בלויז אין זייַנע טיפענישן לייגן זיך אָפּ פלאַסטן, ווי קלישעס, און מען דאַרף בלויז ערגעץ־ווו אַ דריק טאָן, כדי זיי אַרויסרופן פונעם נעגאַטיוו. דעמלט ווערט ווידער אַלץ קלאָר און בולט, ווי אַן ערשטיקע איבערלעבונג אין אַלע אירע דימענסיעס. אַזוי איז עס ווען איר נעמט אין האַנט דאָס לעצטע לידער־בוך פונעם דיכטער דוד ספאַרד*), וועלכער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אינעם יידישן ישוב אין פוילן און היינט געפינט ער זיך אין מדינת ישראל.

די אַנטיסעמיטישע כוואַליע וואָס האָט אין די יאָרן 1967-1968 זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער אַלע לענגן און ברייטן פונעם פוילנלאַנד, האָט געטראָפן ווי די שאַרף פון אַ שווערד אינעם סאַמע האַרץ פונעם דאָרטיקן יידישן ישוב, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אויך אַרויסגערופן אַן אויפרודערונג אין אַלע עקן פון דער יידישער וועלט — פונקט ווי אין זיין צייט דער גירוש שפּאַניע, די גזירות ת"ח ות"ט אָדער די יידן־פּאָגראָמען אין רוסלאַנד סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. אין יידישע הערצער און מוחות איז נאָך געווען פריש דער ווייַ און פּיין פון דער טראַגעדיע, וואָס איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער זיך פאַרלאָפן אויף דער פּוילישער ערד, ווי דער היטלער־מערדער האָט מיט דער הילף פון אָרטיקע אוממענטשן אומגעבראַכט מיליאָנען יידן אין די געטאָס, קאַלכאויוונס און קרעמאַטאָריעס. אַזוי אַרום איז די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין קאָמוניסטישן פוילן און דער געצוווּנגענער יידן־גירוש פון דאָזיקן לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָך איין שוואַרצן קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע. און פונקט ווי יעדער קאַפּיטל פון דעם מין האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור, אַזוי האָט אויך דאָס קאַפּיטל גירוש פוילן אים געפונען. אַרויסגעבראַכט האָט אים אויף אַ טיפן און רירנדיקן אופן דער דיכטער דוד ספאַרד, וועלכער האָט גענומען אויף זיך דעם חוב — ווי ער שרייבט —

„דעם בעכער אויסצוטרינקען ביזן סוף
עס זאָל אויף זיכער וויסן
מיין געוויסן
אַז דאָס געטראַנק איז נישט קיין עכטער
ווייַן
פון קעלטער
וועלכער הײַלט אויס אַלטן טרויער,
נאָר אַ נאָמען אַ פאַרשטעלטער
אַ פליסיקייט אַ זויערס
דעם מוח צו פאַרבלענדן
און פאַרלענדן
מיט פאַלשער שיין —
און דאָס וועט שוין דער לעצטער
משפט זיין."
(„דער לעצטער משפט")

אַזוי קאָן שרייבן נאָר איינער, וואָס איז געווען פאַרגלייבט פון זיין יוגנט אָן אין די אידעאַלן פון גלייכהייט און פרייהייט, וואָס זענען אויפגעשריבן געוואָרן אויף די רויטע פאָנען און זענען שפּעטער געשענדעט געוואָרן אויפן סאַמע העסלעכסטן אופן. אַזוי קאָן שרייבן נאָר איינער, וואָס גיט זיך אָפּ חשבון דערפון, אַז שטענדיק —

„...איז דאָס פאָלק געווען די סיבה
פון זיין פּיין און מוט
פון זיין האַס און ליבע
און אין זיין ליד
האָט יעדעס אות ווי אַ ווונד געגליט
און יעדעס וואָרט האָט ווי אַ טראָפּן
בלוט
באַשולדיקט און געוואָרנט."
(„דער פּאָעט")

און דערפאַר האָט דוד ספאַרד געהאַט דעם מוט אין יענע שווערע טעג פון יוני 1967, נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען אין פוילן און אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער האָבן אַלע פּראָפּאַגאַנדע־שופרות געשאַלט מיט באַנומענע קולות וועגן דער „ישראלדיקער אַגרעסיע", צו פאַרעפנטלעכן אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל „יידישע שריפטן", פון וועלכן ער איז געווען הויפּט־רעדאַקטאָר, זיין משל „שאַקאַלן", וואָס איז געווען זייער דורכזיכטיק און יעדער האָט געקאָנט פאַרשטיין, ווער עס זענען די שאַקאַלן און ווער דאָס ציגעלע, וואָס האָט געוואַגט מיט ציין און נעגל זיי גיין אַנטקעגן. אָבער נאָך פריער האָט שוין דער דיכטער, פאַר ווענען עס איז „דאָס פאָלק געווען די סיבה פון זיין פּיין און מוט", געאַנט די סכנה, וואָס לויערט אויף די יידן אין פוילן און אין אַ כלומרשט אידיליש ליד פון מאַי 1966 שרייבט ער:

„דינע שאָטנס נעמען דאָרט די וועלט
אַרום
און פּיעשטשען זי און צערטלען ווי
אַ קינד
און מיט ליפּן דורשטיקע זיי קושן שטום
די סאַמעטענע הענט פונעם אָוונטווינט.
נאָר פון אַ ווינקל אַ וואָלקן לויערט
מיט סכנה
צעוואַקסט זיך גרעסער אַלץ און גרעסער
אין טונקעלן אין־סוף
און אַנטקעגן שווימט אַרויס אַ פּאַסיקל
לבנה
ווי די שאַרף פון אַ בלאַנקענדיקן מעסער
און פירט נאָך זיך אַ שטערנדל ווי
אַ ציטערדיקע שאָף."
(„אָוונט")



בירגערלעכער און מענטשלעכער, בפרט יידישער מוט איז נישט קיין גאַנגבאַרע סחורה אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד, דערפאַר איז דעם דיכטער אויסגעקומען טייער צו באַצאָלן פאַר זיין געוואַגטקייט צו זאָגן דעם אמת, הגם טייל מאָל אויף אַ פאַרשטעלטן אופן. אויף זיין קאָפּ האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַלערליי רדיפות, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן אַרעסט פון זיין זון, נאָך די באַוווסטע סטודענטן־אומרוען אין פוילן אין מערץ 1968.

איך דערמאָן זיך: אין יענע טעג, ווען אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט פון פוילן האָט געבושעוועט די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, ווען אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען האָבן מאָטשאַרס אַגענטן אָן אויפהער גערופן: „ציוניסטן קיין פּאַלעסטינע!" און יידן האָבן נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט מיט זיך ברענגען, זענען מיר געזעסן אויף אַ באַראַטונג פון דער רעד־קאָלעגיע פונעם זשורנאַל „יידישע שריפטן" און דוד ספאַרד האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול פאַרגעלייענט אַ ציקל לידער געווידמעט זיין אַרעסטירטן זון. אין פוילן האָט אָט דער לידער־ציקל נישט דערזען די ליכטיקע שיין, ווייל אין קורצן איז דער זשורנאַל „יידישע שריפטן" ליקווידירט געוואָרן דורך דער מאַכט. איצט, לייענענדיק אים צווישן די ברענענדיקע בלעטער" לעב איך איבער אַלץ אויף דאָס ניי, גלייך עס וואָלט געווען מיין אייגענע שטוב, ווו —

„עס שטעלט אַ טאָג אַריין זיך...
קאַלט און פרעמד
ווי אַ פּאָליציי־אַגענט
מיט אַן אורטייל פון געריכט
אויף מיין לעצטן פונק פון גלויבן".
(„איך רוף דיך אין דער מיט פון נאַכט")

און אַזוי איז עס כמעט מיט יעדן ליד פונעם קאַפּיטל „תוהו ובוהו", ווו דער מחבר גיט אַ קינסטלערישע געשטאַלטיקונג די איבערלעבונגען פון אַן עדה יידן, וועלכע איז טאָג־טעגלעך געוואָרן פאַרהעצט און געשטויסן צום תהום פון פאַרצווייפלונג. טייל מאָל זיינען עס פּשוטע, אָבער רירנדיקע און אויפטרייסלענדיקע שורות, אַרויסגעבראַכטע אין איין אָטעם.

---

*) דוד ספאַרד: „ברענענדיקע בלעטער", פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, תשל"ב־1972.

ווי אינעם ליד „בליקן“:

„בייזע בליקן
שנאה־בליקן
בליקן פון פאַראַכטונג
פון פאַרשעמונג
און פון חרם
פויזן ווי די ווערעם
אין די מאָרגנס און פאַרנאַכטן
און באַגלייטן
פון די גאַסן צו די היימען.“

אַן אַנדערש מאָל נוצט דער דיכטער אָריגינעלע בילדלעכקייט, פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן, כדי נאָך בולטער און קלאָרער אַרויסברענגען די טיפע איבערלעבונג, ווי למשל:

„מיטן יאָגן זיך צו די ימען
מיט שוימענדיקע פלאַמען.
ביימער רייסן קריעה פון די צווייגן.“
(„בלעטער“)

אָדער:

„שוואַרצע נעכט
ווי עקסהומירטע קברים.
האַרטע טעג
ווי געביילטע פויסטן“.
(„לעצטער טראָט“)

און:

„אין מיין שטומען הויז
ליגט די יוגנט־שיין
אויפן טויטן־בעט.
איר צופוסנס אויפן דיל
פלאַקערט ווי אַ בלוט־שטורץ
די אָוונט־זון“...
(„אונדזער טאָג“)

מען וואָלט געקענט אַזוי ציטירן ליד נאָך ליד, אַרויספישן שורות פון דאָ און דאָרט, כדי באַווייזן ווי דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך מיטן פאָלק און דערהייבט אָפט מאָל דעם פאָלקס איבערלעבונגען צו אַ פילאָסאָפישער פאַראַלגעמיינערונג. אָבער עס איז ווייניק זיך צו באַנוצן בלויז מיט ציטאַטן. מען דאַרף לייענען די לידער אין גאַנצן, כדי דער פילן נישט בלויז דעם אַראָמאַט פון עכטער, אויטענטישער פּאָעזיע, נאָר אויך

די קונסט פון פאַרבינדן טיפע יידישע טראַדיציע מיט היינטצייטיקע פאָרמען. דאָס מערקט זיך סיי אין די אויבן־ציטירטע לידער, סיי אין דוד ספאַרדס געטאָ־לידער און באַזונדערס אינעם קאַפּיטל „בראשית“ ווו ער באַזינגט די ערד פון די אָבות, דאָס יידישע היימלאַנד, צו וועמענס ברעגן ער האָט דערגרייכט נאָך אַזוי פיל טראַגישע איבערלעבונגען און אַנטוישונגען. אויך דאָ האָט ער נישט דערגרייכט קיין פולשטענדיקע רו, ווייל:

„אַזוי פיל שיינקייט דאָ אַרום
און אַזוי פיל פּיין
און די פאַלדן פון די בערג און טאָלן.“
(„אַזוי פיל שיינקייט“)

ער זינגט וועגן „די קינדער פון צה“ל“, וועגן דער מלחמה. אינעם לידער־ציקל „שומר מה מליל“ זאָגט דער דיכטער:

„כ׳בין די מוטער
וואָס די אויגן אירע
זענען קוואַלן פון געוויין.
כ׳בין דער פאָטער
וואָס דער ווייטיק האָט פאַרגליווערט
אין אַ שטיין“.

און דאָך:

„איז גוט אַזוי צו גיין
דורך טומלדיקע גאַסן
פון אַן אייגן לאַנד
און מיט אויגן פול פון חידוש
זען הייזער אויסגעוואַקסענע פון שטיין
און ביימער אויפגעגאַנגענע פון זאַמד
און יידן פון אַלע ראַסן
וואָס אויף צענדליקער לשונות רעדן
יידיש.“
(„ס׳איז גוט אַזוי“)

איר פאַרמאַכט דאָס בוך פונעם דיכטער דוד ספאַרד און איר האָט דעם איינדרוק, אַז איר האָט ווירקלעך געבלעטערט „ברענענדיקע בלעטער“. און ווער עס איז נישט גלייכגילטיק צום גורל פונעם ייד אויף אַלע זיינע וואַנדערוועגן און אויף זיין לעצטער סטאַציע אינעם יידישן היימלאַנד, וועט נאָך נישט איין מאָל צום דאָזיקן בוך זיך אומקערן.



זלמן שלאָסער

# אַ פאָלקסטימלעכער ראָמאַן פאַר יונג און אַלט

(„קלוגע הענט“ פון שלמה סיימאָן, פאַרלאַג ציק״א, ניו־יאָרק, 1973)

דער סאָפיסטיזירטער לייענער וועט מסתמא געבן אַ לייכטן שמייכל און אַ דריי מיט דער נאָז ווען ער וועט נעמען לייענען דעם פאָלקסטימלעכן ראָמאַן „קלוגע הענט“ פון שלמה סיימאָן ע״ה. ער וועט שנעל דערקענען, אַז דאָס בוך איז ניט אין נוסח פון דער היינטיקער צייט: ניטאָ קיין אינטריגעס, קיין רישעות, קיין וועלט־אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, אפילו ניט קיין פאַרראַט צווישן מאַן און ווייב אַרום וועלכן דער ראָמאַן זאָל זיך דרייען און פאַנגען דעם לייענער מיט גרויס שפּאַנונג.

דאָך לייענט זיך דאָס בוך מיט אינטערעס און שפּאַנונג. עס איז געשריבן אין נוסח פון דער פאָלקס־מעשה, וואָס קען זיין אויסער די ראַמען פון צייט און אָרט, הגם די צייט און דאָס אָרט פון דער האַנדלונג איז אָנגעגעבן און די העלדן פונעם ראָמאַן זיינען לעבעדיקע מענטשן און ניט קיין סימבאָלן. די האַנדלונג קומט טאַקע פאָר אין דער מדינה מאָלדאַוויע ביי יידישע ווייך־הענדלערס מיט אַריבער הונדערט יאָר צוריק. נאָר פון דעם גייסטיקן קלימאַט און אַטמאָספערע, וואָס נעמט אַרום די אַנטוויקלונג פון דער פּשוטער פאַבולע שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז דאָס האָט געקענט פאַסירן אין יידישן לעבן היינט און נעכטן און פאַר אייער־נעכטן, צו יעדער צייט און אין יעדן אָרט. וואָרעם מען פילט אַזוי ווי די טרייבקראַפט פון דער גאַנצער האַנדלונג וואָלט געווען אַ גייסטיקער כוח, וואָס באַווירקט די העלדן פונעם ראָמאַן פון אייביק ביז אייביק. ס׳איז דער צויבער פון איינפאַכער גוטסקייט, פון ערלעכער פרומקייט און בטחון, וואָס פאַרטרייבן און לאָזן ניט צו קיין אינטריגעס און פאַרראַט — די הויפּטמאָטיוון וואָס באַהערשן די היינטיקע ליטעראַטור.

ד״ר שלמה סיימאָן האָט פאַרמאָגט סיי געדולד סיי טאַלאַנט צו שאַפן מעשיות פאַר יונג און אַלט אין נוסח פון די אַלטיידישע מוסר־ספרים. זייער נוסח איז געווען זייער פּשוט — יעדער מעשה האָט געדאַרפט זיין אַ לעבעדיקער ביישפּיל פון דער לעבנס־חכמה און מאָראַל פון אונדזערע אָבות פון אַלע צייטן. סיימאָנס מעשה־ביכלעך פאַר יונג און אַלט — „דאָס קלוגע שניידערל“, „שמערל נאַר“ און נאָך אַנדערע — זיינען גוט באַקאַנט צוליב אָט דער אייגנשאַפט פון פאָלקס־חכמה און הומאָר. און דאָס איצטיקע ביכל „קלוגע הענט“, וואָס דער ציקאָ פאַרלאַג האָט איצט אַרויסגעגעבן, איז פול מיט אָט דעם גרונט־שטאָף גענומען פון חומש, גמרא, פּרק, און פון דער מוסר־ליטעראַטור. פּסוקים און ווערטלעך פון יענע קוואַלן שיינען אַרויס ווי טייערע אידלשטיינער אויף יעדן קער און ווענד פון דער מעשה און ווירקן אַזוי ווי אָפּלייטערס פון רשעות און זינד וואָס לויערן אויף טריט און שריט.

„קלוגע הענט“ איז אַ פאָלקסטימלעכער ראָמאַן באַזירט אויף אַן אמתע פאַסירונג פון אַריבער הונדערט יאָר צוריק. אַ פאָטער האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פאַר זיינע צוויי זין, וואָס איינער באַגערט נאָר צו לערנען און דער אַנדערער נאָר צו אַרבעטן און האַנדלען. און אָנגעזאָגט האָט ער זיי, דאָס געשעפט קיין מאָל ניט צו פאַרקויפן, נאָר זיך טיילן מיט דער הכנסה גלייך אויף גלייך. ד״ה, דער וואָס אַרבעט און פירט דאָס געשעפט זאָל זיך טיילן גלייך אויף גלייך מיט דעם וואָס טוט בלויז לערנען.

מיט דער צייט זיינען די געשעפטן געוואָרן שוואַכער און שוואַכער און פון דעם לערנער איז געוואָרן אַ בעטלער, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער אַרומגעוואַנדערט, האָפנדיק צו דערגרייכן אַ מקום וואָס דאַרף אַ לערנער. ערגעץ אויפן וועג האָט אויך געווינט אַ ייד אָן קינדער אָבער אַ גרויסער מכניס אורח, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, געהאָלפן דעם בעטלער צוריק צו קומען צו זיין שטאַנד, צו ווערן אַ ראש ישיבה.

אויף די עלטערע יאָרן איז ביי דעם מכניס אורח און זיין ווייב — מסתמא ווי אַ שכר פאַר העלפן אַ ייד אַ בן־תורה — געבאָרן געוואָרן אַ זון יאָסעלע, וואָס האָט זיך אויסגעטויגט צו אַלץ אין דער וועלט נאָר ניט צו תורה. הענט האָט ער געהאַט קלוגע — צו מאָלן און צו שניצן, צו בויען און צו פאַרריכטן. און שטאַרק איז ער געווען, ממש שמשון הגיבור. נאָר וואָס קומט אַרויס פון גבורה, אַז צו תורה קומט עס ניט. איז ער געוואַקסן ווי אַ בורילע, אָן פרומקייט און אָן דרך־ארץ.

דערציילט מען זיך דאָך אין די פאָלקס־מעשיות, אַז אַמאָליקע צייטן, נאָך מער ווי היינט, איז די געטלעכע השגחה געווען זייער גרויס. האָט אַ קלוגע יידישע טאָכטער, וועמעס אויגן זיינען טאַקע געפאַלן אויף דעם בורילע, פאַרשטאַנען ווי אַזוי, מיט דער הילף פון דער השגחה, אָט דעם בורילע יאָסעלע אויסצולערנען כאָטש דאַווענען און דרך־ארץ. שיין און שטאַרק איז ער געווען, קלוגע הענט צו מייסטרעווען האָט ער געהאַט, און אַז איצט איז אויך צוגעקומען אַ ביסעלע יידישקייט און דרך־ארץ פאַר מענטשן, וואָס די פריערדיקע רבים זיינע האָבן בשום אופן ניט געקענט אים אויסלערנען — איז דער יונג געראַטעוועט געוואָרן פון זיין פאַרגרעבטקייט און שפלות. ווי אַזוי דאָס איז געשען — דאָס ווערט דערציילט מיט גרויס שפּאַנונג אין פאָלקס־ראָמאַן „קלוגע הענט".

אין דער ליטעראַטור ווי אין לעבן זיינען באַקאַנט פאַלן ווען אַ יחיד איז אויסערגעוויינלעך באַגאַבט אויף איין געביט און זייער, זייער הינטערשטעליק אויף אַנדערע געביטן. חיים פּאָטאַק, צום ביישפּיל, האָט אין זיין לעצטער נאָוועלע פון חסידישן לעבן אין ברוקלין, „מיין נאָמען איז אָשר לעוו", זיך פריי באַנוצט מיט אַן ענלעכן מאָטיוו. אָשר לעוו, זיין הויפּט־העלד פון דער נאָוועלע, איז געבוירן געוואָרן, פונקט ווי יאָסעלע אין „קלוגע הענט", מיט אַ געבענטשטן טאַלאַנט צו מאָלן און צו שניצן, נאָר ווען ס'איז געקומען צו לערנען תורה זיינען טאַטע־מאַמע אויסגעשטאַנען חרפות און בושות. עפּעס האָט דאָ ביי חיים פּאָטאַקן משמעות געפעלט, וואָס אין שלמה סיימאָנס ראָמאַן איז דאָ לרוב: ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַרן אייגענעם שורש און מקור.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פונעם מענטש איז גאַנץ אָפט אַרומגערינגלט פון בייזע פאַרפירערישע כוחות. און עס איז טאַקע שווער פאַר אַ בשר־ודם אַרויסצוקריכן מאָראַליש אומבאַשעדיקט, אומבאַרירט פון אָט דעם געראַנגל. אין דער פאָלקס־מעשה אָבער גייט דעם מענטש נאָך די געטלעכע השגחה — דער פּרינציפּ פון שכר ועונש, באַלוינונג און שטראָף. און דער געטלעכער וועג, דער דרך העולם, איז שטענדיק אַ גלייכער, ניט קיין פאַרדרייטער, נאָר דער מענטש אין זיין שוואַכקייט און גיריקייט פאַרפּלאָנטערט זיך אין שווערע נסיונות פון וועלכע מ'קען זיך קוים אַרויספּלאָנטערן גאַנץ, אומבאַשעדיקט. דערציילט אונדז די מסורה, אַז נאָר דער וואָס האַלט זיך ביי פרומקייט און ערלעכקייט, געפּאָרט מיט תורה און חכמה, קאָן אויסהאַלטן דעם שווערן נסיון. אַ מענטש פון אַזאַ מדרגה קען טאַקע בייקומען אַלע שטרויכלונגען, וואָרעם דאָס מזל איז שטענדיק אויף זיין זייט. טראָץ איובס באַרימטע טענה פון „צדיק ורע לו ורשע וטוב לו" — דעם צדיק איז שלעכט נאָר דעם רשע איז שטענדיק גוט.

היינטיקע צייטן פון פּאָרנאָגראַפיע, גזלה, מלחמות און פאַרברעכן, ווייסן אפילו קליינע קינדער, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פול מיט פאַרפירערישע שטרויכל־שטיינער וואָס זיינען שווער אויסצומיידן, סיידן דאָס האַרץ און דער מוח האָט פון דער פריסטער קינדהייט אָן אַריינגעזאַפּט אין זיך די חכמה און מאָראַל פון די אָבות.

ווויל איז דעם שרייבער, וואָס קאָן דערהייבן די איינפאַכע פאָלקס־מעשה צו אַ הויכער מדרגה. ס'איז אַ גרויסער אויפטו צו שאַפן מעשהלעך, וואָס זאָל אילוסטרירן אונדזער געירשנטע לעבנס־חכמה פון די אָבות, ווי שלמה סיימאָן האָט געטאָן, די חכמה פון ניט פאַרלאָזן זיך אויף נסים, פון ניט וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָר ניט טאָן, דהיינו, ווי דער מדרש תנחומא זאָגט: „אַ מענטש טאָר ניט זאָגן: איך וועל עסן און איך וועל טרינקען און מיך לאָזן וווילגיין און איך וועל גאָרניט טאָן און פון הימל וועט מען מיך פאַרזאָרגן. ניין, אַ מענטש דאַרף האָרעווען און אַרבעטן מיט ביידע הענט און דאַן וועט גאָט צושיקן זיין ברכה."



אָדער ווי אין פרק שטייט: „מען טאָר ניט מאַכן די רייד פון דער תורה אַ קרוין צו גרויסן זיך דערמיט און ניט קיין רידל צו גראָבן דערמיט — אויסצונוצן די תורה פאַר פרנסה."

עס איז בכלל אַ וווּנדערלעכער לייען־מאַטעריאַל, בפרט פאַר דער יוגנט און אַרום די כלערליי ישיבות, ווו מען גיט זיך אָפּ מיט לעבעדיקער יידישקייט.

דאָקטאָר שלמה סיימאָן איז פּראָפעסיאָנעל געווען אַ דערפאָלגרייכער דענטיסט. דאָך פלעגט ער געפינען גענוג צייט צו זיין אַקטיוו אין די שלום עליכם שולן, אַליין אָנפירן מיט תנ"ך־קורסן פאַר דערוואַקסענע, אַרויסצוגעבן ביכער וועגן יידישע קיום־פּראָבלעמען און אויך פאָלקס־מעשיות פאַר יונג און אַלט. דאָס איז אַ ווירדיקע ירושה פאַרן פאָלק, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און געטריי געדינט.

הענעך בערמאַן

# אַ וועגווייזער אין ים־התלמוד

מיט גרויס יראת הכבוד און ציטערניש שרייב איך דעם מאמר. די סיבה:

דער מאמר איז געווידמעט צו אַ ספר, וואָס איז דערשינען אין ישראל, ניסן תשל"ג. דער נאָמען פונעם ספר: „חק משה", פון אדמו"ר (אבי ז"ל) הרב משה יהודה הלוי בערמאַן, הי"ד, המרא דאתרא פון האָראָדלע (הרובישוויוער קרייז, פּוילן). דער חוב פון כבוד־אב איז אויך — לאחר מותו. אין מסכת קידושין ל"א — „מכבדו בחייו ומכבדו במותו" — איז דאָס מיין חוב. במילא איז דאָס נישט סתם אַן אַרטיקל. דער דמות דיוקנו פונעם טאַטן ז"ל שוועבט אין מיר. קען איך ניט מגזם זיין און טאָר נישט מחסר זיין. אָבער איך מוז זיך האַלטן אין די ראַמען פון „חשבון", (מעג איך זיין אפילו זיין פאַרוואַלטער), וועל איך מקצר זיין.

אין היסטאָרישן צוריקבליק, צי עס האַנדלט זיך וועגן ווייטע צייטן, אָדער עס האַנדלט זיך וועגן אונדזערע נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ביז עס האָט אויף אונדזער פאָלק זיך אַראָפּגעלאָזט דער דריטער חורבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען מיר אַנדערש ווי עס זיינען געווען די יידן פון זייערע ניט־יידישע שכנים אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. נישט נאַציאָנאַלע גאווה און נישט אַ נאָסטאַלגישע פאַרהערלעכונג פון דעם „אַמאָל איז געווען"... נאָר ניכטערע אָפּשאַצונג ברענגט אונדז צו אויספירן, אַז יידישע אויסדערוויילטקייט איז געווען נישט סתם אַ שיינער ווונטש, נאָר אַ טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט אין די שטעט און שטעטלעך וואָס דער רוב פון אונדז שטאַמט אָפּ פון זיי.

אויף דער מאַפּע פון פריערדיקן רוסיש־פּוילן און פון שפּעטערדיקן זעלבסטשטענדיקן פּוילן האָבן זיך געפונען יידישע וווין־צענטערן, וואָס זייער נאָמען האָט מען מיט אַ שפּאַקטיוו געדאַרפט זוכן אויף דער מאַפּע, אָפּגעזען פון דעם צי אַזאַ מאַפּע האָט עמיץ געצייכנט אָדער די מאַפּע איז בכלל געווען בלויז אין יידישן באַוווּסטזיין, אָבער אין דער יידישער דערקענטעניש האָבן אַ סך אַזוי־גערופענע „פאַרוואָרפענע העקן" געשפּילט די ראָלעס פון „ערים ואמהות", פון מאַמע־שטעט, פון גייסטיקע צענטערן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

אַזעלכע אָפּגעזונדערטע שטעטלעך, קליינע יידישע אינדזלען אין ימען פון סלאַווישע פעלקער זיינען באַרימט געוואָרן אפילו מחוץ די גרענעצן פון אייגענעם לאַנד. פאַרוואָס? צוליב וועמען? נישט צוליב די פּריצים, וואָס האָבן בשכנות פון די שטעטלעך געהאַט זייערע פּאַלאַצן און גיטער; נישט צוליב די גרויסע מיליטערלייט אָדער מיניסטאָרן, וואָס דאָרטן זיינען געשטאַנען זייערע וויגעלעך. ניין! די יידישע „געאָגראַפיע" האָט געקענט אַזעלכע שטעטלעך אַ דאַנק די גדולי התורה וואָס האָבן אין זיי געלעבט און דאָרטן מחבר געווען זייערע ספרים.

עס איז נוצלאָז אויסצורעכענען די שטעטלעך, וואָס אַ דאַנק זייערע רבנים און מחברים האָבן זיי באַקומען זייער תיקון און זיינען אַריין אין דער יידישער היסטאָריע.




פתיחה לשו"ת — כתב יד קדשו של המרא דאתרא.



געוועזן אין פוילן אַ קליין שטעטעלע הוראָדלע. מיט איר כאַראַקטער און פאַר־נעם איז זי נישט געוועזן קיין אויסנאַם פון אַ סך אַנדערע קליינע שטעטלעך אין פוילן. דאָך איז איר נאָמען געוועזן באַוווסט נישט נאָר אין פוילן, אויך אויסער אירע גרענעצן, צוליב איר רב, ר' יקותיאל געלערנטער ז"ל, אַ זון פון הרב ר' יוסף הארובישויוער מרא דאתרא, אַ שווער פון דעם גרויסן גאון, ר' גרשון חנוך העניך מראדזין, וועלכער האָט איינגעפירט דעם באַנוץ פון תכלת. נאָך לאַנגע וויסנשאַפט־לעכע אויספאָרשונגען און גלייכצייטיק איבערראַשט די לומדישע וועלט מיט זיינע סדרי טהרות, שאַפנדיק גמרא צו שווערע משנה, צו מסכתות, וואָס צו זיי איז קיין גמרא נישטאָ אין ש"ס.

אגב, ר' יקותיאל, מיין זיידע ז"ל, איז געוועזן דער 36טער רב, זון נאָך זון. זיין שלשלת היוחסין, אַן אייניקל פון אַפטער רב און דער מוטערס צד אַן אייניקל פון זאַמאָשטשער רב, דער מחבר פון „משנת חכמים".

נאָך דער פטירה פונעם זיידן ר' יקותי־אל ז"ל, האָט מיין פאָטער, ר' משה ליב ז"ל, דער מחבר פון אַ סך ספרים און דעם „חק משה", פאַרנומען די כסא־הרבנות אין עלטער פון 23 יאָר. הוראָדלע האָט שטאָלצירט מיט איר רב. זיין גאונות איז געקומען צום אויסדרוק וועגן נגלה און נסתר, פונקט ווי ער איז געוועזן פון די גרויסע שווימערס אין ים התלמוד; אויך אַ פענאָמענאַלער בקי אין ירושלמי, מדרשים, תרגומים, שאלות ותשובות, פוסקים און זוהר. אין קבלה איז ער געוועזן באַוווסט (ביי די אנשי־חן) אַלס אַ גרויסער מקובל. ער האָט געשאַפן אַ פירוש אויפן זוהר (געשריבן אין רש"י־כתב). ליידער איז אויך דער כתב־יד פאַרפאַלן געוואָרן אין דער צייט פון חורבן אייראָפּע. געוועזן אַ תלמיד פון ראדזינער ר' גרשון חנוך העניך און אויך זיין סעק־רעטאַר. געהאָלפן איבערשרייבן און צו־זאַמענשטעלן אַ סך פון ר' גרשון העניכס ספרים.

ווען איינער איז נאָר אַ בקי איז ער שוין מיט דעם אַליין אַ גאון, אַ זשעני, אפילו ווען ער שרייבט נישט קיין ספרים. יאָ, עס זיינען געוועזן אַזעלכע גאונים וואָס האָבן אַ סך געקענט — האָבן אָבער נישט געשריבן קיין ספרים.

דער הוראָדלער רב (אַזוי האָט מען אים גערופן אין דער לומדישער וועלט) איז אויסער זיין גאונות אויך געוועזן אַ כתבא־רבא. (צוזאַמען מיט דעם מאמר וועט זיין געדרוקט אַ פתיחה לשו"ת — אַ פאָטאָסטאַט פון זיין האַנטשריפט).

דער הוראדלער רב ז"ל האָט זוכה געווען אַרויסצוגעבן בחייו פיר ספרים:

(1) — „תפארת בנים" — אַ פירוש אויף מסכת אבות;

(2) — „חק משה" — שאלות ותשובות אויפן ערשטן חלק אורח־חיים. די איבע־ריקע 9 חלקים זיינען פאַרלוירן;

(3) „קול יהודה" — אַ פירוש אויף אַ געשריפטס, וואָס ווערט על פי מסורה באַ־טראַכט ווי אַ ברייוו פון רבי יוחנן בן זכאי;

(4) — „זכרו תורת משה" — אַ פירוש צו דער תורה ע"פ פרד"ס.

פינף כתבי־יד זיינען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה; צוויי כתבי־יד, וואָס זיינען „אוד מוצל מאש".

(1) דער „חק משה" (געדרוקט ה"י אין ישראל) — חידושים און ביאורים צו גאַנץ ש"ס און צו די מסכתות קטנות. מיט די לעצטע מיינט מען אַזעלכע יצירות ווי אָבות דרבי נתן, מסכת סופרים, מסכת כלה, דרך ארץ רבה, דרך ארץ זוטא און מסכת גרים.

(2) 230 שאלות ותשובות; דער כתב־יד געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק הרמב"ם אין תל אביב. מיר האָפן די שאלות ותשו־בות אין גיכן צו דרוקן.

און גאַנץ ריכטיק האָט באַמערקט דער מנהל פון דער ביבליאָטעק הרמב"ם, ר' אברהם גולדראט ז"ל: וואָלט דער הוראד־לער רב געשריבן באיכות, ווי עס פירן זיך אַנדערע מחברים, וואָלט זיין שעפע־רישע פרוכטבאַרקייט באַטראָפן אַ סך, אַ סך מער בענדער.

עס איז נישט צו געבן אַן איבערזיכט וועגן ספר „חק משה" פון אַזאַ פאַרנעם. (דערפאַר האָב איך געשריבן מיט איינצל־הייטן וועגן מחבר).

אויב מען זאָל דורכן באַנוץ פון היינט־צייטיקע טערמינען דאַרפן מסביר זיין דעם

ז. בונין

# קורצע ליטעראַרישע נאָטיצן

## „אינטים מיטן בוך"
### פון רבקה קאָפּע

רבקה קאָפּע צייכנט זיך אויס אויף אַלערליי ליטעראַרישע געביטן: פּאָעזיע, דערציילונגען, עסייען אאַ"וו. איר ניי בוך „אינטים מיטן בוך" (213 זייטן) וואָס איז דערשינען אין פּאַריז, איז, קען מען זאָגן, כשמו כן הוא — ס'זיינען קריטישע „אינטימע" אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע יידישע שעפערישע דיכטערס—מיינסטנס דיכטערינס — וואָס האָבן אויף איר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

אין אירע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען פירט אונדז רבקה קאָפּע צוריק אַזוי ווייט ווי ביז דעם 16טן י"ה, ווען יידישע פרויען — ניט ווויסנדיק אַז זיי זיינען דיכטערינס און אפילו ניט וויסנדיק וואָס דיכטונג איז אַזוינס, האָבן דאָך געשריבן פּאָעזיע אין דער פאָרמע פון תחינות, מוסר־ספרים, משלים און אפילו ראָמאַנען. און אין אירע „אינטימע" אָפּהאַנדלונגען פירט רבקה קאָפּע דעם לייענער ביז דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. איר בוך קען אַזוי אַרום אָנגערופן ווערן אַ מיניאַטור געשיכטע פון יידישע פּאָעטישע שאַפונגען, שעפערס און, איבערהויפּט, שעפערינס, אין משך פון די לעצטע פיר הונדערט יאָר.

צווישן די מאָדערנע פרויען־שרייבערינס, וואָס רבקה קאָפּע באַהאַנדלט, געפינען זיך: רבקה גאַלין, ריקודה פּאָטאַש, מלכה לי, מלכה חפץ טוזמאַן, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, איידע מאַזע, רחל ה. קאָרן און לילי בערגער; און צווישן די מענער־שרייבערס געפינען זיך: יחזקאל קאָרנהענדלער, בנימין שלעווין, איציק מאַנגער, יצחק יאַנוסעוויטש, יחיאל האָפער, מלך ראַוויטש, שמואל איזבאַן, א. סוצקעווער, יעקב גלאַטשטיין, בינם העלער, משה שולשטיין און אַנדערע.

ס'איז באמת א ווערטפול בוך, געשריבן מיטן חן פון איר אייגענעם פּאָעטישן טאַלאַנט.

---

אויפטו פון הרב המחבר, הי"ד, וואָלט פּאַסיק געווען צו זאָגן, אַז זיין אויסערגעוויינטלעכע חריפות און בקיאות זיינען אים בייגעשטאַנען, כדי אויפצוקלערן אַ רייע סוגיות און הלכות, אי דורך אַנאַלאָגיע, דורך פאַרגלייכנדיקע פאַלן און פרעצעדענטן אין ש"ס ונושא כליו, אי דורך קריטישע טעקסט־שטודיעס, וואָס זייערע הערות זיינען אויפקלערנדיקע און באַלייכטנדיקע הדרכה, קלאָר־מאַכנדיק דאָס וואָס האָט זיך אויסגעדוכט צו זיין פאַרהוילן. אויב מען זאָל דאַרפן כאַראַקטעריזירן די מעטאָדאָלאָגיע, דעם נוסח פון די חידושים פונעם מחבר, וואָלט פּאַסיק געווען צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַ סינטעטיקער, באַנוצנדיק און פאַראייניקנדיק די שיטות נישט נאָר אין תלמוד נאָר אויך די שיטות פון רש"י, ווילנער גאון, רבי עקיבא אייגער אד"ג.

פאַר יידן לומדים, רבנים און תלמידים אין ישיבות איז דער ספר „חק משה" אַ קאָמפּאַס ביים לאָזן זיך אין ים התלמוד.

עס קומט אַ גרויסן דאַנק דעם „ועד ציבורי להדפסת ספריו של הרב הגאון הקדוש ר' משה יהודה הלוי בערמאַן זצ"ל מיטן יושב־ראש, ר' שלמה זלמן שרגאי נ"י, ר' אברהם גולדראט ז"ל, מנהל ביבליאָטעק הרמב"ם אין תל אביב. ספּעציעל דריק איך אויס אַ דאַנק דעם סעקרעטאַר פון ועד צבורי, ש"ב ר' יוסף חיים זבידוביץ, בני־ברק, פאַר זיין אומדערמידלעכע אַרבעט לטובת הספר „חק משה".

דער ספר „חק משה" וועט אויך זיין אַ מצבה רוחנית נישט נאָר פאַרן מחבר, אויך פאַר דער קהילה האראָדלע, וועלכע ויינען אַלע צוזאַמען אומגעקומען על קידוש השם דורך די נאַציס ימ"ש. הי"ד.

ת נ צ ב " ה.



## „דער צדיק פון מיראַנדע"
### פון י. ח. קלינגער

(דערציילונגען, 199 ז"ז, פאַרלאַג „יידישקייט", לאָנדאָן)

אין דעם בוך געפינען זיך זעקס דערציילונגען, וואָס די לענגסטע פון זיי, „דער צדיק פון מיראַנדא", טראָגט דעם נאָמען פון דעם בוך. די טעמעס פון די דערציילונגען זיינען געבויט אויף יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין מיטלאַלטער, וואָס איבער זיי קען געזאָגט ווערן, ווי היינע דריקט זיך אויס אין זיין „לאָרעליי": „דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע, דאָך בלייבט זי שטענדיק ניי".

## „מיין טאַטנס ירושה"
### פון חיה רחל אַנדרעס

(לידער, פאַרלאַג „המנורה", תל אביב, 165 ז"ז)

מיט דער דיכטערין חיה רחל אַנדרעס האָב איך זיך באַקענט נאָך אין אונדזערע יונגע יאָרן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט זי דעמאָלט נאָך קיין לידער ניט געשריבן. אָנגעהויבן שרייבן האָט זי אין אירע טיפע מיטעלע יאָרן. געדרוקט האָט זי לידער אין אַלערליי צייטשריפטן און דאָס איז דאָס ערשטע בוך פון אירע געזאַמלטע לידער.

דאָס בוך איז באַגלייט מיט אַ הקדמה פון דעם דיכטער שלום שטערן, ווו ער שרייבט, צווישן אַנדערן: „פון דעסטוועגן האַלט איך, אַז אַ ליד האַלט זיך בלויז אויף זיין אייגענעם כוח. מען קאָן עס ניט אונטערשפּאַרן מיט קיין שום הקדמות. און באמת, חיה רחל „באַשטייט איר שטעטל" אויף איר אייגענעם פּאָעטישן טאַלאַנט! דו נעמסט לייענען דאָס בוך און קאָנסט עס ניט אַוועקלייגן ביז דו ביסט אין גאַנצן פאַרטיק מיט דעם. דאָס זיינען לידער ניט קיין 'געצאַצקעטע', ניט קיין 'געקליגלטע', ניט קיין אויספּיינען זיך מיט 'נחמהדיקע ווערטער', נאָר געשריבן פּשוט אין אַ פאָלקסטימלעכן טאָן און וואָרט."

לײדער דערלויבט מיר ניט דער פּלאַץ צו ציטירן אַ מערערע צאָל לידער, וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ רושם. די לידער זיינען דורכגעוועבט מיט נאָסטאַלגיע נאָך איר שטעטל סובאַלק און די מענטשן מיט וועמען זי האָט פאַרבראַכט אירע יוגנט־יאָרן, אַ לעבן וואָס איז אַזוי גרויליק אָפּגעווישט געוואָרן. זי שרייבט:

„סובאַלק, שולגאַס מיר און דרייסיק —
אונדזער אַמאָליקער אַדרעס;
פאַרשמעקט האָט לופט אין פרילינג
דאָרט
לילע־ווייס קאָלירטן בעז.
שפּראָצט נאָך איצט דאָרט אַ גרעזל?
בלעטערן נאָך איצט דאָרט די יונגע
צווייגן
אויף די אַלטע זקנים־ביימער,
צי אַלץ דאָרט ליגט שוין אין שטומען
שווייגן?
ס'פלעגט דאָרט הילכן זאָרגלאָז
ס'מיידלשע געלעכטער
פון רבקהלען, פון באַשקעלען און
שיינקען;
אַך ווי שווער איז, גאָט גערעכטער,
ווי שווער איז נאָך די שוועסטערלעך
צו בענקען!"

און אַזוי מיט בענקשאַפט באַזינגט זי אויך דעם שבת:

„שוין וואַסער אין שטוב פון פּלומפּ
אַריינגעטראָגן,
די דילן געוואַשן, ווי וואַקס אַזוי געל,
און טשאָלנט דעם הייסן אין אויוון
פאַררוקט,
דער שבת כמעט שוין ביים שוועל.
די מאַמע אין שייטל, פון שכינה זי
שיינט,
די וואָך — דעם שבתדיקן פאַרטוך איז
פרעמד;
דער טאַטע מיט שוכוואַקס די שיך שוין
באַשמירט,
זיין גרייז־גרויע באָרד אויף צווייען
צעקעמט.
שבת האָט חן אין הערצער געבראַכט,
שבת, די גייסטיקע גרויסע עשירות
פון לעבן האָט מען דאָך ווייניק
פאַרלאַנגט,
און שבחים געזונגען צו גאָט אין די
זמירות."

צוואַנציק לידער קומען אַריין אין דעם בוך אין אַן העברעישער איבערזעצונג פון דער ישראל דיכטערין אסתר זמסקי.

## „נישט דערלאַנגטע שטערן"
### פון אהודה רונת

(לידער, פאַרלאַג „רביבים",
תל אביב, 59 ז"ז)

אהודה רונת שטאַמט פון בריסט ליטאָווסק. העברעיש האָט זי זיך געלערנט ביי איר פאָטער, ר' אברהם ביקל, וואָס איז געווען אַ לערער. שפּעטער האָט זי שטודירט אין אַ סעמינאַר אין וואַרשע. איר גאַנצע משפּחה איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן י"ש. זי אַליין האָט זיך געראַטעוועט און איז אָנגעקומען קיין ישראל. דאָס בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן אליעזר.

אהודה רונת ערשט בוך לידער איז דערשינען אין ישראל, אין העברעיש, אין 1956, און איצט האָט זי אַרויסגעגעבן איר בוך אין יידיש — „נישט דערלאַנגטע שטערן."

דוכט מיר, אַז פאַר איר בוך איז עס אַן אומגערעכטער נאָמען: אהודה רונת האָט דורך אירע לידער די שטערן יאָ דערלאַנגט — די פּאָעטישע שטערן. אָבער די „שטערן" אין אירע לידער פינקלען מיט טיפן צער:

„איך וועל גיין צו זיי
וואָס נאָענט איז זיי מיין וויי,
ווו מיין ליד איז
פאַר זיי ליכט,
מיין וואָרט — אַ שיין געדיכט,
מיין קומען — איז אַ געזאַנג,
מיין אַוועקגיין —
אומעט — קלאַנג."

ווען דער פּלאַץ וואָלט מיר דערלויבט וואָלט איך נאָך און נאָך ציטירט פון אירע לידער, אָבער על פּי דחק מוז איך זיך באַגנוגענען ניט מער ווי מיט נאָך איין ציטאַט:

„סודות דאַרף מען ניט דערציילן,
ווינען דאַרפן זיי ביי דיר אין הויז.
ויינע פיינען — קיינער קען זיי דיר
ניט היילן,
טוליע זיי צו זיך און גיב ניט אויס.
איך ווייס ווי טייל מאָל פרעסט
אַ טרויער,
עס ווילט זיך דיר דערציילן שטאַרק
אַ טרער,
עס רייסט אַ סוד, ווי ווינט דיין טויער,
עס ברענט אַ בענקשאַפט ווי אַ הייס
באַגער,
אָבער סודות, גלייב מיר, דאַרף מען
ניט דערציילן,
צערטלען דאַרף מען זיי ביי זיך אין וויי.
קיין מאָל וועסט נישט טראָגן קיין
באַדויער
ווען דערשטיקן וועסט אין זיך
דעם סודס געשריי!"

## „סאָנעטן פון אַ מאמין"
### פון יעקב שמואל טויבעס

עס איז איצט אַרויס פון דרוק ביים י.ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל אביב אַ באַנד דיכטונגען פון אונדזער חשובן פריינד און מיטאַרבעטער ביים „חשבון", יעקב שמואל טויבעס. דאָס בוך רופט זיך: „סאָנעטן פון אַ מאמין" און איז „אַן אָפּקלאַנג, אַ פּאָעטיש ווידערקול" פון זיין אויפהאַלט און פון זיינע איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו.

* * * * *

## לוי גאָלדבערג אַ בעל גבורה

די רעדאַקציע און אַלע מיטאַרבעטער פון „חשבון" גראַטולירן דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער, מיטאַרבעטער פון „חשבון", צו זיין גרייכן דעם געבענטשטן עלטער פון גבורה און ווינטשן אים נאָך אַ סך, אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן, צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין — באַשע.



אלימלך דייטש

## אונדזערע ברכות צו יעקב כהנא (קאַהאַן)
### (צו זיין 75סטן געבוירנטאָג)

מיט פרייד און מיט פאַרגעניגן האָב איך אָנגענומען די עובדא אויסצודריקן אונדזערע אַלעמענס ברכות, אין נאָמען פון דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון", צו פון אַלעמענס געשעצטן און געאַכטעטן חבר און פריינד יעקב כהנא (דזשעק קאַהאַן בלע"ז) צו זיין גרייכן דעם עלטער פון יובל וחצי (75 יאָר) און ווינטשן אים מיט זיין ליבער פרוי, רעי, אריכת ימים, עד מאה ועשרים.

אונדזער זשורנאַל „חשבון" איז ניט דער ערשטער און אַוודאי ניט דער איינציקער וואָס קומט אַרויס מיט באַגריסונגען צום בעל־יובל י ע ק ב כ ה נ א (וואָס דאָס איז זיין אמתער נאָמען — אַ גרויס־יחוסדיקער נאָמען! — און וואָס דזשעק קאַהאַן איז בלויז זיין אַמעריקאַניזירטער פסוידאָנים). אַ סך באַגריסונגען צו אים זיינען געדרוקט געוואָרן נאָך פריער אין „יידישן קעמפער" און שפּעטער אין דעם באַזונדערן סוווענער־זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. (אַ באַזונדער באַריכט וועגן דעם ווערט געדרוקט אויף אַנדערע זייטן פון איצטיקן נומער „חשבון").

לייען איך אָט די פילצאָליקע באַגריסונגען צו אונדזער בעל־יובל, וואָס קומען פון די פירערס פון אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען איבערן לאַנד און אפילו פון מדינת ישראל, פון אַזוינע חשובע וועלטבאַרימטע יידישע שרייבערס ווי חיים גראַדע און מרדכי שטריגלער, פון לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פון אַן אומגעהויערער צאָל יחידים, לאַנדסלייט, חברים און פריינד, און במילא פרעג איך זיך די פראַגע: פון וואַנעט שטאַמט אָט די חברשאַפט, וואַרעמקייט, ליבשאַפט, פריינדשאַפט און גוטער ווילן, וואָס ווערט צו יעקב כהנה אויסגעדריקט מיט אַזוי פיל פרייד און איבערגעגעבנקייט און וואָס ווערן צו אים צוגעטראָגן מיט ברכות און גוטע ווונטשן, וואָס שטאַמען פון טיפן האַרצן און איבערגעגעבנסטע געפילן?

איז מיין ענטפער אויף דעם אָט וואָס: חז"ל האָבן באַשטימט, אַז „יש קונה עולמו (אפילו) בשעה אחת", אַ פשיטא שוין, אַז אַ מענטש טוט קונה זיין עולמו כסדר און אָן אויפהער במשך פון יאָרן און יאָרן און ווידמעט זיין גאַנץ לעבן צו עסקנות בצרכי ציבור באהבה, און אַזאַ מענטש, באמת אַ יחיד סגולה, איז אונדזער חבר און פריינד יעקב כהנא, וואָס איז זיך תמיד מתעסק בצרכי ציבור באמונה, און טוט עס לשמה — ניט לשם רעש, אָדער פּובליסיטי, אָדער רדיפת אחרי הכבוד און אָן זייטיקע פניות.

חבר יעקב כהנא צייכנט זיך אויס ווי א נאה מקיים — ער איז באמת אומר ועושה און — און איך באַטאָן עס: — קודם כל עושה און ערשט דערנאָך אומר.

ער איז ניט קיין רודף אַחרי הכבוד, אָבער דורך זיינע באַזונדערע פעיקייטן, אידעאַליזם און מוסטערהאַפטע טעטיקייטן לטובת הכלל און בפרט פאַר דער אַרבעטער ציוניסטישע באַוועגונג, ווערט כבוד אים צוגעטיילט במילא, און באהבה און אנערקענונג.

די פאַרדינסטן פון אונדזער ליבן חבר און פריינד יעקב כהנא זיינען אומגעהייער. ניט נאָר איז ער בלב ונפש, יומם ולילה, איבערגעגעבן צו דער דינסט פון צרכי ציבור, נאָר ער טוט עס אויך — בשתיקה, בענווה און אָן פירסום! — לטובת יחידים. ער איז באמת מקיים די מצווה פון מתן בסתר.

און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געקראָגן אַזוי פיל פריינד און פאַרערערס און איז באמת איינער פון די זעלטנסטע מענטשן וואָס מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַז ער זאָל האָבן שונאים.

אין נאָמען פון „חשבון" שיק איך אים אונדזערע האַרציקסטע ברכות, אים מיט זיין ליבער עזר כנגדו, רעי, און זאָל מיר דערביי דערלויבט ווערן אויסצודיקן צו זיי ביידן אויך מיינע און מיין עזר כנגדו, רחל, אונדזערע פערזענלעכע האַרציקע גוטע ווונטשן, אין איינעם מיט די האַרציקע גוטע ווונטשן פון אונדזערע ביידנס גוטע פריינד, אריה און בעלאַ פאָזי, און אַלע אַנדערע מיטאַרבעטערס, פירערס און שטיצערס פון „חשבון".

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד האַלט אָפ יערלעכע קאָנפערענץ; פייערט 75-סטן געבוירניאָר פון יעקב קאַהאַן

דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ל. א., וואָס איז היינט אַ פאַרייניקטע אָרגאַניזאַציע פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון און הבונים, האָט אָפגעהאַלטן די היי־יאָריקע קאָנפערענץ דעם 18טן און 19טן אויגוסט, מיט דער באַטייליקונג פון 350 פאָרשטייער פון 17 צווייגן אין ל. א. און סאַן דיעגאָ. ביי דער קאָנפערענץ איז אויך געפייערט געוואָרן דעם 75־סטער געבוירניאָר פון דעם פרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע און איינער פון די חשובסטע עסקנים אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, חבר יעקב (דזשעק) קאַהאַן.

ביי עטלעכע געשעפט־זיצונגען האָבן די דעלעגאַטן פאַרהאַנדלט ענינים פון דער באַוועגונג. זיי האָבן אויפגענומען אַן אויספירלעכן באַריכט פון משה כהן, עקזעקוטיווער דירעקטאָר און וויצע־פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קערפערשאַפט, פון אַ יאָר אַרבעט, און זיי האָבן דערוויילט אַ נייע עקזעקוטיווע אָנצופירן מיט דער טעטיקייט אין משך פון קומענדיקן יאָר. די לעצטע (לאָנטשעאָן) סעסיע איז געווען געווידמעט דעם יובילײ פון יעקב קאַהאַן. ביי דער זעלביקער סעסיע זיינען אויך איינגעשווירן געוואָרן די ניי־דערוויילטע באַאַמטע. דער הויכפונקט פון אָט דער זיצונג איז געווען אַ רעפעראַט פון דר. יהודה שאַפיראָ, פרעזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד און רעדאַקטאָר פון „דזשואיש פראָנטיער“, די ענגלישע אויסגאַבע פון דער באַוועגונג. דר. שאַפיראָ, וואָס איז אויך דער רעדאַקטאָר פון דער ענגליש־זייט אין זונטאגדיקן „פאָרווערטס“, איז געווען אין ל. א. ווי אַ מיטגליד אין דער לערער־קאָלעגיע פון היגן „היברו יוניאָן קאָלעדזש“, דורכצופירן אַן אַכט־וואָכיקן לערן־קורס איבער יידישע קאָמונאַלע פראָבלעמען פאַר פאָטענציעלע באַאַמטע אין יידישע געמיינדע־אינסטיטוציעס איבערן לאַנד.

דר. שאַפיראָ האָט געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין רעפעראַט דעם צייטמעסיקן פראָבלעם: אַמעריקאַנער פאָליטיק אין נאָענטן מזרח אין שייכות מיט די פראָפיט־געשעפטן פון פריוואַטע אויל־קאָמפאַניעס אין די פאַרייניקטע שטאַטן. די „סטענדערד אויל קאָמפ. אָוו קאַליפאָרניע“ האָט סוף יולי אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו 300,000 „שער־האָלדערס“ און אָנגעשטעלטע מיט אַ ווענדונג צו ווירקן אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו שטיצן „די אַספיראַציעס פון די אַראַבישע לענדער“ און „זייערע באַמיונגען פאַר שלום אין מיטל־מזרח.“ די היגע יידישע געמיינדע האָט מיט רעכט באַטראַכט אָט די ווענדונג פון דער אויל־פירמע ווי אַן אָנגריף אויף די פריינדלעכע פאָליסיס פון אַמעריקאַנעם סטייט־רעפאַרטמענט לגבי דער יידישער מדינה.

דר. שאַפיראָ האָט אין זיין רעפעראַט אַנאַליזירט די ציפערן פון דער אויל־פירמע, אָנווייזנדיק, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אויל־קאָמפאַניעס, צווישן וועלכע עס איז אויך די אויל־פירמע פון קאַליפאָרניע, פאַרקויפן דעם אַראַבישן אויל צו יאַפאַן און מערב־אייראָפעישע לענדער. זיי גייט ווייניקער אָן צו מילדערן דעם דוחק אויף גאַזאָלין אין אַמעריקע ווי צו מאַכן גרעסערע פראָפיטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן אויל־מאַרק. דער רעדנער האָט דערקלערט, אַז דער טומל וואָס „סטענדערד אויל אָוו קאַליפאָרניע“ האָט איצט געמאַכט איז געווען אין גאַנצן אינספירירט פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר זייערע געשעפטן מיט אַמעריקאַנער פירמעס. אגב, האָט די יידישע געמיינדע געענטפערט אויף אָט דעם סקאַנדאַליעזן בריוו מיט אַ פראָטעסט־אַקציע, וואָס מיר באַהאַנדלען באַזונדער אויף אַן אַנדער פלאַץ אין היינטיקן נומער „חשבון“.



דר. שאַפיראָ האָט אין זיין רעפעראַט אויך אַרויסגעבראַכט די נייטיקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט זיך אָפצוגעבן מער מיט יידישע פראָבלעמען אין אַמעריקע און פאַראינטערעסירן יידישע יוגנט אין די עקאָנאָמישע, פאָליטישע און ציוויליע רעכט באַוועגונגען פון די עטנישע מינדערהייטן אין אונדזער מדינה. ווי אַ ניו־יאָרקער תושב האָט דער רעדנער דער עיקר באַהאַנדלט פראָבלעמען פון פאָרטאָריקאַנער און אַנדערע שפאַניש־ריידנדיקע מינדערהייטן. אָבער דאָ־הי, ביים פאַסיפישן ים־ברעג, זיינען די פראָבלעמען פון דער וואַקסנדיקער מעקסיקאַניש־אָפשטאַמיקער באַפעלקערונג היינט באַזונדערס אַקטועל. ווי אַ פירער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט שאַפיראָ מער באַטאָנט די סאָציאַליסטישע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג אויף צו קענען באַווירקן די יוגנט. ער האָט צום סוף פון זיין רעדע זייער האַרציק באַגריסט דעם יובילאַר, יעקב קאַהאַן, ווי אַן איבערגעגעבענעם יידישן כלל־טוער און לאַנגיאָריקער עסקן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער בעל־יובל איז אויך וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון אַברהם פרענק, דירעקטאָר פון הסתדרות־קאַמפיין; פרעד קאַהאַן, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד; פון ראַביי דזשייקאָב אָטט, פרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, און פון מאָריס דייטש, ערן־פרעזידענט פון היגן אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג. אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע האָט צוגעשיקט בערנאַרד דזשייקאָבסאָן, נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון הסתדרות־קאַמפיין, און אַ זייער האַרציקן בריוו צו „דעם בעל־יובל יעקב כהנא“ האָט צוגעשיקט דער באַרימטער יידישער דיכטער, חיים גראַדע.

„איך טיטוליר אים אין בריוו און בעל פה „טייערער חבר יעקב כהנא“, שרייבט חבר גראַדע, „ווייל פון אָט דעם נאָמען שמעקט מיט דעם וואָס ער איז אויף אַן אמת מיט סאַמעט און זייד פון דורותדיקן יידישן יחוס, מיט אַריסטאָקראַטישער באַנעמונג, מיט עלעגאַנטע גוט־געפאַסטע מלבושים, מיט שטילן און איידעלן טאָן ביים אַרויסריידן די באַרעכנטע און זאַכלעכע ווערטער... וואָס זיין איטלעך וואָרט איז — אַן ערנוואָרט.“ אגב, חבר גראַדע מאַכט אויך אַ קאָמפלימענט דעם יידישן ישוב אין לאָס אַנגעלעס ווי „די איינציקע שטאָט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו עס גייט נאָך אַרויס אַ יידישער זשורנאַל „חשבון“.

משה כהן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פייערלעכער סעסיע, האָט איבערגעגעבן דעם בעל־יובל אַ רשימה מיט 78 נעמען פון נייע מיטגלידער־אַפליקאַנטן ווי אויך אַ לויב־שריפט פאַר זיינע פאַרדינסטן צו דער באַוועגונג. דער יובילאַר האָט ערב דער קאָנפערענץ אויסגעדרוקט אַ ווונטש, אַז די בעסטע מתנה וואָס די אָרגאַניזאַציע קען אים געבן צו זיין 75־טן געבוירניאָר איז 75 נייע מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע.

מאָריס דייטש האָט אַפעלירט צום יום־טובדיקן עולם בייצושטייערן צו דעם פאָנד פון $20,000 וואָס די אָרגאַניזאַציע באַמיט זיך צו שאַפן פאַר דעם וואָכנזשורנאַל פון דער באַוועגונג, דער „יידישער קעמפער“ און אַנדערע אינסטיטוציעס. „אויב מיר קענען שאַפן מיליאָנען דאָלערס פאַר ישראל דאַרפן מיר אויך קענען שאַפן אָט די באַשיידענע סומע פאַר אונדזער אייגענער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע“, האָט חבר דייטש געזאָגט. (אגב איז דאָס געווען די איינציקע רעדע אויף יידיש ביי אַ קאָנפערענץ ווו ס׳רוב באַטייליקטע זיינען יידיש־ריידנדיקע פאָלקס־מענטשן...).

דער יובילאַר האָט צום סוף געהאַלטן אַ האַרציקע רעדע, באַדאַנקענדיק דער אָרגאַניזאַציע פאַר דעם כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן ווי אויך פאַר דער ספעציעלער ביילאַגע מיט באַגריסונגען אין „יידישן קעמפער“, צו אים און זיין פרוי, רעי קאַהאַן, וועלכע איז אַן אַקטיווע טוערין אין דער פיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע. „מיין בעסטע מתנה איז די רשימה פון 78 נייע מיטגלידער, מחמת מיין הויפט־אינטערעס איז דער וווקס פון אונדזער אָרגאַניזאַציע“, האָט דער בעל־שמחה דערקלערט.

ביי די פריערדיקע סעסיעס זיינען די דעלעגאַטן באַגריסט געוואָרן פון תנחום

די „אַמעריקאַן דזשויש קאָמיטעט", בני ברית, יידישער קאָנגרעס, אידישער אַרבעטער קאָמיטעט און אַנדערע, האָט גערופן בלויז צו עפנטלעכע פּראָטעסט־אַקציעס, אַרויסטרעטנדיק קעגן אַ באָיקאָט. די אָרגאַניזירטע יידישע געמיינדע האָט באַקעמפט דעם אַראַבישן באָיקאָט קעגן ישראל און אירע פריינד", ווערט געזאָגט אין איר אָפיציעלער דערקלערונג, „און מיר שטיצן ניט היינט קיין באָיקאָט קעגן סטאַנדאַרד אויל". דער אומאָפיציעלער באָיקאָט האָט אָבער שוין דערפירט, אַז געזאָלין־פאַרקויף פון דער פירמע זאָל, לויט די באַריכטן אין דער „ל. א. טיימס", פאַרקלענערט ווערן אויף איבער 40 פּראָצענט.

דערווייל האָט די אויל־פירמע זיך דערשראָקן. אין אַן אָפיציעלן בריוו צו דעם טשערמאַן פון דעם קאָמיוניטי רילייישאַנס קאַונסיל אין סאַן פראַנציסקאָ, מר. ריטשאַרד ס. קאַפּלאַן, דערקלערט דער הויפּט פון דער „סטאַנדאַרד אויל קאָמפּ.: „אין אונדזער בריוו צו די סטאַקהאָלדערס זאָגן מיר, אַז עס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון אונדז אַלע, וואָס זיינען בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צו ווירקן אויף אונדזער רעגירונג צו אַרבעטן לטובת אַ צושטאַנד פון שלום און סטאַביליטעט. מיר מוזן אנערקענען די לעגיטימע אינטערעסן פון אַלע פעלקער אין מיטל־מזרח"... דאָס שליסט איין אויך די לעגיטימע אינטערעסן פון ישראל און איר באַפעלקערונג אַזוי גוט ווי די אינטערעסן פון אַנדערע לענדער אין דעם ראַיאָן" (אונטערשטראָכן פון אונדז, ש. וו.). דאָס איז שוין אַ ביסל אַנדערש ווי אין דער ערשטער ווענדונג פון דער פירמע.

עס זעט אויס אַז די יידישע געמיינדע אין ל. א. איז גרייט אָנצונעמען אָט די לעצטע אויפקלערונג. אָבער זי פאַרלאַנגט אַז די אויל־פירמע זאָל עס אַרויסשיקן צו אַלע 300.000 סטאַקהאָלדערס, וועלכע האָבן געקראָגן דעם ערשטן בריוו און עס ברייט פּובליקירן אויף טעלעוויזיע, ראַדיאָ און אין דער פּרעסע.

## אונדזער קולטור־קלוב האָפט צו קענען פייערן דעם חנוכת הבית סוף דעם יאָר

ווי עס איז באַקאַנט האָט דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנגעלעס, נאָך דעם ווי עס איז פאַרקויפט געוואָרן דער בנין אויף מאָנראָ גאַס, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג אויף דריטע גאַס, איבערצובויען דעם צווייטן שטאָק אַריינצונעמען די גרויסע ביבליאָטעק פונעם קלוב און האָבן אַ זאַל פאַר די קולטור־אונטערנעמונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. די בוי־אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון שלמה צוקערמאַן, דעם לאַנג־יאָריקן עסקן אינעם קלוב און אַ ספּעציאַליסט אין בוי־ענינים. עס ווערט דערוואַרט, אַז סוף יאָר וועט די בוי־אַרבעט שוין זיין פאַרענדיקט און די נייע היים פון יידישן קולטור־קלוב וועט פייערן דעם חנוכת הבית סוף היינטיקן יאָר. דערווייל וועט דער קלוב אין משך פון די האַרבסט־חדשים פירן זיין אַרבעט אין געדונגענע זאַלן, ווי פאַראַיאָרן.

*Seasons Greetings*

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# HILL MART

**7600 So. Sepulveda Blvd.**

LOS ANGELES 90045

A SUPER MARKET FOR THE DISCRIMINATING



## ס'איז איצט דערשינען אין ישראל פאַרלאַג „ליאור" אַ בוך פון שייע שיכאַטאָוו, „יאָרן פון קאַמף און געראַנגל"

אויף איבער 700 זייטן פון דעם בוך ווערן געבראַכט פאַרשיידענע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן חורבן: יידישער ווידערשטאַנד, די יידישע טראַגעדיע אין פוילן, אַלבומען וועגן טאָגביכער פון יידישע קינדער אין די געטאָס, וועגן די פּראָבלעמען פון קאָלאַבאָראַציע אא"וו.

אַ באַזונדער קאַפּיטל „דערינערונגען און איינדרוקן", זכרונות וועגן דער פאַר־מלחמהדיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פוילן, בערעזאַ קאַרטוסקאַ, וווהין דער מחבר איז געווען פאַרשיקט פאַר זיינע טעטיקייטן אין אַרבעטער באַוועגונג.

אין בוך ווערן אויך געבראַכט אָפּהאַנדלונגען לזכר די פאַרשניטענע יידישע קהילות אויף וואָלין, פון וואַנעט דער מחבר שטאַמט.

אין לאָס אַנדזשעלעס קאָן מען דאָס בוך באַקומען פון מחבר—

טעלעפאָן: 276-5678. אַדרעס:

S. SZECHATOW
1640½ Preuss Road
Los Angeles, Calif. 90035

---

## תכלה שנה וקללותיה
## תחל שנה וברכותיה

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" און יידישער קולטור־קלוב שיקן זייערע האַרציקע לשנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטאַרבעטערס און לייענערס, צו מדינת ישראל און כל ישראל בכל מקום שהם.

מיר ווינטשן אַלע אונדזערע פריינד אַ שנת ברכה והצלחה — און לאָמיר זוכה זיין אינעם יאָר תשל"ד צו אַן אמתן שלום אויף דער וועלט, נאָך מער אויפשוווּנג פון מדינת ישראל און אַ סך נחת פון איר; און אַ סך גליק פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט. מיר ווילן האָפן, אַז דאָס נייע יאָר וועט אויך ברענגען גליק און פרידן דעם שווער־געפּרוווטן יידנטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר וועלכן מיר זיינען אַלע מתפלל:

תחל שנה וברכותיה!

לייב מלאך

# אַ תחינה פּאַסיק פּאַר ראש השנה

(אויסצוג פון זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „די הייליקע מויד פון לודמיר“,
וואָס וועט באַלד אויפגעפירט ווערן אויף דער בינע)

... גערביטער פון עולמות, האַר פון ביידע וועלטן,
דאָ שטייט פּאַר דיר אין אונטערטעניקייט דיין דינסט;
וואָס זיינען מיינע תפילות קעגן דיין געוועלטן?
אַ שטויבעלע פון זאַמד, אַ ווערטל אַ מינדסט.

צו וואָס האָסטו די לויטערקייט פון מיין נשמה
געלאָזט פאַרשלינגען פון די פלאַמען פון מיין גוף;
אַליין מיט זיך זאָל איך איצט פירן אַ מלחמה,
אַליין מיט זיך, אַליין נעמען אויף אַ פּרווו?

ס'איז שווער, געוועלטיקער פון אונדזערע מחשבות,
דו ווייסט דאָך יעדע טראַכטונג, יעדן חטא.
דאָך ניט פון מיר, פון זכות פון מיינע גרויסע אָבות
זאָל אָפן זיין דער וועג צו דיר פאַר מיין געבעט.

איך בעט דיך, גאָט פון מיינע עלטערן, פאַרטיליק
די בייזע טראַכטונג, וואָס עס איז אין מר, פאַרטרייב,
יאָון לאָמיר פילן, וואָס עס איז אין מיר דער חילוק
פון מיין נשמה פלאַקער ביז די פלאַמען פון מיין לייב.

אָ, גרויסער גאָט, פון וואַנען וועסטו מיך דערהערן,
אין שטילקייט פון די טרערן, צי אין קול פון רעש?
כ'גיב אָפּ מיין גייסט אין דיינע הענט ביז ס'וועט פאַרצערן
דער לעצטער פונק אין מיר און וועט מיך איבערלאָזן אַש.

כ'גיב אָפּ מיין גייסט אין דיינע הענט, ס'איז דיין פּיקדון!,
נאָר העלף מיר, גאָט, איין־איינציק מאָל, בלויז היינט צו חצות,
ווען דו וועסט עפענען דיין פייערדיקן לאָדן,
אָ, לאָז מיך זען דיין וווּנדער, אָ, ווייז מיר דאָן דיין אות!

כ'וויל זען לייטזעליקייט אין דיין גבורה־צייכן,
דיין צאָרן — ווי אַ כמאַרע פאַר לבנהשיין צעקריכט;
און זאָל מיין תפילה היינט אין דיינע היכלות דערגרייכן
און אַלע בייזע שאָטנס זאָלן זיך צעלויפן פאַר דיין ליכט.



די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון

# אַרבעטער רינג

אַ פּראָגרעסיווע, פּראָטערנאַלע, יידישע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציע
אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף אַלע שטחים און געביטן
אין אמעריקע און מעבר לים

שיקט זיינע ניי־יאָר ברכות צו אַלע זייערע מיטגלידער, פריינד און כל ישראל.

יוסף מלאַטעק, בילדונגס־דירעקטאָר

☆ ☆ ☆

מיר שיקן אונדזערע האַרציקע ניי־יאָר ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און כל ישראל — פאַר אַ יאָר
פון געזונט פרייד און פרידן אויף דער וועלט

**וואַנגאַרד בּרענטש 1016**
אַרבעטער רינג

**וולאַדעק בּרענטש 443**
אַרבעטער רינג

**א. ליעסין בּרענטש 663**
אַרבעטער רינג

**קראַפּאַטקין בּרענטש 413**
אַרבעטער רינג

קאַרל העלפּער, סעקרעטאַר

**מאַרים זיגמאַן בּרענטש 689**
אַרבעטער רינג

מאַקס מאַרקאָוויץ, סעקרעטאַר

**וולאַדימיר מעדעם בר. 655**
אַרבעטער רינג

**אַרטור זיגלבּוים בּרענטש 486**
אַרבעטער רינג

פּינחס ווישעגראַד, פּאָרזיצער
יצחק פינקלשטיין, סעקרעטאַר

**דעבּס בּרענטש 590**
אַרבעטער רינג

# באַגריסונג פון

## ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

צום נייעם יאָר תשל״ד — לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַ יאָר פון שלום אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט !**

מיר שיקן אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו די חברות און חברים פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, צו דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און צו אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, צום נייעם יאָר !

מיר סאַלוטירן די רעגירונג פון ישראל, דעם גאַנצן ישוב און אונדזערע חברים אין דער הסתדרות, אַז דאָס יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון שלום און פון ווייטערדיקן אויפבוי.

אונדזערע הייסטע תפילות באַגלייטן די יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד און מיר פאַר־זיכערן זיי, אַז מיר וועלן שטענדיק געדענקען זיי און אומאויפהערלעך פאָדערן זייער רעכט זיך אויסצולעבן יידישן גייסטיק און קולטורעל און ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק.

### פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

ד״ר יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט — יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

---

**מיר ווינטשן שנת שלום, ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל**

### שלום עליכם צווייג נומ. 305 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טעאָדאָר כץ, פּרעזידענט
ד. סידראָוו, וויצע־פּרעז.
חיה ניומאַן, פּראָט. סעק.
וועלוול אָרטנשטיין, פין. סעק.

### הירשביין - רויזנבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פיליפּ בראָדי, אברהם שניידער
פּרעזידיום
ראָבערט טעמפּער, פין. סעק.
מאיר קעסטל, פּראָט. סעקר.

---

### באָראָכאָוו-פּינסקי צווייג נומ. 122 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

אברהם טענער, פאָרזיצער
מ. האָפמאַן, פין. סעק.

### אויפבוי גרופּע

יוסף גאָלדבערג, פּרעזידענט
משה מאַנדעלבוים, סעקרעטאַר
הערי אבראַמס, פין. סעקרעטאַר



שנת ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע חברות, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל.

### דרורה צווייג פיאָנערן פרויען

עדינה פרידמאַן, פּרעזידענט

---

### ווייצמאַן--זאַלצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאָרזיצער
יצחק גיבערמאַן, פין. סעק.
מאַקס פייקוס, רעק. רעק.

### זרובבל צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

משה אָדערבערג, פאָרזיצער
לייב ראָזנבלאַט, סעקרעטאַר

---

### מאַקס פיין צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

חיים אַראָנאָווסקי, פאָרזיצער
פיליפּ קאַפּלאַן, סעקרעטאַר

---

## די לייען-קרייזן פון לאָס אַנגעלעס

### באַגריסן אַלע יידן מיט ווונטש פאַר אַ שנת ברכה והצלחה

---

### קאָונסיל פון די לייען-קרייזן

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

### אַרבעטער רינג לייען-קרייזן

סידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

### ה. לייוויק לייען-קרייז פון עלסינאָר

בעלאַ גן, סעקרעטאַר

### רינגלבלום לייען קרייז

ווינטשט אַ גוט געזונט יאָר אַלע מיט־גלידער, פריינד, מדינת ישראל און דער גאַנצער וועלט.

סאָניא קעי, סעקרעטאַר

### דר. דאָלניק לייען-קרייז

איידאָ מאַרקמאַן, סעקרעטאַר

### ה. לייוויק לייען-קרייז

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

### ה. רויזנבלאַט לייען-קרייז

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

האַרציקע באַגריסונג פון אַלע חברות !

### יהואָש לייען-קרייז

ראָוז אָסטראָוו, פין. סעקרעטאַר

**הרב מנחם ורעיתו מרים בורנשטיין**

**ד"ר חנוך ורעיתו צלה בידר**

מברכים את הפעילים בהפצת
התרבות היהודית
בשנה טובה ומוצלחת

**אפרים סאליס ורעיתו יהודית**

מברכים את קרוביהם וידידיהם
בכל מקום שהם

**בשנת שלום וברכה**

---

לידינו ומשפחתנו בלוס אנג'לס ובערים אחרות בארצות הברית, ולגולדה מאיר, ראש ממשלת ישראל, ולכל מגיני ארץ ירושתנו —

**שנת שלום וברכה**

**בנימין וסרילה בן-עזיז**

ערב ר"ה, תשל"ד

לשוחרי יהדות ותרבותה
ולעם היושב בציון!
שנת שלום ושגשוג.

**זאב ורבקה סאליס**

ל. א. ערב ר"ה, תשל"ד

---

לבני משפחתנו ולידידינו בכל מקום שהם
שלוחות ברכותינו לשנה הבאה לקראתנו —
יהי רצון, כי בשנה הזאת תהא שלום לכל דרי עולם.

**הרב יעקב פרידמן ורעיתו לאה ובניהם**

ל. א. ערב ר"ה, תשל"ד

---

Seasons Greetings from
**STATE MUTUAL SAVINGS**
AND LOAN ASSOCIATION
Safety Since 1889
**IRENE HAJDU**
**Asst. V. P. and Manager**
7919 Sunset Blvd.
(Corner Fairfax & Sunset)
Hollywood, Calif.—(213) 874-2611

*Greetings from*
**SCHWARTZ PRINTING CO.**
773 Kohler Street
Los Angeles, Calif. 90021
Tel. 624-9378



שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**אַנדרעס, חיה רחל**
דאַלאַס, טעקסעס

---

**קאַהאַן, רעי און יעקב**

---

**דראַנזעק, ש. ומשפחתו**
עלסינאָר, קאַליף.

---

**קאַרסאָן, מנחם**

---

**צוקערמאַן, ציליע, שלמה און משפחה**

---

**קאַלער, דאָרים און יצחק**

---

**ראָזענבוים, גדליה**
דעטראָיט, מישיגען

---

**ראַבין, אַלעקס און משפחה**
אין אָנדענק פון אונדזער שפרהן

---

**רויטבאַרד, חנה און יוסף**
מילוואָקי, וויסקאָנסין

---

**לעוו, רבקה און זיגמונט**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אָמאַן, סאָניע
אַבירון, דזשין און באַרני
אַנאָנים, אַ פריינד

בעקער, סו און יעקב (דזשעקסאָנוויל)
בעקער, רות און ד״ר לייזער (פיניקס)
בלעווים, חנה און מענדל
בריינין, ליובע און שמואל
בערמאַן, חוה און העניך
בלום, ביילקע (בערטאַ)
בערמאַן, פעי און פינטשע
בריס, טילי און תנחום

גליקמאַן, בערנאַרד און ציליע
גאָלדפאַרב, לילי און מענדל
גאָלאָמב, אברהם, רבקה און משפחה
לשנה טובה און לשנום טובות אַלעמען

דייטש, רחל און אלימלך
דזשעריק, בליומע

האָפשטיין, פעני און מאיר

וויינבערג, פר.
ווייס, פלאָראַ און שמואל
ווינער, באָריס
וואַנאַמייקער, באַשע
וויינטרויב, לילי און מאיר
וויינמאַן, דזשעני
ווישענגראַד, פינחס

טויבעס, יעקב שמואל און גיטעלע
טיילאָר, ליבע און מייער

כּץ, דאָראַ און טוביה

ליינער, שרה און שמחה
לייקין, שמואל בער (דעטראָיט)
לישינסקי, ש.
לעווין, דאָראַ און סעם
לעווין, פעני

סעלצער, מרים און טוביה
סאַפּיאַן פעי
אין אָנדענק פון מיין מאַן יצחק

**SUNSHINE TERRACE CONVALESCENT HOME**

פישער, לוסילעט און ד״ר בערנאַרד
פאָזי, בעלאַ און אַריה

קאַרפּ, סימע און זרח
קאַפּלאַן, משה

ראָזמאַן, מערי און משה
רומאַק, חבר און חברה

שטערנפעלד, סאָפי און הערי
שרגא, רבקה און דוד
שאָר ווילי (וועלוול)
שולגאסער, ד״ר בערל און פרוי
שטיינבערג, בלימע
אין אָנדענק פון מיין מאַן משה
שטיינבערג משפחה, קלאַראַ און קינדער



שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַפּטייקער, אסתר
אַדערבערג, מרים און משה
אַסטראָף, לאה און שמואל (ניו-יאָרק)
אַדעס, גערטרוד און שאול
ארטענשטיין, פייגל און וועלוול

באַלאָט, ראָוז
**BECKER'S FISH MARKET**
בונין, יעטאַ און זרח
בורשטיין, ד״ר
בעלינסקי, אָסקאַר און פרוי
בלעווים, חנה און מאַקס

גרעי, יעטאַ און שמחה (דזשאַן)
גארעליק, יעקב (ניו-יאָרק)
גאן, בעלאַ (עלסינאָר)
גרינשטיין, שמחה
אין אָנדענק פון מיין פרוי ראָוז
געדאַנקע, סעם
גאָלדשטיין, דבורה און העניך
גילדער, שמחה
גיבערמאַן, אסתר און יצחק

דינצין, מענדל

העלפער, קאַרל

וויינראַט, יצחק און משפחה
זימרינג, ראָוז און באָרים

טעמפער, פערל און ראָבערט
טראָמבקא, חוה און יוסף
טייטלבוים, שרה
טילעס, ראָוז און יוסף

כאַזאַנאָוו, פייע און אליהו
יאַפע, שרה

כהן, חיה רחל און אברהם נתן

ליוואק, מערי און יוסף
לאַסאָס, טוביה

מארקוס, אידיט און ארטור
מוראווניק, פריינד און פריינדין
מערעמינסקי, דזשעני און יעקב

נאַדלמאַן, בעקי און משה
נאור, ד״ר מנחם ורעיתו שמחה
נאַרמאַן, ראָוז (עלסינאָר)

סלוצקי, רחל און מענדל
סאַלאָמאַן, אסתר
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר

פאַניין, פייגעלע און יוסף
פייקוס, מילדרעד און מאַקס
פריזענט, פעני און משולם (פיטסבורג
פינקלשטיין, פיידי
פרענקל, גערטרוד
פינקלשטיין, ראָוז (עלסינאָר)

קולין, עטל און חיים
קאַזאַק, פאַפי און הערשל
קירושנער, מאיר
קיפּניס, מרים און אשר
קרוק, יחזקאל און מרים
קאַהען, ד״ר בערנאַרד און פרוי
קליינבארד, רחל און בען
קענטאָר, ריווע
קאַהען, ראָוז און אברהם

קרעמער-פלאָר, לאָטי און מאַקס
ראָזענשטיין, נאַטי
ראַוויטש, ראָוז
שולוויס, נעשע און משה
שייפער, גילדא און משאַרלי